STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07170

HEMSHEKH

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

המשך

ז-אמרבו-ד

1

ניו יארק 1939

המשך

זאמלבוך

1

רעדאקציע קאלעגיע:

ב. דעמבלין
בעריש וויינשטיין
ל. טרייסטער

ניו יארק 1939

פאַרוואָס המשך?

שוין דער נאָמען „המשך" דערקלערט וואָס די איניציאַטאָרן זענען אויסן געווען מיט ארויסגעבן דאָס זאמלבוך, דאָך, זאָלן א פּאָר פּונקטן קלאָר געמאכט ווערן.

מיר ווילן מיט דעם „המשך" מאניפעסטירן דעם געדאַנק אַז די יידישע ליטעראַטור גייט נישט אונטער; אז מיר, דער יונגערער דור יידישע שרייבער, איז א המשך פון דער גאנצער קולטור־שאפונג ביי יידן, אַנהייבנדיק פון די עלטסטע צייטן ביז די דערגרייכונגען פון די בעסטע פאָרשטייער אין אונדזער מאָדערנער ליטעראטור סיי אין יידיש און סיי אין העברייאיש.

מיר זענען אויסן מיט דעם זאמלבוך צו באשאפן אן אָרט, א טריבונע, וואו דער יונגער יידישער שרייבער זאָל נישט געצאַמט ווערן, וואו ער זאָל קאָנען קומען צו זיין אינדיווידועלן אויסדרוק און אזוי ארום אנטוויקלען אן אייגן קינסטלעריש פרצוף, אַן אייגן קול, אָן וועלכן קיין ווערטפול ווערק קאָן נישט געמאָלט זיין.

דורך דעם זאמלבוך ווילן מיר אויפהייבן און אָפּהיטן די חשיבות פון יונגערן יידישן שרייבער, וועמענס גורל עס איז געווען צו קומען אין דער ליטעראַטור אין א צייט ווען קיינער באדאַרף אים נישט, ווען קיינער קאָן זיך אויף אים נישט אומקוקן.

מיר ווילן דורך דעם „המשך" דערנענטערן די יונגע יידישע שרייבער איינער צום אַנדערן; העלפן אָפּשאַפן די קידער־ווידער שטימונגען, וואָס טויטן אָפּ דעם גלויבן אין די אייגענע כוחות, זיך קלאָר מאַכן די אחריות וואָס עס ליגט אויף אונדז ווי טרעגער און מיטבויער פון דער יידישער קולטור.

מיר ווילן, דורכן ארויסגעבן די זאמלביכער „המשך", אָפּשאַפן די מחלה, וואָס פאַרשפּרייט זיך אלץ מער און מער אין אונדזער ליטעראַריש לעבן. מיר מיינען די שרייבערישע שיפלות פון דארפן אונטערטראָגן זיין אָרעמען „געלט־צושטייער" צו וועלכן צווייפלהאַפטן „רעדאַקטאָר", כדי אזוי ארום צו האָבן די זכיה אָפּצודרוקן אַ דערציילונג אָדער א ליד.

אָט דעם שפלן מצב בייצוקומען האָבן מיר אָנגענומען פאר דעם „המשך" איינעם פון די וויכטיקסטע עיקרים: קיין שרייבער, וועמענס ארבעט עס דערשיינט אין אונדזער זאמלבוך, טאָר נישט צושטייער געבן קיין איין פרוטה עס ארויסצוגעבן!

צום סוף נאָך איין וואָרט.

מיר ווילן דאָ מודה זיין אז מיר זענען אָנגערעגט געוואָרן צו אונדזער אונטערנעמונג דורך די לייוויק־אָפּאַטאָשו זאַמלביכער. מיר גלויבן אָבער אז כאָטש די זאמלביכער דערשיינען איז דאָך „המשך" נויטיק און פאָדערט די הילף און שטיצע פון יעדן וועמען די יידישע ליטעראַטור איז נאָנט און אייגן.

רעד. קאָלעגיע

ל. ט—ר
מאיר סעגאַל
ש. איזבאַן

ל. ט—ר

ה. לייוויק

(צום פופציק יאריקן יובל)

א.

עס טוט מיר שטארק הנאה, וואס פונקט אין דער ציית, ווען עס דערשיינט אונדזער זאמלבוך „המשך", גרייט מען זיך אין דער יידיש־ליטעראַרישער וועלט צו פייערן דעם פופציקסטן געבורט־טאג פון אונדזער בארימטן און באליבטן דיכטער און דראמאטורג: ה. לייוויק.

הנאה: ווייל אונדזערע באַנעמונגען — ליטעראַריש־קינסטלעריש און געזעלשאפטלעך־קולטורעלע — זענען אין תוך די זעלבע, וואס עס האט געהאט און האט אונדזער יובילאַר.

און נאך פארוואס: ווייל אין דער יידישער ליטעראטור איז ה. לייוויק איינער פון א קליינער גרופע יידישע שרייבער, וואס איז דער ווארעמער בויער פון משפחהשאפט, דערהמשך־סימבאל פון נאַציאנאַלער ליטעראטור און קולטור.

ב.

וואס אזעלכעס זענען געווען און זענען ה. לייוויקס ליטעראַריש־קינסטלערישע און געזעלשאפטלעך־קולטורעלע באַנעמונגען?

נאך אמאל, ערב דער וועלט־מלחמה, ווען ער איז אנגעקומען אלס פאליטישער פליטהניק פון סיביר, האט ער זיך נישט אידענטיפיצירט מיט קיין שום ליטעראַרישער שיטה און נישט זיך צונויפגעהאפטן מיט קיין שום פאליטישער באוועגונג, כאטש ער האט געהאט באַשטימטע פשרהלאזע אידייען.

אין דעם דעמאלטדיקן בלי־פעריאד פון דער יידישער ליטעראַטור אין אמעריקע, ווען ס'זענען געווען פארשידענערליי שיטות — מענדעלע־קעגנער, פרץ־אפפרעגער, פראבלעמען־אפלאכער, פארמאַליסטן־ריטער, עסטעטן־פרושים, א. א. — אין דעם דאזיקן פעריאד האט לייוויק שוין אפגעטרייסלט זיך פון אלע אבסטראקטע גאלדזוכער און דורך זיין שאפן באוויזן, אז נישט די אדער יענע שיטה, נישט די אדער יענע ליניע איז די זוימען־טרעגערין פון א שרייבערס שעפערישער קוואליטעט.

קודם־כל דארף מען אליין זיין א שרייבער, א שאפונג־קוואל,

און נאכדעם זאלן די פארזוכער, די געניסער באשטימען דאס פלאץ אין „גן־עדן״, וואו דער אדער יענער שעפער געהערט.

די דאזיקע ליטעראריש־קינסטלערישע באנעמונג, לייוויקס, איז פארבליבן ביז היינטצוטאג. און אויך אזוי די געזעלשאפטלעך־קולטורעלע.

ווער געדענקט נישט לייוויקס מלחמה קעגן א פאליטישער באוועגונג איבער איר שטעלונג צו די אראבישע פאגראמען אויף יידן אין ארץ־ישראל, כאטש ער, לייוויק, איז אידיאיש געווען נאנט צו אירע צילן? און ווער האט דען פארגעסן זיינע ברכות אויף די אויפטואונגען אין ארץ־ישראל, כאטש ער האט יארנלאנג נישט געפילט זיך נאנט צו דער באוועגונג, וואס שטייט הינטער דעם אויפבוי־פארנעם, איבער חילוקי־דעות וועגן גלות און נאציאנאלן היים־צענטער אין פאלעסטינע?

קיין שום עגאצענטריש־אידייאישער חשבון האט אים נישט אפגעהאלטן אפצודעקן חסרונות, אדער צוצוגעבן טעותים. און עס איז דאך גוט באקאנט, וויפיל מאטעריעלן שאדן ער האט זיך דערפאר מיט די אייגענע הענט אליין געמאכט!

און דאך — פון וואנען אזא קוראזש?

ג.

אין די ליטעראריש־אויפריכטיקע קרייזן, וואו איטלעך ניי ווערק און איטלעכער געזעלשאפטלעכער קער־און־ווענד פון לייוויקן ווערט פארזיכטיק שפאקטיוויזירט, איז אנגענומען צו כאראקטעריזירן דעם תוך פון לייוויקס שאפן און טואונג — אלס געוויסן. געוויסן איז זיין, לייוויקס, סטימול. געוויסן איז דער עיקר פון זיינע מענטשן, פון זיין אינהאלט.

און עס איז שוין כמעט ווי אן אפמאך: לייוויק איז — געוויסן. אבער איז עס טאקע אזוי?

לייוויק איז בטבע אן ארנטלעכער — אן עססעטיש־ארנטלעכער, כאטש אן א שיטהדיקער עסטעטיזם־ליניע.

האט איר שוין ערגעץ אין זיינע לידער, אדער ביי זיינע דראמע־מענטשן באמערקט גראבקייט, באליידיקונג? ווי־טאן איינער דעם אנדערן — יא. ווי־טאן — מחמת אייגענער ווייטיק. אבער טשעפען זיך צוליב אייננוצן, סתם גראב באהאנדלען צוליב גראבער, מגושמדיקער הנאה — קיינמאל.

שוין אין זיין ערשטן בוך „הינטערן שלאס", וואו די מערסטע לידער זענען וועגן סיבירער טורמע, סיבירער וועכטערס אכזריות, הערן זיך טענער פון מיטגעפיל — מיטגעפיל פון ארנטלעבקייט, פון עכטעטישקייט:

וועכטער, גיי און לייג זיך שלאפן,
נעם דיין אויג אראפ פון טיר:
נאכט געגעבן איז אויף רוען
ווי פאר מיר, אזוי פאר דיר (זייטל 44).

און אין בוך „לידער", דערשינען 1932:

וויפיל דו זאלסט זיך ניט אומקערן צו מיר מיטן נאקן —
וועל איך ניט אויפהערן דיך רופן: — אייביק בענקען
נאך די צייכנס פון דיינע פינגער מיינע באקן.

און דו וועסט קומען, איך וויים, אין מיטנאכט־שעהן,
וועסט אויפברעכן מיין טיר, און מיר צוקאפנס
וועסטו שטיין מיט א ספאזמען האלדז און וואיען.

איך וועל הערן דיין וואיען ווי דורכן חלום,
און מיט אלע מיינע אברים וועל איך בעטן:
— פארשנייד מיט מיר צוריק דעם בונד פון שלום (ז. 12).

און אין בוך „לידער פון גן־עדן", דערשינען 1937:

דו שפריצסט מיר אין פנים מיט זאלץ,
און אטעמסט אויף מיר מיט געוואיע,
און איך — איך שטרעק אוים דיר מיין האלדז
אין גוטער, אין שטילער הכנעה (ז. 141).

אדער אין דראמעס:

נעמט דעם „גולם". נאך די ערשטע ניט־זיכערע טריט, וואס דער גולם מאכט אין מהר"לס שטוב, דערזעט ער דעם באשאפערס מאכ־טער. ער כאפט זי ארום. א נייער שם־המפורש ווערט ארייגעבלאזן אין זיין עצם. די נישט־זיכערע פיס קריגן א זין אין זייער קיום. אבער דא קומט אן דער מהר"ל. ער ווערט אויפגעטרייסלט. ס'איז קעגן זיינע כוונות, קעגן זיין השגה. ער ווערט אבער נישט נדאב.

און וואס איז „שמאטעס"? ר' מרדכי מאזע איז אויפגעטרייסלט

פון אַ קנויל באַאומרואיקנדיקע סיטואַציעס. אַ טאַכטער גייט חתונה־האָבן אָן זיין ווּיסן. דער מחותּן, אַ באַלעבאָס, צווינגט כּמעט אַרויף אַ סטרייק אויף די שאַפּ־אַרבעטער, צווישן וועלכע עס געפינט זיך אויך דער צוקונפטיקער שנורס פאָטער ר׳ מרדכי. אויך אַ זון, וואָס דערגייט אים, ר׳ מרדכין, די יאָרן מיט זיין נישט־געדאַכטער, קאַפּויר־דיקער אויפפירונג. אַלץ מיטאַמאָל. אַלץ אינאיינעם. ער גייט שיר־נישט אַראָפּ פון זינען, דער ר׳ מרדכי. ער דאַרף ערגעץ־וואו, אָדער צו עמעצן אַ הילכיקן געשריי־טאָן מיט יאָ־געקליבענע און נישט־געקליבענע צאָרן־ווערטער. דאָס פּרימיטיווע אין אים דאַרף ווערן באַלע־באָס — כאַטש אויף ווײַלעס. אָבער ער, ר׳ מרדכי, טוט עס נישט. ער בלייבט דער אַריסטאָקראַט. ער קוקט אויף אַלץ און אַלעמען מיט אַ חכמהדיקן, בצערטן אויג. ער פאַרשטייט, באַנעמט די ווידער־שפּרוכן.

אויך אַזוי אין „שאַפּ", אין „אָרעמע מלוכה", אין „הירש לעקערט", אין אַלע אַנדערע. אומעטום — די לייוויקישע ערנסט־לעבקייט. אומעטום —דאָס עסטעטישע באַלאַנסירן דאָס שאַרפע צינגל פון די זיך קידער־ווידערדיקע פאַרשוינען.

איז דאָס מחמת בלויז געווּיסן?

אמת, ביי לייוויקן איז שטאַרק אַנגעזען דאָס געווּיסן, אָבער בלויז ווי אַ טייל, אַן עטישער טייל פון זיין אַלערלייאיק עלעמענטדיקן שאַפנדיקן געזינדל. פּונקט אַזוי זעט זיך אָבער אויך אָן דער עס־טעטישער עלעמענט. דער טייל, וואָס ציט אים אַוועק פון מיאוסקייט און דערנענטערט אים אַהין, וואו ס׳איז דאָ חן. פון דאַנען נעמט זיך זיין איבעררייסן מיט עטישע פּריינט, איבער זייער נישט־טאַק־טישער האַנדלונג, און זיין דערנענטערן זיך צו עטיש נישט־אויסגע־האַלטענע קעגנער, צוליב זייער, אפילו בלויז איין פּינטעלע, חן. פון דאַנען נעמט זיך אויך זיינע אַפּטמאַליקע סתירות צווישן אידייע און טאַט, צווישן וועלן און ווערן. אַט דאָס איז לייוויק. נישט דער גאַנצער לייוויק, אָבער אַ טייל פון דעם לייוויקישן אופן שטרעבן און לעבן.

פאַרוואָס די סתירות? זעט זיי דען נישט לייוויק? קאָן ער זיי נישט בייקומען? דער שעפער זוכט דאָך צו קומען צו אַ שלימות־דיקן תוך, צו אַ פאַררונדיקטער פאָרמולע וועגן מענטש, נאַטור און וועלט?

דאָס, ווי איך מיין, נעמט זיך דערפון, וואָס לייוויק איז, אַחוץ געווּיסן, אַחוץ עסטעט, אויך אַן אומעטיק־באַזאָרגטער צווייפלער.

ד.

שויז אין זײַן ערשטן בוך לידער „הינטערן שלאָס" לאָזט ער פאַלן טענער פון אומזיכערקייט, פון צווייפל.

דאָרט בין איך לאַנג שוין געווען,
דאָ בין איך אויך שוין געוועזן
מיט יאָרן צוריק
און אפשר נאָך היינט...
גיי איך אוועק
און קום ווידער...
דאָרט האָב איך גאָרנישט פאַרלוירן,
דאָ האָב איך גאָרנישט געפונען. (זײַטל 162)

אָדער:

צו וואָס איז געגליכן דײַן לעבן אויב נישט צו שאָטן,
וואָס ווערט אינם שײַן פון פאַרנאַכט אין דער ווײַט
אויסגעצויגן,
אַזוי ווײַט, אַזוי גרויס ביז עס ווערט פון אים גאָרנישט
מיט גאָרנישט,
אפילו דעם שײַן, וואָס פאַרגייט, פאַרפעלן צו זען דײַנע אויגן...
(זײַטל: 172)

אויך אין די דראַמעס.

קלאָגט נישט נקי אין „קייטן", שרײַט ער נישט אויף דעם אייביקן אָנטאָן קייטן אויף מענטשן? וואָס איז דען דער חילוק ווער עס שמידט אין קייטן? איין מאָל טוט עס דער צאַרישער שליח, דער תפיסה־נאַטשאַלניק. און אַ צווייט מאָל, ווען יענער פאַרשווינדט, קריגט שויז דער פרייהייט־זיגער אַ שוואַכן, וואָס זאָל ווערן דער לעבעדיקער מת, דער טרעגער פון די געבליבענע קייטן. אַזאַ שליח, צי אַזאַ — די קייטן בלײַבן. עס איז אין תוך נישט קיין קאַמף קעגן קייטן, נאָר וועגן פאַרכאַפּן די ראָלע — אַלס קייטן־יורש.

און וואָס אין „שאָפּ"? באַגייט נישט די רעוואָלוציאָנערקע מינע זעלבסטמאָרד איבער איר אַנטוישן זיך אין איר געוועזענעם געליבטן, דעם רעוואָלוציאָנער וואָולף, וואָס איז געוואָרן אַ באַלעבאָס, אַן אכזר ווי אַלע הערשער?

און וואָס אפילו מיט דעם וועלט־באַפרײַענדיקן מענטש זעלבסט, מיט דעם פאַרשטעלטן משיח, דעם יונגן בעטלער אין „גולם"? איז ער נישט קיין צווייפלער אין אַלעם, אין גאַנצן אָרום, כאָטש ער

זעט שוין אין פאראויס א באפרייט פאלק, א באפרייטע מענטשהייט? זיצט זיך אט דער יונגער בעטלער אויפן איינזאמען וועג, הינטער דער שטאט פראג, פון וואנען דער מהר"ל האט אים פארטריבן, און דער נאגנדיקער צווייפל קרעכצט פון אים ארויס:

וויג זיך, וויג זיך
אויף מיין קייט,
אלטע, בלינדע
אייביקייט.

ארום אים וועלדער און פעלדער — אמאל גרין און אמאל גרא, וויסט. איבער אים דעם הימל — אמאל פארוואלקנט, אמאל אויסגע־בלאט, זוניק. און דא איבער דער ערד — מענטשן מיט בענקענישן און אנטוישונגען, מיט ליבשאפט און האס. ווילאנג ציט זיך שוין אט די מעשה? לויט הייליקע ספרים און ביכער — געציילטע טויזנטער יארן. לויט וויסנשאפט — מיליאנען יארן. וואס איז אבער דער חילוק? פאר דעם מענטש, וועמען נישט קוואנטיטעט גייט אן, נאר קוואלי־טעט, דער תוך, דער עיקר, פאר אזא מענטש איז אלצאיינס פאר־טונקלט, פארבארגן דער שליסל־וועג צום ארום, צו דער וועלט. און דערפאר איז אפילו פאר אט דעם „בעטלער", דעם טרייסט־און־משיח־מענטש, נישטא קיין פולשטענדיקע טרייסט און דערלייזונג.

געוויס איז אויך דער צווייפל נישט דער איין־און־איינציקער עלעמענט, וואס באווירקט לייוויקן צו שאפן. אבער אלס טייל האט ער א גרויסן חלק אין דער ארנטלעכקייט, אין דעם עסטעטישקייט־עלעמענט, וואס באווירקט זייער שטארק דעם מענטש און שאפער — לייוויק.

צו וואס ארויפצווינגען זיך אויף דעם מענטש, — דערהערט מען פיל מאל לייוויקס פראגע — ווען איך אליין בין שטענדיק אין א ספק אין מיינע האנדלונגען? צו וואס זיך טשעפען, ווען כ'בין אליין אלעמאל פארטשעפעט? בין איך זיכער אין דעם, וואס כ'טו?

אמאל ווי א בלינדער,
אמאל ווי א העלזעער —
גיי איך מיין וועג
צו דיר,
און אלעמאל קום איך

ה. לייוויק

צום ראַנד פון אַן אַפּגרונט —
און אַלעמאָל רוף איך
צו דיר. („לידער", 282)

אָבער ווייל ספקות שטעלט נאָך נישט צופרידן דעם קינסטלער, וואָס גראָבט אין דער טיף, איז דערפאַר ביי לייוויקן דאָ נאָך אַ שאַפנדיקער עלעמענט. און דער עלעמענט, ווי איך מיין, איז דער שטאַרקסטער און דער סאַמע אַנגעזעענסטער אין זיין גאַנצן שאַפן און טאָן.

וואָס איז ער?

ה.

ער איז דער כירורגיש־אכזריותדיקסטער מכשיר אויף אַ מענטשן.

דער אכזריותדיקסטער: ווייל ער שניידט זיך אַריין נישט בלויז אינעם גוף, נאָר אויך אין דער נשמה. און אַממערסטן טאַקע — אין דער נשמה.

ווען לייוויק שניידט זיך אַריין אין אַ מענטש, האַלט ער אים אַזוי לאַנג אויף אַ חקירה־ודרישה, ביז יענער פאַלט אין גייסטיקער אָנ־מעכטיקייט.

דער מענטש קאָן זיך לאַנג נישט האַלטן אויף זיינע אויסגע־הוילטע פיס. ער מוז זיך אונטערגעבן.

נעמט די דראַמע „באַנקראָט". דאַכט זיך אַ קליינִיקייט: אַ מענטש איז פינאַנציעל־באַנקראָט. אַ דריי אַהין, אַ דריי אַהער — מיט דער צייט וועט ער זיך ווידער שטעלן אויף די פיס. אָבער לייוויקן גייט נישט אָן אַזאַ אויבנאויפיקער באַנקראָט. לייוויק דערגרונטעוועט זיך צו דעם באַנקראָטניקס נשמה און דערזעט די וואָרצלען פון דער איבער־קערעניש: נאָך איידער דער דאָזיקער מענטש האָט געשעפטלעך באַנקראָטירט, איז ער שוין געווען באַנקראָט גייסטיק. באַנקראָט: פאַמיליאַר און געזעלשאַפטלעך־אידייאיש. און אַז ס'איז נישטאָ קיין גייסטיקער פונדאַמענט פאַר אַן אינטעליגענטן מענטש — צעפאַלט זיך שוין במילא דער שטאַרקסטער מאַטעריעלער בנין.

דאָס זעלבע מיט ר' מרדכין אין „שמאָטעס". נו, וואָס — איז די תוכיקע קשיא פון אים, דעם סימפּאַטיזירער, צו די אַרבעטער, ערב דעם סטרייק — אַז מ'וועט שוין געווינען נאָך אַ מטבע? נו, איז וואָס? איז מען שוין אויפן ריכטיקן וועג? האָט מען שוין אַלץ אין אָרדנונג? קאָן דען אַ דאָלער, אָדער אַפילו אַנאַשיר מער, בכלל מאַכן אָרדנונג אין מענטשנס לעבן?

אויך מיט דניאלן אין „קייטן". א רעוואלוציאנערער בחור, וואס איז געווען לויטער גייסטיקייט, ווערט פלוצים פריטשמעליעט, ווען ער באגעגנט זיך אין קרימינאל מיט זיין זיך גייסטיק־אויסגעחלומטן, פירנדיקן חבר לעווינען, וואס האנדלט ווי א טיראן, אפילו נישט מיינענדיק קיין טיראניע. ווען דער בחור דניאל צעווייגט זיך, איז עס נישט קיין געוויין אויף פערזענלעכער אנטוישונג, נאר אויף די מיליאנען אנדערע נאכפאלגנדיקע חברים׳ס אנטוישונג אין ריינער גייסטיקייט. און עס הויבט זיך אן די לייוויקישע, קינסטלערישע חקירה־ודרישה, דאס „אומרחמנותדיקע", אכזריותדיקע אריינדרינגען אין די טונקעלע נשמה־קעמערלעך: פארוואס אזוי? פארוואס נישט אנדערש? אפשר נישט אנדערש און נישט אזוי? אפשר נאר — — ? און מ׳דערפילט, אז כאטש לעווינע, דער אייזנערנער פרינציפן־מענטש, האלט זיך נאך שטארק, דאך פאלט ער אויך שוין אויף זיינע גייסטיקע פיס.

אויך אזוי אין „יצחקס עקידה". פירט א טאטע זיין זון צו דער עקידה, ווייל אזוי איז גאטס באגער. איז דאך שוין גוט, נישט? אט איז א מענטש, וואס האט געפונען זיין וועג אין קאסמישער אויפלייזונג, אין קאסמישער שלימות. אזא גייסטיקער צושטאנד, וואס דערפירט א מענטש צו קענען זיך אפזאגן פונעם איינציקן זון, צוליב הארמאניע צווישן מענטש און גאט, דארף דאך פארהייליקט ווערן, דארף דאך שוין זיין דער שליסל צו אלע סודות! אבער ניין. לייוויק נעמט דעם יצחקן, וואס דארף זיין דער קרבן פון מענטש־גאט־הארמאניע, און שניידט זיך מיט אים אריין אין פאטערס נשמה און שניידט דארטן אזוילאנג — ביז פונעם פאטערס מענטש־גאט־הארמאניע בלייבט א בארג אש.

אויך אזוי אין „סדום". ער דערטיפט זיך, אז אפילו אין די ריין־הימלעשע טואונגען איז אויך דא געגוג, וואס רופט ארויס ספקות.

און אליין אין די לידער ווייזט ער זיך אפנהארציק:
עס מאנט א קול אין מיר צו אויסקעמפן א קריג
מיט גאט, מיט מענטש, מיט טייוולשדיקע ציינגער.
(„לידער", ז. 280)

און נישט נאר לגבי אנדערע אזוי חסרלאז, נאר אויך לגבי זיך.
מען זאגט: אין ווינקלען זיצן מענטשן דערשלאגן,
ווייל איך האב אין זיי די רו געטויט;

ווייל טרויער ברענג איך אַ פולן וואָגן
און טייל עס אַלעמען, ווי מען טיילט ברויט.

— — — — — — — — — — — — — — — —

ביי הימל און ערד וואָלט איך בעטן רחמים,
איך וואָלט וועלן געפינען אויף זיך אַ זכות.
נאָר איך ווער איבער זיך גאָר אַליין אַ וואַכמאַן,
און שלאָג זיך אַליין מיטן אייגענעם פוס.
(„לידער פון גן־עדן", ז. 100)

מען קאָן ברענגען נאָך ציטאַטן. אָבער איז דען דער סכום דער עיקר? כ׳האָב נאָר געוואָלט פּרובירן באַווייזן, אַז ווען לייוויק איז בלויז געוויסן־קינסטלער, וואָלט ער נישט געקענט אַזוי אַכזריותדיק באַפאַלן אַ מענטשנס נשמה און צעטרייסלען זי אויף אַלע זייטן. געוויסן מיינט — אויסמיידן קאָנפליקטן; מיינט — נישט קענען וויי־טאָן אַנדערע; מיינט — מער פאַרגעבן און וואָס וויניקער פאַר־לאַנגען. אינדעראמתן איז אָבער לייוויק נישט בלויז געוויסן־קינסטלער, נאָר אויך אַ קינסטלער מיט אַלע אָפּטישע, געהער און כירורגישע כלים. ער דערזעט אַ מענטש סיי אין זיין גשמיותדיקן לעבן און סיי אין זיין רוחניותדיקן. ער דערהערט זיינע נשמה־קולות, כאָטש אַרום זיי זענען אויפגעשטעלט די דיקסטע ווענט. ער דערגייט צו אַ מענטש אַפילו מיט די האָר־דינע וועגלעך פון דער נשמה.

איז וואָס מיינט עס? מיינט עס, אַז לייוויקן איז דער דאָזיקער הינטערלעגישער, אַכזריותדיק זיך טיף־גראָבנדיקער עלעמענט נענטער? אָדער אַז ער איז אַ גרויסער טייל פון זיין כאַראַקטער?

מעגלעך יאָ און מעגלעך נישט. דאָרטן, וואו מ׳וואָלט עס גע־דאַרפט באַמערקן — באַמערקט מען עס אָבער נישט. און וואו? איך מיין — אין זיין פּריוואַטער באַציאונג צו מענטשן, אין זיין הויז לעבן.

.1

לייוויקס הויז איז פאַר אייך אַלעמאָל אָפן. איר קומט אַריין, ווען איר ווילט. איר דאַרפט נישט קיין פאָרמאַליטעטן. ווען איר קומט — זענט איר אַן אָנגעלייגטער גאַסט. איר וועט קיינמאָל נישט הערן, ווי געוויינטלעך ביי שאַפנדיקע מענטשן: איצט פאַרנומען! קומט אין אָוונט! קומט מאָרגן! די טירן זענען פאַר אייך אַלעמאָל אָפן, ווי אין אַ קהל־הויז. און אַז איר קומט אַריין, וועט איר קיינמאָל

נישט זען אים באשעפטיקט מיט א בוך, אדער מיט א מאנוסקריפט, ווי אויך געווײנטלעך ביי שאפנדיקע מענטשן. נײן. ער באגעגנט אײך ביי דער טיר און גייט מיט אײך ארום אין שטוב. אדער זיצט מיט אײך, רעדט — ווי ער וואלט געווען אײערס א יוגנט־חבר. קינסטלער מיט רעפּוטאציעס האבן ליב אײך צו לאזן פילן זײער אנ־זען, לאזן אײך וויסן דורך פארשידענע אופנים, אז איר דארפט שטײן אויף א געוויסן מהלך פון זיי. ס'קאן נאך חלילה זײער גרויסקייט געמינערט ווערן. ביי ליוויקן איז אבער נישטא אפילו קיין שמץ דערפון. ער איז ביי זיך אלעמאל אזוי אומבאהאלפן, אזוי צוגעלייגט, גלייך ער וואלט געווען א באזארגטער אנפאנגער, נישט געוואוסט אויף וואסארא וועג ער גייט.

און וואס עס איז זייער כאראקטעריסטיש פאר אים, איז — זיין שעמעוודיקייט. א ליאדע פלוצים צו־הויך ווארט זײנס מאכט אים אז עפּעס זיך צו דערמאנען, און ער פארשעמט זיך. א ליאדע פלוצים הויכער לאד מאכט אים אז עפּעס זיך צו פארטראכטן, און ער ווערט הילפלאז. ער זעט אויס, ווי ער וואלט באגאנגען א נארישקייט און געוואלט בעטן פארגעבונג.

פונקט ווי ער איז „אומרחמנותדיק", אומפשרהדיק אין זיין שאפן, פונקט אזוי איז ער נאכגיביק און פארליב־נעמענדיק אין זיין פּרי־וואטן לעבן. ער מאכט דעם איינדרוק: אט דאס וויל ער טאקע זאל זיין דער אופן פון מענטשלעכן צונויפלעבן זיך. נאר ווען ס'קומט צום שרייבן, זעט ער, אז עס איז דאך פארט נישט אזוי, און ער ווערט באלד נישט נאכגעבנדיק, אומפשרהדיק, פארעקשנט איבער זיינע ספקות, איבער זיינע אנטוישונגען. זיינע מענטשן הויבן דע־מאלט אן צו טאן, וואס ער, ליוויק, הייסט זיי און וואס איז פאר זיי גוט. זיי זענען נישט מער יענע הויז־מענטשן, יענע בני־בית, וואס ליוויק איז לגבי זיי נאכגיביק, פשרהדיק. דא, מיט זיי, הויבט ער אן צו טאן זאכן, וואס זיי וואלטן אונטער א קלענערער סוגעס־טיווער קראפט נישט געטאן. איבעריקנס, ווען זיי פאלן שוין אריין אין טראנס, זענען זיי אליין אי וויליק און אי צופרידן צו מאכן דעם נשמה־טור. זיי הויבן אן צו רעדן גאנץ אנדערש ווי זיי וואלטן עס פריער געטאן. זיי רעדן פון דער טיף. זיי רעדן קורץ און האלב־טענערדיק. אגב, ווען ליוויק לאזט זיי רעדן, וואלטן זיי געהאט צו רעדן ס'גאנצע לעבן און נאך אויגנבליקלעך בארארפט א תחית־המתים כדי צו דערזאגן דאס נישט געזאגטע. זיי דערשפּירן פלוצים, אז א

קוואַל פון אַלערליי געפילן האָט זיך אין דער נשמה געעפנט. אָבער לייוויק שטייט איבער זיי און פאַרלאַנגט דורכאויס צום פונקט און זאַכלעך. ער פאַרלאַנגט איין געדאַנק פון הונדערט, אַ קלאַנג פון אַ זאַץ. כאָטש אַזעלכע איבערגעקליבענע געדאַנקען און איינציקע קלאַנגען פאַרלאַנגט ער וואָס מער. וויפיל ער זאָל נאָר נישט קריגן איז ווייניק. אָבער וויפיל איז דער שיעור איבערצוקלייבן? דערפאַר קומען מערסטנס עכאָס פון ווייט־ווייט, פון נישט־געדאַכטע מקומות, אַרומגענומען מיט אַן אַראָמאַט פון עפעס רוימישס, סודותדיקס. ס׳איז אַן עכאָ פון אַ שפּראַך, וואָס איז נישט אַרויסגערעדט געוואָרן, נאָר דערפילט און אירע וויבּרירונגען, דערהערט דורך דרויסנדיקע אָפּקלאַנגען. די שפּראַך פון לייוויקס מענטשן איז נישט קיין שוים־שפּראַך, נאָר אַ שפּראַך פון אַ קוואַל־שטראָם, וואָס גראָבט זיך אונטער דער ערד.

אָט, וואָסאַרע סתירה צווישן הויז און שאַפן!

מיינט עס, אַז לייוויק האָט נישט קיין קינסטלערישן ענטפער אויף אייגענער און אַנדערע מעטענשנס נשמה־פאַרפּלאָנטערטקייט, און דערפאַר זיין צווייפאַכיקע באַציאונג צו מענטשן? מיינט עס, אַז לייוויק קאָן נישט אַרויספירן זיינע מענטשן פון דער קלעם, וואו זיי זענען?

ניין.

לייוויק גיט זיך און זיינע מענטשן אַן אויסוועג פון דער נישט־נאָר צווייפאַכיקער, נאָר פילפאַכיקער באַציאונג צו מענטשן.

וואָס איז דער אויסוועג? דאָס איז די זיך־זעלבסט אויסלייז־אידייע.

ז.

אויבנאויפיק איז זי נישט קיין נייעס אין דער וועלט־ליטעראַטור. דיזאַזיקע זיך־זעלבסט אויסלייז־אידייע איז דאָ ביי שעקספּירן, ביי שילערן, ביי געטען, ביי פלאָבערן, ביי טאָלסטאָיען, ביי אַנדערע. אָבער אין תוך איז זי אַנדערש ביי זיי און אַנדערש ביי לייוויקן.

ביי ז י י זוכט דאָס לעבן, אין זיינע פאַרשידענע עמאָציאָנעלע דראַנגען, איבערן מענטש. דער מענטש גיט זיך אונטער. ער פאַרשטייט, אַז ווערן זיך קענען לעבן איז אַן אומזיסטע מי און מאַכט שלום מיט די אומשטענדן. ביי לייוויקן אָבער זוכט דער מענטש איבערן לעבן. נישט דער מענטש לאָזט זיך באַלעבאַטעווען פונעם לעבן, נאָר ער, אין לעצטן סך־הכל, צווינגט דאָס לעבן צו ווערן דאָס

טיג, פון וועלכן ער קנעט אוים זיינע באַגרען, אידייען. און אויב ער, דער מענטש, איז פון אַנשטרענגונג פיזיש דערשעפּט געוואָרן, לאָזט ער איבער די באַגריפן, אידייען צו זיינע נאָך שטאַרקע יורשים און טראָגט זיך אָפּ פונעם קאַמף־פּלאַץ א באַלויכטענער פון זיין נישט־איבערגעריסענער אילוזיע.

אַזוי זעען מיר אין „גולם". דער גולם וויל באַצווינגען די סביבה. אירע באַגריפן, אַלע מניעות קענען זיין דראַנג און פּאַרנעם. זעט ער אָבער אַז ס'איז דערווייל נאָך נישט די צייט אויף דעם, האַרכט ער זיך צו צום צייט־געבאָט, דעם מהר"ל־באַשעפער, און גיט זיך אונטער. אָבער נישט ווייל ס'לעבן איז אייביק שטאַרקער, נאָר ווייל אין אַ צייט שפּעטער וועט ער זיין מעכטיקער, ווי איצט.

אויך אין „שמאַטעס" אַזוי. דער יום־טובדיקער ר' מרדכי גיט זיך עטלעכע מאָל אונטער. אָבער נישט דערפאַר, ווייל ס'לעבן באַ־זיגט אים איטלעך מאָל, נאָר ווייל ער איז בלויז לפי־שעה נישט גענוג שטאַרק צו ווערן זיך קעגן לעבן. ער גיט זיך נישט אונטער דער צוקונפט, כאָטש ער האָט זיך אונטערגעגעבן דער קעגנוואַרט.

און דאָס זעלבע אין „קייטן". לעווינע קלייבט אוים דעם טויט, נישט ווייל ער איז באַזיגט פון האַרטן לעבן. ניין. ער נעמט אַז גערן דעם טויט, ווייל ער איז אַנטוישט אין זיין פירערשאַפט און ווייל די אידייע איבערלאָזן צו אפשר בעסערע פון אים.

און אין דער „גאולה־קאָמעדיע" ? אויך חנינה פילט זיך נישט באַזיגט פון לעבן. ער גייט נאָר אַוועק פון לעבן, כדי די אידייע, וואָס באַצווינגט דאָס לעבן, זאָל זיין עכטער, ריינער, לויטערער.

דאָס זעלבע אין „דער פּאָעט איז געוואָרן בלינד". וואָס מאַכט ער דאָס נישט דורך, דער מאָרים דאַרנפעלד ? ס'לעבן דונערט אין אים אַריין אַלע צרות. אָבער צום סוף קומט ער אַרוים אַ דערלייזטער, זינגענדיק דאָס פּראַכטפולע אייביקייט־ליד :

די וועלט נעמט מיך אַרום מיט שטעכיקע הענט,
און טראָגט מיך צום פייער, און טראָגט מיך צום שייטער ;
איך ברען און איך ברען און איך וועל ניט פאַרברענט, —
איך הויב זיך אויף ווידער און שפּאַן אַוועק ווייטער.

אפילו אין סאַמע לעצטן ווערק „ווער איז ווער ?" איז דער זעלבער אויסגאַנג. ס'לעבן צווינגט דעם פּראָפעסאָר שעלינג צו ווערן אַ מקום־מקלט־מענטש, אַ בעל־פּחדן. אָבער צום סוף נעמט ער אויף זיך די קלעפּ, וואָס דערוואַרטן אים מחוץ דעם מקום־מקלט און גייט איבער־

בעטן דעם זון, וואס איז איבער אים, דעם פאטער, אוועק פון הויז.
און איז די לידער?

איך האב יארן צעריסן,
ווי מען רייסט שטיקער קליידער,
כדי אליין זיך דערוויסן,
צי די וועלט האט א סדר.

איצט קומט מיך באגריסן
מיין רו מיין אנטרונענע;
איך מאך גאנץ אלע ריסן
מיט מיין סוד מיין געפונענעם.

(„לידער פון גן־עדן", ז״ז 30, 31)

אט אזוי אומעטום. אין אלע זיינע דראמאטישע ווערק, אין זיינע לידער און אין לענגערע פאעמעס, ווי „דער וואלף", „וואלקנס אהינ־טערן וואלד", די „באלאדע פון דענווער סאנאטאריום", אומעטום ראנגלט זיך דער מענטש, נישט כדי צו ווערן געבאלעבאטעוועט פון לעבן, נאר כדי גייסטיק צו באהערשן עס.

אמת, די אידייע איז אן אלט־יידישע, בעסער — זי איז דער תוך פון יידישן פאלקס־קיום, אבער זי איז ביי לייוויקן געווארן נישט סתם אן אדאפטירטע, נאר א קינסטלערישער אויסגאנג פון זיינע אלע מענטשנס געראנגלען. זי איז געווארן פון א יידיש־נאציאנאלן — אן אוניווערסאלער אויסגאנג. א וועג פון דורותדיקער קאנטינו־איטעט — פון המשך. א המשך פון אידייען, פון גייסטיקע בריקן, פון אלעם, וואס שפארט זיך קעגן אלע בייזע געוויטערן אין דער צוקונפט אריין.

און אדאנק אט דעם דאזיקן ענטפער, וואס לייוויק גיט קינסטלע־ריש אויף אלע פארשידענע פראבלעמען, הויבט זיך טאקע אן לייוויקס שטארקע, נאציאנאלע באריטמטקייט. לייוויק איז א נאציאנאלער דיכ־טער סיי צוליב זיין פאראייביקן די פארשידענערליי פראבלעמען, וואס מאטערן דעם יידישן מענטש און סיי צוליב זיין, אחוץ קינסטלע־רישן, עכט־יידיש־נביאישן קוק אויף זיי.

אבער פונדעסטוועגן זאל מען נישט מיינען, אז ווייל ער האט געפונען זיין וועג צום מענטש, דעם אויסוועג פון דערלייזן זיך, איז אים שוין קינסטלעריש גוט. ווייל ער האט שוין אן אנגעצונדענע לאמטער אין פינצטערן לאבירינט, האט ער זיך שוין מער גארנישט

וואָס צו שרעקן. ס'איז דאָך נישט אַזוי. ער האַלט זיך ווידער איז שרעקן און ווידער איז איין פאַרגאַפּט ווערן פון דעם, וואָס פּאַסירט אומגעריכט פאַר אים, פאַר אונדז אַלעמען. ער איז פּונקט אַזוי, ווי ער וואָלט ערשט דערזען די וועלט מיט אירע קאָנטראַסטן. דאָס קאָן מען דערקענען אַפילו אין זיינע לעצטע לידער, וואָס דרוקן זיך אַמאָל אין „טאָג" און אַמאָל אין „צוקונפט". זיי זענען דער פּולס פון זיין געמיט־צושטאַנד.

פאַרוואָס איז עס אַזוי? וועט ער זיך אַלעמאָל שרעקן, כאָטש ער האָט שוין דעם אויסגאַנג פון אַלע גערעדנגלען? ווי עס ווייזט אויס: יאָ. ווייל ווי שטאַרק ער זאָל נישט גלויבן אין דעם, וואָס ער פירט אויס, איז ער אָבער אין דערזעלבער צייט אויך נאָך אַ גענוג שטאַרקער צווייפלער. אַ צווייפלער מסתם אַפילו אין דעם, וואָס ער פירט אויס. פונוואַנען נעמט עס זיך? פונוואַנען אַזאַ וואַסער־פייער־דיקער קאָנטראַסט?

ח.

איינמאָל האָט עפּעס פּאַסירט מיט אים, לייוויקן, ווען ר'איז נאָך געווען אַ יינגל.

עס איז געווען בין־השמשות. דער פאָטער און די מוטער זענען נישט געווען אין שטוב. אין שטוב איז געווען ער, דער קליינינקער לייוויק און זיינער אַ נאָך קלענערער ברודער — אַ זויג־קינד, וואָס איז געלעגן אויף אַ געלעגערל, אָנגעהאַנגען ביי צוויי נעגל אין באַלקן. ער, לייוויק, איז געשטאַנען ביים געלעגערל, האָט געשאָקלט דאָס קליי־נינקע באַשעפעניש־ל, דאָס צוקונפט מענטשל, און אונטערגעזונגען:

אַ־אַ, אַ־אַ,
ליו־ליו, ליו־ליו.

אין שטוב איז געווען טונקל. שטיל. עס האָט זיך בלויז געהערט דאָס פאַכנדיקע הוידען זיך פון געלעגערל אין לופטן, ווי אַ יונגע טויב וואָלט געהויבן מיט די שוואַכע פליגלען, און דאָס נישט אַרויסגע־זונגענע, נאָר אין זיך ברומענדיקע ליד פון לייוויקן, דעם ווינגלער.

אינדעם — אַ גרויסע חזירשע מאָרדע מיט אַ פּאָר ווילדע אויגן אין אָפענעם פענצטער, וואָס איז געווען גלייך מיטן טראָטואַר פונעם געסל.

לייוויק — אַ יינגל — האָט געמאַכט אַ געוואַלד. עפּעס אַ ווילדע שרעק איז אים באַפאַלן. דער גרויסער שווערלייביקער חזיר מיט די שמוציקע פיס האָט זיך אָנגעהויבן אַריינצושטופּן אין שטוב אַריין.

לייוויק האָט נישט געוואוסט וואָס צו טאָן. זאָל ער ראַטעווען זיך, צי זיין ברידערל, וואָס וויגלט זיך אין לופטן. ער האָט אָנגע־הויבן צו שרייען פאַר זיין לעבן און נאָך מער — פאַרן ברידערלס, וואָס די עלטערן האָבן אים אָנגעטרויעט צו היטן ביז זייער צוריק־קערן זיך. זיין געשריי איז געווען אומגעוויינטלעך הילפלאָז. ער האָט געשריען און דער חזיר איז געקראָכן — — —

אַט די דאָזיקע באַגעגעניש פון אַ חזיר מיט אַ שטילער, פאַר־חלומטער, באַזונגענער ברודערשאַפט האָט איבערגעלאָזט אַ שטאַרקע סימבאָלישע ווירקונג. און דורך זיינע שאַפונגען קאָן מען דערקענען, אַז אַזאַ בילד איז נישט געווען דאָס לעצטע. עס האָט זיך איבערגע־חזרט אָן אויפהער. דאָ אין פערזענלעכן, דאָ אין נאַציאָנאַלן, דאָ אין אינטערנאַציאָנאַלן לעבן. און ווען נאָר עס געשעט, מאַכט ער, לייוויק, דאָסזעלבע שרעק־געוואַלד, כאָטש ער איז שוין לאַנג אַרויס פון דער קינדערשער נאַאיוויטעט און הילפלאָזיקייט.

עס איז אָבער דאָס שרעק־געשריי פון דער גאַנצער בעסערער טייל מענטשהייט, ווען נאָר עס באַווייזט זיך אין אונדזער אַלעמענס פענצטער אַ חזיר, וואָס גייט אויף דער שטילער, פאַרחלומט־באַזונ־גענער ברידערשאַפט אין דער ביז־השמשותדיקער צייט אַריין.

מאיר סעגאַל

לידער

אַ גאַנטע ערד

1

עס געפֿעלט דאָס פֿעלד אין שפּעטן אָוונט־ליכט.
צו דער ערד קלאָגט די חיה אין עלנט געוואַי.
אין טיפֿן נעפּל מיין קאָפּ אַריינגעבויגן —
אַ, גאַנטע ערד, ניט איינמאָל קלאָג איך אויך אזוי.

מיין וועלט איז איצטער אויך אין שפּעטן אָוונט, אין גרויען נעפּל.
און ווי דאָס פֿאַלן פֿון בלעטער, וואָס גיבן זיך אוועק צום ווינט, —
מיר בלייבן נאַקעטע בוימער פֿאַר רעגנס און שטורעמס.
ס'איז טרויעריק, קאַלט און האַרבסטיק אויך ביי אונדז אַצינד.

אַ, וואָס־זשע קלאָגסטו, בייזע חיה?
אין טיפֿקייט שוין אַוועק איז האַלבע נאַכט.
שוידערסט אויף, שאָקלסט אָפּ די פֿייכטקייט פֿון דיין פֿעל.
נעם ארום מיך, — לייג דיין לאַפּע אויף מיין האַלדז,
איך האָב אויך ווי דו קיין היים, קיין שוועל.

לאָמיר ביידע אזוי זיך טיפֿער איינגאַרען אין גרוב,
און אויפֿגיין איבער אונדז וועט דאָס קראַנקע ליכט.
מיר האָבן דאָך די זעלבע אויגן, די זעלבע פּיס —
און אויך דאָס שטום און טרויעריק געזיכט.

2

אין פֿריען בלוי, טראָגט זיך אום דער שניי
און ס'לויכטן אויף די בוימער, ס'עפֿנט זיך דער וואַלד.
שניידיק יאָגט אַ ווינט אָן פֿון די קאַלטע בערג,
אַ ווינט וואָס איז שוין מיד פֿון וואָיען, פֿון יאָגן — אַלט.

אָט דאָ איז גוט אַזוי. היימלעכער צו זיין.
צו זען ווי אַלץ באַשאַפֿט זיך און אין שטילקייט רוט.
אויפֿן שליאַך קיין טריט צו זען,
אויפֿן קלאָרן שניי קיין טראָפּנס בלוט.

אָ, קוק אין ווייטקייט, שטומע חיה, זע, אַ שטאָט, —
מענטשן אין הייזער וווינען; ס'הענגען איבער זיי די קייטן.
זע ווי ס'ציִען אויס זיך זייערע האַרטע העלדזער
און טוען זיך פֿאַר מעסערס, פֿאַר העק שוין גרייטן.

ס'ציטערט אויף די חיה, טוט אין בייזקייט אַ שפּרונג,
אין טיפֿקייט פֿון וואַלד, אויגן צעצונדן אין פֿלאַמען —
אָ, אור־וואַלד, אָ, שניי, שפּורן פֿון וועלפֿישע טריט
אין פּראָסטיקן טאָג, — איר דערמאָנט מיך פֿון וואַנען מיר שטאַמען.

כ'לאָז זיך אַראָפּ אין פֿאַרנאַכט צום וואַלד
און הער ווידער דורך דער נאַכטיקער ערד ס'קלאָגן.
אָ, עלנטער וואָלף, ס'האָט דער טאָג זיך צעשיידט.
די נאַכט האָט אין ווייטקייט אונדז ביידן פֿאַרטראָגן.

3

די שטערן גרינען, ציטערן אויף שנייאיקע פֿעלדער.
גאָט רופֿט דעם מענטש, זוכט אין שפּעטקייט די חיה.
גאָט, לאָז צוריק דעם טונקעלן ווינט אויף דער ערד
ברענג אום די וועלט. באַשאַף זי ווידער אַ נייע.

אָ, גיב אונדז די גרויליקע נאַקעטקייט,
די חרפּה זיך צו ווייזן ווען דו וועסט אונדז רופֿן.
עס גייען איבער דער וועלט און רויבן די רויבער
און ווילן אויך דעם וועג צו דער אייביקייט פֿאַרלויפֿן...

נאָר כ'הער שוין פֿון ווייטנס זיך פֿאָרען, —
מען שלאָגט שוין צוזאַמען ס'געהילץ פֿונם וואַלד
אָ, וואָלף גיב אַ בריל אין דער חרובֿ'ער ווייסקייט —
קריך אַריין אין דער תּיבֿה אין דיין גאַנצן געגרוי.
די נאַכט שוין פֿאַרלוירן. ס'וועט דער טאָג דורכן וואַלד מער נישט קומען,
ווייל גאָט'ס בייזקייט איז שטום, און זיין רצון איז אַזוי.

פאַל איך אויך אַראָפּ אין געבעט אונטער די נאַכטיקע וואָלקנס
און פיל דעם ווינט וואָס גייט דורך דער ערד.
דער וואַלד רוישט מיט בלעטער און רוישט מיט רעגן
און אויגן פאַלן צו און לעשן זיך פאַרטרערט...

ש נ י י א י ג ע ר ט אָ ג

1

קאַלט־געפרוירענער הימל, — אין בלויקייט
דורך מיין פענצטער הויבסט שוין אָן צו טאָגן.
אין צעריסענע קליידער, דורך צעבראָכענע שטיגן —
פריער מאָרגן צו דיר טו איך זיך טראָגן.

מיינע ליבע שכנים נאָך אין טיפן שלאָף פאַרזינקען
דורך װענט און טרעפּ זייערע הערצער שלאָגן.
אָ, שכנים, גוטע ליבע שכנים —
לאָמיר אין וויסטן טרויער, גוט־מאָרגן זיך שוין זאָגן.

אינדרויסן די פולע לבנה שיילט זיך אין פאַרגיין.
ווייס דער שניי איבער טירן און שוועלן.
אָרימע צעפאַלענע גאַסן אין נויט —
לאָמיר אויך אין פריקייט, אין ליכטיקייט אויפהעלן.

כ׳וועל אַ גאַנצן טאָג אַזוי אַרומקריכן אין שניי, אין קעלט,
פאַרנאַכט אַ היים־קומען אַ הונגעריקער און געפרוירן
אָ, באַלעבאָסטע, גוטע באַלעבאָסטע עפנט מיר די טיר!
כ׳האָב אינם פראָסט, אינם שניי אַזוי מיין טאָג פאַרלוירן.

פאַר לעצטע פענעס איינגעקויפט דאָס אַלטסטע שטיקל ברויט
מיט ציין און באַק אויף טיש, זופּ איך צו דאָס לעצטע ביסל טיי.
ווינט אויף בלויע שויבן, אָ, שטורעם —
דעקט מיך אויבעט צו און נעמט אריין מיך אין געדריי.

2

אין פריען אָוונט זעט אויס מיין גאָס בלויער ווי באַגינען.
ס׳ציט דורך אַ לויה. קינדער קוקן טרויעריקע דורך שויבן
און גרויסע מענטשן קוקן אוועק און שטומען
בעטן עפּעס און הויבן אויף די הענט צום אויבן.

לויה, דו דערמאָנסט מיך אין מיין היימיש קליינעם שטעטל.
ווינטער פּאַרנאַכט. א גרויסער שניי. אינם שניי א רויטער וואָגן.
אָ, וואָס גייען נאָך די מענטשן דאָ אזוי פון שטעטל און זיי קלאָגן?
און איך, א קינד — גיי נאָך, נאָך רויטער לאַמטערן.
אָ, טאַטע אינם וואָגן, זאָג, וואָס פאר א שפּיל איז דאָס? —
וואָס מענטשן גייען אָפּ פון שטעטל און פאַרגיסן זיך אין טרערן.

גאַסן, איר דערמאָנט מיך אין מיין טאַטנס ווינטערדיקער לויה
כ'לויף אזוי ארום אין שטעטל און שטיק אין זיך די טרערן
עמיץ אין דער אַלטער שול, זאָגט אין ווינקל מיט מיר דעם קדיש.
דריק איך מיינע פויסטן די קינדערשע צוזאַמען —
גאָט, וואָס וועט איצטער פון מיר ווערן?

אָ, לויה, פון דער אָרימער שטוב דער איסט-בראָדווייער
דו דערמאָנסט מיך אין מיין קינדערישער יתומים־היים;
א רויטער גרויסער מויער פאַרקלאַפּט אויף שווערע טירן,
ווייטע פויערים פאָרן אָפּ צו דערפער פוילישע אויף פירן,
און מיר קינדער צווישן גויים —
טראָגן אָפּ א קינד א טויטס פון רויטן מויער
אין אזא פאַרנאַכט —
קאָן אפילו גאָט אויפגעגעסן ווערן פונם טרויער.

3

איצט, דאָ, אין דער נאסער שטוב, דער אומעטיקער
א שפּעטער נאכט-לאָמפּ צינדט דאָס געלע ליכט אויף קאַלטע ווענט.
די פרוי פון הויז האָט אויך דעם מאַן, די קינדער דריי פארלוירן
קוקט זי אויפן בילד און ס'ציטערן אין טרערן אירע ווייסע הענט.

איך צינד אויך דעם לאָמפּ, ברענען זאָל אין נאכט מיין פּיין.
דעק זיך אינם ווייסן צודעק איבער און שטום אין זיך אריין
און ווייס, אז דאָס לעבן איז גרוי און טיף ווי וואסער, —
דאָס וואסער שלאָגט און ציט אין די גרוילסטע פארבן:
מענטשן אויף דער ערד, מענטשן אין די טיפסטע גרונטן
צוזאמען מיט די ווערים מוזן מיר פוילן און שטארבן.

די נאַכט פאַרלעשט דעם לאָמפּ, ווינטער, קעלט אויף שויבן.
אַ, שטורעם פונם וואַלד, שטילסט דאָך אויך זיך אַמאָל איין —
ווי ווילד דער געוויטער זאָל ניט זיין, ווי גרויס. —
אַ, האַרץ מיינס, שטיל-זשע אויך זיך אַמאָל איין
און גיי שוין אויך אַמאָל פון טרויער, פון פּיין אַרויס.

פ י י ע ר ן

אין אַלע הייזער, אין אַלע שויבן ברענען שוין פייערן.
די הייליקסטע מינוטן ציטערן אַריין אין שפּעטער שעה.
מיין בענקשאַפט ציטערט אויך אַריין אין אָוונט
און אינם ברענען בין איך אויכעט דאָ.

איצטער ווערט מיין טרויער ברענענדיקער, פולער.
אין טיפער נאַכט זינקט אַריין מיין לעצטער טראָט.
אַ, זאָלן לאָמפּן זיך אַ ברעך־טאָן און צעפלאַצן
און פאַרפינצטערן אין טרויער זאָל די גאַנצע שטאָט.

דורך אַלע פענצטער זאָלן אויפלויכטן אונדזערע לייבער
און ברענען ווי רויט־האַריקע פעלן אין אייביקן צאָרן.
ס'איז ניט קיין געשריי אַזאַ דורך פינצטערע שויבן,
ס'איז אַ יאָמער פון דורות, — דורך טויזנטער יאָרן.

פאַרוואָס מיר זענען נאָך אַלץ געבליבן בלונדזשע —
שטיין אַזוי, אין אייביקן געבעט אויף די קני,
מיר, די אייביקע, בעטנדיקע בעטלער, גאָט, —
וואָס זוכן דיך איבער דער וועלט, אינם ליכט פון אינדערפרי.

דיך זוכנדיק, — הילן מיר זיך אין טליתים.
בינדן אונדזערע הייסע הענט, די צעקנייטשטע שטערנס אין תפילין.
מיר הערן נאָך פונם חרוב-געוואָרענעם בית-המקדש —
פון די לוויים דאָס שיינע טרויעריקע שפּילן.

איצט שרייען מיר ווידער צו דיר דורך נאַכטיקע פייערן
און ברענען ווי אַלט-ירושלים אין וויטן אַמאָל.
די לבנה אין איר ליכט, גייט דורך די שוואַרצסטע וואָלקנס
און פאַרגיסט אויך איר שיין אינם פינצטערסטן טאָל.

לידער

כאַטש איך ווייס, איך ווייס, אַז ניט פאַר שיינקייט וועגן גייט די לבנה,
ניט סתם אַזוי. נאָר ס'איז אין איר דויער אַ טיפערער זינען פאַראַן.
איבער וויסטע פעלדער, אין אונדזער אַנהויב־וואָגל —
שוין האָט לבנה צונויפגעמענגעגאַסן זיך מיט אונדזער ערשטן שפּאַן.

נאָר איצט איז נאַכט שוין. נאַכט, טיפסטע, שפּעטסטע, —
און מיך, דעם שרייענדיקן, שלינגט זי מיט אַלע קולות איין.
די נאַכט האָט פייער, די נאַכט האָט פלאַמען
און איך ברען אויך אין איר אַריין.

וואַלד

וואַלד. ווינט און רעגן.
אין גריבער ליכטן וואַסערן אין ווינטיקן בלאָזן.
מיין שאָטן וויקלט זיך אַרום די נאַסע שטאַמען
און וויגט זיך אום אויף הויכע דינע גראָזן.

פון באַרג און בוים קייקלען זיך רעגנדיקע טראָפּנס,
פאַלן אויף מיין שרעקעוודיק געזיכט.
אין די ווייטע פינצטערע גרונטן —
צינדט דער האַרבסט דאָס געל און רויטע ליכט.

בלייב איך פאַרגאַפט צווישן שטעכעדיקע נאָדלען.
זע, ווי ס'עפענען זיך ברייט און טיף די שמאָלע וועגן.
אַ, וואַלד, כ'וויל איצט ווי דו אַזוי אין אייביקייט פאַרשטומען
און ווי אַלץ, וויל איך צו דער ערד, איצטער אויך זיך נויגן.

פאַלן אָפּ קופּעסווייז די בלעטער, דעקן צו מיך.
אַ קעלט שטעכט דורך די הוילע קניען.
אַ, וואַלד, איך ווייס, ביסט איצט אין אַנהויב שטאַרבן
נאָר קומען וועט דער פרילינג, וועסטו ווידער בליען.

הויבט־אָן אַ ווינט זיך, אַריבער אַלץ אוועקצוטראָגן
אינם ווינט פוילנדיקע בלעטער, ריח פון וויאַנען
אַ, ווינט, נעם מיך אויכעט מיט אין זיך —
ווי די פאַלנדיקע בלעטער, בין איך אויך פון דאַנען.

2

פאַלט דער אָוונט גיכער צו
איבער מענטש, מאַד און רוים.
אין נאַסן וואַלד האָט וואו א ברעד־געטאַן —
צעקרימט האָט זיך אויף צווייגן א שאָטן פון א בוים.

א טשאַטע פייגל זענען פונם שאָטן אַפּגעפלויגן
אינם שפּעטסטן אָוונט־גרוי —
פאַר דער נאַכט אונדז דאָ געלאָזן —
מיך, דעם שאָטן, דעם בוים צעבראָכענעם אַזוי.

א טשאַטע פייגל פונם וואַלד זענען ארויסגעפלויגן
טונקעלע, אין שרעקנגעסווייז באַנאַנד
א, ליבע, גוטע פייגל אינם ווייטן פליען
זעט, ווי רויט דער טאָג גייט אויס ביי דעם הימל־ראַנד.

איז דער וואַלד פאַרפּלאָנטערטער געוואָרן
אין בלישטשענדיקע, קאַלטע טראָפּנס טוי
צווישן טויט און האַרבסט —
אויסגערונען איז דאָס לעצטע ביסל בלוי.

3

וואָס טו איך איצט אַליין באַנאַכט אָט דאָ אין וואַלד,
און וואָס האָט מיך געבראַכט אין בלאָנדזשעניש אַהער?
ס'רייסן פון די בערג זיך שטיקער שטויביק אָפּ
און ענטפערן מיך שטיינערדיק און שווער.

נאָר איך פאַרשטיי דעם ענטפער פון די בערג, פון שטויב.
ווייס, אייביק איז דאָס פורעמען פון דער נאַטור, אייביק דאָס צעפאַלן
ס'קומט דער מאָרגן, בינדט די זון זיך ווידער אָן —
אין דער ערד מיט אַלע אירע ברענענדיקע שטראַלן.

נאָר פאַר מיר, דעם מענטש דעם עלנטן איז אַלץ נאָך סוד,
איז אַלץ נאָך וואַלדיק שיינער טרוים.

אַ, לאָז מיך כאַטש אין ווייטן הימל, גאָט —
אַ שטערן זיין, וואָס לעשט זיך און פאַלט אַראָפּ שוין קוים.

ס'וועלן דאָ אַ גאַנצע נאַכט די רעגנס —
אין גרויקייט אַלץ פאַרגיסן.
אַ, לאָז מיך כאַטש ווי אַ לעבעדיקער קוואַל, גאָט —
האַסטיק טראָגן זיך, ווי אַ תּפֿילה פליסן.

פאַר די מענטשן, וואָס זענען עלנטע ווי איך,
און וואָס גייען שוין אויף אַלע וועגן צוריק צו דיר, —
און אויך פאַר די, וואָס ציען הענט פון פייערן
שרייענדיקע צו דיין אָפענע, אייביקע טיר...

דער זעלבער וועג, דאָס זעלבע באַגעגענען צו איר
זי שטייט אייביק אָפן און גרויס.
מעגסטו מיך אויך פון וואַלד אַרויסנעמען. —
איך וויל נישט מער דיין וועלט, דיין בלוטיק הויז..

4

וואָס בין איך דען אַליין דאָ אינם וואַלד?
אַז עמער איבער אַ סקריפּענדיקער ברונעם —
דער עמער לאָזט זיך טונקל און מאַכיק אַראָפּ אינם וואַסער
און קאָן צוריק ניט אַרויף, אין ליכטיקן־גרין זיך מער ניט געפונען.

אַ שאָף וואָס בלאָנדזשעט הינקענדיק איבער פעלד
דאַר, נאַס און גרוי —
גייט אין שפּעטן רעוועץ
און דערשלעפּט זיך צו אַ וואַרים בערגל שטרוי.

און איך ביי אַ נאַסן אָפּגעהאַקטן פּיען
אין מיין געבראָכענעם זיצן.
גאָט, דיין לויטער געשטאַלט גייט אויף פאַר מיר —
אין פייערדיקע בליצן.

און איך אַליין אין הוילן וואַלד
בין פונם מענטש — דאָס קלאַנג,
וויין אַריין אין דער איצטיקער וועלט
אין די גרויע און וויסטע פאַרטאָגן.

ש. ארזבאַן

בוכאַרישער קוואַרטאַל

(דערציילונג)

דער רעגן וואָס האָט געשוואָנקען ירושלים שוין דעם פערטן טאָג, האָט אַזוי פאַרגאָסן דעם בוכאַרישן קוואַרטאַל, אַז מען האָט זיך געקענט דורכשיפן איבער די שמאָלע געסלעך און הויפן. אָפּגעריסענע לאַטעס, אויסגעבראָכענע, היל̇צערנע פּאַרקאַנעס זענען אַרומגעשווימען ווי ל̇ויז־געבונדענע שיפלעך.

פאַר די שוועלן פון די הייזער זענען געשטאַנען געזונטע בוכאַרישע ווייבער אין זייערע ברייטע ספּודניצעס, אין גרויסע מענערישע שיך, אויף די קעפּ פאַרשפּיצטע הויב־טיכלעך און שטערן־ פאַטשיילעס, און מיט גרויסע, שיטערע בעזימער האָבן זיי געקערט די שטראָמען וואַסער און זיי צעבערוויז געטריבן אין די אויפגעגראָבענע ראָוון. אויסגעזעגטע מאַנסבילן, מיט הויכע, ברייטע גופים, מיט פאַרקאַשעטע הויזן־נאָגעוויצעס, איינגעווייקטע ביז צו די קניען — האָבן מיט לאַפּעטעס אויפגעהאַקט גריבער אין די געבערגלטע ליקעס — דאָס האָבן זיי איינגעבראָכן אַז אַפּלויף פאַר די ריטשקעס בלאָטע און קלעמבעס שמוציק וואַסער.

אין עק פונם טונקעלן שול־געסל, וואָס איז געווען באַזעצט פון אידעלע, בוכאַרישע בעלי־מלאָכות: טליתים־נייערס, פּרכות־שטיקערס און טעפּיך־וועבערס — האָט זיך געצויגן אַ לאַנגער הויף, אַרומגעצוימט מיט אַ הילצערנעם, אָפּגעשונדענעם פּאַרקאַן. דער הויף אַ וויסטער, די ליימענע ערד צעווייקט איז פול געווען מיט לאַסט־וועגענער. אַרום די לאַסט־וועגענער זענען געווען צעשטעלט עטלעכע פּאָר פערד, גרויסע, געזונטע שלעפּ־פערד, ווי לייבן. טייל פערד, מיט נאַסע גלאַנציקע פעלן זענען געווען צוגעדעקט מיט קאָלירטע פּלאַכטעס און קאָלדרעס. טייל זענען געשטאַנען מיט געבויגענע קעפּ, די מאָרדעס אַריינגעשטעקט אין די טאָרבעס פּאַשע און זיי האָבן געשמאַק, ווי בעלי־תאוהס, געאַרבעט מיט די געזעגטע, שפּיציקע ציין.

איבערן הויף האָט זיך אַרומגעדרייט אַ פעטער פאַרשוויז, מיט אַ

קורצע שמיץ־בייטש אין האנט. ער איז געווען אנגעטאן אין א לעדערנע קורטקע און אין א פאר גומענע שטיוול ביז איבער די קניען. דאס איז געווען עובדיה, דער אויפזעער איבערן ארייןפאר־הויף, א פערסישער ייד, א שומר און לייב־קנעכט ביי זיין באלעבאס יצחק ישמע אליוף.

עובדיה האט געשפאנט ארום די וועגענער און זיך אונטערגעגארגלט אן אראבישן ניגון. דערנאך איז ער אריין צווישן די פערד, ער האט באטראכט זייער אויסגעצוואגענע פעל, וואס האט זיך דין גענפעדערט און געבלאזן. ער האט א פאטש געטאן איין אגער איבערן קארק, א צווייטן איבערן הינטער־חלק, הינטער זיינע פלייצעס האט א ברוין־מאגער פערד, מיט א גרויען פלעק צווישן די אויגן, זיך צעהירזשעט, אזוי אויסטערליש, ווי דאס וואיען פון א הונגעריקן וואלף.

עובדיה האט זיך אויסגעדרייט, ער האט אפגעבונדן די טארבע פונם פערדס מארדע, געזען אז ס'איז נישטא קיין זכר פון דער פאשע, דאס פרעס־זעקל אויסגעליידיקט, דער בויך — אנגעלאפן. טא וואס הירזשעט ער? ער האט נאכאמאל דעם סוס באטראכט, אונטערגעהויבן דעם עק, צי א ווארעם בייסט אים נישט, ווי א מומחה האט ער מיט די אויגן אויסגעטאפט יעדן אבר, באלד זיך געשטויסן אויף עפעס. ער האט וואוילעריש א בים געטאן דאס קנויטל פון די פארשפיצטע וואנצעס, דערנאך אויסגעפעטשלט דאס פערד איבער די צעפנטע נאז־לעכער און געלאזט פאלן:

— פריער ווי איז „ראמעדאן"1) וועל איך דיך צו דער קאבילע נישט פירן...

עובדיה האט זיך געלאזט מיט דער בלאטיקער סטעזשקע, וואס האט געפירט צו יענער זייט פלויט. ער האט געצויגן צו א נידעריק הייזל, געמויערט פון פאלירטע גראניט־שטיינער, גייענדיק האט ער זיך איינגעחזרט, ווי ער וועט אטקעגן גיין דעם באלעבאס מיט א שפרוך, אז די שטאלן זענען ליידיק, מען דארף א פאר זעקלעך קלייען. דער באלעבאס, יצחק ישמע אליוף, א צעקנייטשטער רביתניק 2), וואס האט ס'עשירות פון קורח און יארן פון מתושלח וועט אים צוערשט אפטרייבן. ישמע אליוף, וואס לייט די ארעמע בעלי־עגלות געלט אויף

1) ראמעדאן — איינער פון די מאכמעדאנישע פערציק פאסטטעג.

2) רביתניק — וואוכערניק.

פראַצענט, און נישט נאָר וואָס ער לייט, נאָר די, וואָס פאַרשפּעטיקן מיטן צאָלן, ביי די נעמט ער צו פערד און וואָגן פּאָר משכנות, האַלט זיי אויס אין זיין אריינפאַר־הויף, אַט דער ישמע אליוף וועט אויס־הערלנדיק עובדיהס נייעס זיך פאַרקרימען, וועט אוועקשאַרן פון זיך די נאַרגילע־רויך און אַ בורטשע טאָן:

— אַזוינע שטומע חיות און אַזוינע מאַנערס! אַזוינע פּרעסערס!

עובדיה וועט זיין באַלעבאָס לאָזן אַ ווײַלע אָפּאָטעמען, דערנאָך וועט ער אים דערציילן, ווי דער אַגער הירזשעט, מאַכט פול דעם הויף מיט קולות, גלייך ס׳וואָלט געווען חודש תמוז. ישמע אליוף, אַן אַלמן, וואָס לעבט שוין אריבער צען יאָר אָן אַ ווייב, וועט די נייעס נישט אויפנעמען ווי אַ הלצה. ער וועט צוריק צורוקן צו זיך די נאַרגילע, וועט אויפבלאָזן די צעגליטע קוילן, וועט אַ טיפן ציִ טאָן דעם שלייך און אריינכיכקען אין דער געטאָפּלטער גאַמבע:

— אַזאַ שברי־כלי! אַזאַ מאַגער באַשעפעניש! און דאָס בענקט נאָך אַ קאַבילע! אַזאַ געברויכער!

פונם פאַרגאַסענעם געסל האָט זיך געהערט אַ פּלעסקעריי, דערנאָך שווערע טריט איבער דער ליימיקער סטעזשקע, ווי עמיץ וואָלט געטרעטן איבער צעבראָכן גלאָז. עובדיה האָט זיך איינגעקוקט, מיט איילנדיקע שריט איז אָנגעקומען בנבנישתי, דער ספרדישער שדכן וואָס האָט פאַר־זאָרגט די בוכאַרער אַלמנס און פרייליידיקע מאַנסבילן מיט זיווגים. דער שדכן, אין דער לבשה פון אַ „חכם", הינטער דעם קאַלירטן כאַ־לאַט אַ פּאָר רויטע טערקישע פּאַלע־הויזן, האָט געשטעלט אַזוינע שפּרייזן, גלייך ער וואָלט זיך געקליבן דעם פּלויט אריבערצושפּרינגען.

פון די הייזער האָבן זיך געעפנט טירן. שכנים האָבן אים גענו־מען נאָכקוקן. דאָס באַווייזן זיך פון בנבנישתי אינם געסל האָט ארויסגערופן אַזאַ נייגעריקייט, ווי אַמאָל, אין די טערקישע צייטן, דאָס אַנרייטן פונם פּאַשאַ פון דמשק, אָדער דאָס אָנקומען פונם „מכריז", וואָס האָט אויסגערופן אינם שטילן פּרימאַרגן דעם סולטאַנס נייע גע־באָטן און געזעצן.

עובדיה האָט געוואָלט וויסן וואוהין דער „חכם" איילט אַזוי, האָט אים נאָכגעקוקט און ווען בנבנישתי האָט אריינגעדרייט צום וועג, וואָס פירט צו ישמע אליופס הייזל, האָט ער אים אָפּגעשטעלט און באַגריסט:

— מיט שלום און מיט ברכה! וואוהין איילסטו בנבנישתי?

— צו דיין באַלעבאָס!

— צו מיין באַלעבאָס? צו דעם זעכציק־יעריקן? — האָט עובדיה

זיך געוואונדערט — האָסט פאַרשפּעטיקט מיט אַ פּופצן יאָר.

— „אָקאַזיאָן" 2) עובדיה, אַלץ איז אָקאַזיאָן. ישמע אליהו איז אַ גבר, ער האָט גאָרנישט פאַרשפּעטיקט. דער שפּאַניאָלישער שפּרוך זאָגט: „וואָס לענגער דער בעל־חוב וואַרט, אַלץ מער מאָנט ער איין". כ'טראָג פאַר דיין באַלעבאָס אַן „אָקאַזיאָן!"

— וואָס ברענגסטו פאַר אים, אַ באַיאָרטע אַלמנה, צי אַ פאַרטריבענע קעבס־ווייב פונם לעצטן סולטאַן? — האָט עובדיה זיך קיילעכדיק צעלאַכט.

— אַזאַ נישט־פאַרגינער ביזטו דיין באַלעבאָס? — האָט בנבנישתי אויפגעהויבן ביידע פּאַלעם פונם קאַלירטן כאַלאַט — כ'זע, דו עסט זיין ברויט און ביזט אים אַ דם־שונא. נישט קיין קעבס־ווייב, נישט קיין אַלמנה ברענג איך אים, נאָר אַן אמתן עוף טראָג איך. און נישט גלאַט אַזוי אַן עוף, נאָר טאַקע אַ יונג הענדעלע, אַ וואַרעמס, ערשט אויסגעבריט... ווי עס שטייט — האָט בנבנישתי, מעשה למדן, זיך צעוויגט אין דער ברייט און אין דער לענג — והמלך דוד זקן בא בימים. ויאמרו לו עבדיו: יבקשו לאדוני המלך נערה בתולה ושכבה בחיקך —

עובדיה וואָס איז געווען געשלאָגן אויף עברי און נישט פאַרשטאַנען בנבנישתים זאָגעכץ, האָט אים אָנגעקוקט ווי אַ תם און ווייטער געטענהעט:

— ביים אַלטן ישמע אליהו אַרבעט נישט דער מאָגן, די אַדערן ווערן ביי אים פאַרקילט, די ביינער — פאַרטריקנט און דו ליפערסט אים הענדעלעך!

— כ'זע אַז מיט דיר, אַ פּערסישן יהודי, טאָר איך נישט צופיל איינטענהען, ווייל דערצו קומסטו נאָך פון שושן הבירה. מה דאָך, דיין בן־עיר, אחשורוש איז געווען אַ מלך טפּש, ווי שוין דו, אַ פּראָסטער פּוסגייער זיינער — האָט ביי בנבנישתין זיך געקאָלערט אַ געלעכטער אויף די שפּיצן ציין — אָבער נאָכאַמאָל זאָג איך דיר, ער וועט פאַרדייען דאָס הענדעלע, דיין באַלעבאָס, אָט דער בוכאַרלער נואף, אוי וועט ער פאַרדייען!

בנבנישתי האָט געהויבן די פיס צום שטיינערנעם הייזל. עובדיה מיט דער בייטש אין האַנט איז אים נאָכגעגאַנגען. בנבנישתי האָט געטראָגן פאַרן בוכאַרער זקן די בשורה פון אַ ווייב, און עובדיה — פון הונגעריקע פערד. גייענדיק האָט עובדיה איבערגעגעבן דעם שדכן

2) אָקאַזיאָ — אַ געלעגנהייט.

ווענן די שטאָלן, וואָס זענען לײדיק פון פּאַשע, ווענן דעם אויסגעדאַרטן אַגער וואָס בענקט נאָך אַ קאָבילע. בנבנישתי אַ מפּונק אויף מענטש און אויף בהמה, האָט אַלץ אויסגעהערט. דאָס געלעכטערל האָט אַלץ זיך געקאָלערט אויף די שפּיצן ציין. און ווען זיי זענען צוגעקומען צו דער שוועל פון ישמע אליופּס הויז, האָט דער דורכגעטריבענער שדכן פאַרהאַלטן דעם שומר און געבלאָזן אויף אים מיט זיין שווערן אָטעם:

— פון דיר פערד־יונג, וועט דער אַלטער איצט בלויז האָבן עגמת־נפש. און וועסטו אים דערצערענען, פאַרליר איך מיין „אָקאַזיאָן“. פאַרשטייסט? פון דיין בשורה — דאַרף ער ווערן אַ בעל־הוצאה, פון מיינע — אַ בעל־הכנסה. טאָ לאָז מיך דעם ערשטן!

אַז בנבנישתי האָט זיך באַגעגנט מיטן אַלטן ישמע אליוף, איז דער בוכאַרער זקן, ווי אַ אָנגעגאָסענער פּאַשאַ, געווען איינגעוויקלט אין בייטשן רויך, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון דער נאַרגילע־שלויף. ער איז געזעסן אויף אַ געפלאָכטן פּוס־בענקל, אין די זאָקן, ווי אַ אַבל. דאָס פּנים ברייט, אַנגעקרעפּט. אויף דער נאָז אַ גראָב רויט פּעפּערל, אַזוי אָנגעבלאָזן, גלייך ס'וואָלט געהאַלטן ביים פּלאַצן. דאָס קול, ווי אַ בויד־שטים, איז געפאַלן מיט אַ גרעביץ:

— אַלע וויסטע און טרויעריקע זעעניש איבער דיין האַלדז און נאַקן, די פריילעכע — איבער מיינעם... ווער האָט דיך אַריינגעטריבן צו מיר אין אַזאַ שלאָקסרעגן? ענטפער, שוחט!

אַז אויפגעהייטערטער פון דעם ברוך־הבא, האָט בנבנישתי זיך אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט איבער ביידע קניען, גענומען וואַרפן מיט דער שפּיץ צונג צווישן צוויי שורות ציין, ווי אַ פּאַקוסניק פון אַלעקסאַנדריע. פון תענוג האָט דאָס פּנים ביי אים זיך געקנייטשט און געקאַרבט אין טויזנטער פאַלדן.

— זאָגט עס איבער נאָכאַמאָל ר' ישמע אליוף! זאָגט עס איבער! מימרות און שפּרוכן הערט מען פון אייך! איי, איי, די בוכאַרלער האָבן אַ לשון! האָניק טריפט פון זייערע מיילער...

ישמע אליוף האָט אַ טיפן ציִ געטאָן דעם נאַרגילע־שלויך. די קוילן האָבן אויפגעגליט. דאָס וואַסער האָט אין דער בייכיקער פלאַש אַ פליוכקע געטאָן. די חניפה־רייד האָבן אים געגלעט, ווי ס'גלעטן בשמים דאָס לייב פון אַ האַרעם־ווייב.

ער איז ווייכער געוואָרן:

— כ'האָב געפרעגט, ווער ס'האָט דיך אַריינגעטריבן אַהער, שוחט?

— איר רופט מיך שוחט, ר' ישמע אליוף? קיין חלף איז קיינ־

מאָל צווישן מיינע צייַן נישט געזעסן. און מייַן האַנט האָט קיינמאָל קיין הינערישן ושט נישט איינגעשניטן...

— אָבער דעם ושט פֿון נישט אייַן אָקס האָסטו איינגעשניטן, האַ? נעמסט געזונטע מאַנסבילן און פּירסט זיי גלייַך צו דער שחיטה. צו־ערשט האָסטו אָפּגעקוילעט דעם חכם פֿון דער בולגאַרער עדה, שפּע־טער אונזער שול־גבאי, איצט נעמסטו זיך צו מיר? און מיינסט טאַ־קע, כ׳וועל דיר נאָכגיין ווי אַ קעלבל? אָבער אויסהערן וועל איך דיך. רייד, נאַרן־קאָפּ!

דער שדכן האָט זיך איינגעקאַרטשעט. ער האָט אַ הויב געטאָן די הענט איבערן קאָפּ, דערנאָך זיי צונויפגעלייגט איבער די אַקסלען, אַזוי, אַז די עלנבויגנס האָבן אויסגעזען ווי פֿאַרשפּיצטע פֿליגלען. די קניען האָבן זיך איינגעבויגן און ער האָט אויסגעקוקט ווי ער וואָלט זיך געקליבן טאַנצן אַ לצים־טאַנץ. ער האָט אָנגעהויבן מיט אַ ניגון:

— אהבתי את אדוני! און ווייל כ׳האָב ליב מייַן האַר, ברענג איך אים אַ בתולה מן המבחר, אַ יפֿת־תואַר, משיפֿרא דשיפֿרא, אַ דערקוויי־קעניש פֿאַר די ביינער, אַ דערוואַרעמניש פֿאַרן אַלטן גוף.

— הער אויף מיט די גוזמאות און רייד צום תוך, וועמען ברענגסטו מיר? — האָט ישמע אליהו אַ צי געטאָן די ברעמען ווי האַל־בע לבנות — אָבער איידער דו רופֿסט אָן דעם נאָמען פֿון דער בתולה, בנבנישתי, זאָג מיר, ווען דו קענסט מיך נישט אַזוי, נאָך פֿון דזשעמעל פֿאַשאַם צייַטן. און איך פֿאַרשטעל זיך צו דיר אַזוי פֿאַר אַן אַלמן, צי פֿאַר אַ גרוש און אין דער אמתן האָב איך גאָר מעבר לים געלאָזט זיצן אַן אישה, אַן עגונה, און טאַקע אַ זקנה, וואָלסטו דעמאָלט מיר אויך אָנגעבאָטן אַ יפֿת־תואַר? ענטפֿער בנבנישתי!

בנבנישתי וואָס איז פֿאַר אַ ווײַלע צעטומלט געוואָרן פֿון דער שאלה, איז באַלד געקומען צו זיך. ער האָט נישט געלאָזט אַז די רייד זאָלן אים קרענקען, ווי פֿיש־גרעטן, אין האַלדז, און ער האָט זיך צע־שאָקלט:

— ווען איר ר׳ ישמע אליהו וואָלט אַפֿילו איבערגעלאָזט אַ חפֿץ מעבר לים, אין בולגאַרער לאַנד צי אין בוכאַרער לאַנד, וואָלט עס אונז ירושלימער יהודים נישט געדאַרפֿט אַרן. דאָ אין ארץ־ישׂראל ענ־דיקן זיך אַלע תחומים און אַלע גלות־מנהגים, און ווען איך האָב צו זאָגן, וואָלט איך מבטל געמאַכט אַפֿילו דעם חרם דרבנו גרשום.. וואָס קוקט איר מיך אַזוי אָן? יאַ, יאַ, ר׳ ישמע אליהו, דעם חרם האָט גע־מאַכט אַן אשכנזישער גאון, דערצו פֿאַרן גלות. און כ׳זע נישט אייַן דעם שׂכל. אי ס׳בלייבן פֿאַרזעסן יידישע בתולות, אי ס׳שטערט צו

דער מצוה פון פּריה ורביה. ס'איז ניט קיין געבאָט פון דער תורה.
—ס'איז דאָך אָבער אַ מנהג־ישראל—איז ישמע אליופן געפעלן גע־וואָרן דעם שדכנס דרוש. — ס'איז בלויז אַן איינפאַל פון אַן אשכנזישן חכם... — האָט בנבנישתי אָפּגעשטריטן. און אויב שוין יאָ זיך אַראָפּנעמען אַ מוסר־השכל, פאַרוואָס עפּעס פון יעדן אשכנזישן חכם צי רב און נישט פון די מלכים, פון די אבות? וויפיל ווייבער האָט דוד המלך געהאַט? און שלמה המלך? און טאַקע יעקב אבינו? לאה, רחל, בלהה, זלפה, זענען זיי דען נישט געווען קיין קעבס־ווייבער? און ווען נישט אַט די אמהות, וואָלטן מיר דען געהאַט צוועלף שבטים? מה דאָך די אבות האָבן געמעגט, ווי שוין מיר, בעוונותינו הרבים, וואָס לעבן אין אַזאַ זינדיקן דור?

ישמע אליוף האָט שטאַרקער גענומען זויגן דעם שלויך. פון אויפרעגונג האָט דאָס פּעפּערל אויף דער נאָז זיך געפּענכערט, זיך גע־בלאָזן, אַרויף־אַראָפּ. ס'פייער פון די קוילן האָט אויפגעגליט, די בייטשלעך רויך האָבן זיך געקנוילט אַרום זיין קאָפּ און ער האָט אויס־געזען ווי אַ פּריסטער צווישן וואָלקנס קטורת. ער האָט געשמייכלט:

— נישט בלויז וואָס דו ביזט אַ נואָף און אַ שוחט, נאָר טאַקע אַ למדן אויך! איצט לאָמיך הערן, וואָס האָסטו מיר צו זאָגן וועגן דער בתולה. מיכה, מיכה, פּתח את פּיך!

בנבנישתי האָט זיך נישט געאיילט גלייך צו ענטפערן. ער האָט אַ צי געטאָן צו זיך די רעכטע טייל פון די טערקישע פּאָלע־הויזן און האָט אַרויסגענומען פון דער הינטער־קעשענע אַ שיטערע מעשענע קייט, וואָס מען קויפט אויף די מערק אין באַגדאַד, צי אין די „מאַסקי"3) פון קאַיראָ. ער האָט גענומען וויקלען די קייט אַרום דעם טייטל־פינגער, איינמאָל, אַ צווייט מאָל, דערנאָך האָט ער געלאָזן אַרויסגע־שלעפּט אַ רויטן שניפּ־טוך, גענומען איבערפּוצן איטלעכעס רינגל פון דער קייט מיט דער פּאַרזיכטיקייט פון אַן אַלעקסאַנדריער חלפן, ווי־דעראַמאָל געוויקלט די קייט אַרום דעם טייטל־פינגער און ווען ישמע אליוף האָט פון אומגעדולד און אויפרעגונג געקריגן קורצן אָטעם, האָט בנבנישתי געלאָזן אָנגעהויבן:

— יידישע טעכטער זענען געגליכן צו טויבן, ר' ישמע אליוף, און יידישע טעכטער זענען געגליכן צו רויזן, ווי עס זאָגט זיך אין שיר השירים — שושנת העמקים... און פּונקט ווי ס'זענען פאַראַן טויבן

3) מאַסקי — אָריענטאַלישע באַזאַרן.

יחסנטעם וואָס האָדעווען זיך אין געשניצטע טויבן־שלאַקן, אַזוי זענען אויך פאַראַן טויבן וואַנדערנדיקע, וואָס פּויזן אויף יעדן פאַררויכערטן דאַך, אויף יעדן קוימען־לאָך... און עס זענען פאַראַן רויזן וואָס וואַקסן ביי אַן עפּענדי אין גאָרטן און מען קען אויך פּאַקן אַ רויז וואָס גיט אַ שפּראַץ ארויס גאָר צווישן עיפּוש, נישט ווייט פון אַ מיסט־גרוב. אָבער די רויז בליט, שלאָגט מיט טייערע ריחות און וואַרט מען זאָל זי איבער־פּלאַנצן... און אָט אַזאַ רויז האָב איך געפּאַקט. און ווייסט איר דעם נאָמען ר׳ ישמע אליוף? ראַזאַליע, ישמח בעל־עגלהס טאָכטער!

— ישמח בעל־עגלהס? — האָט ישמע אליוף זיך אויפגעשטעלט אין זיין פולער הויך און אַ צערייצטער גענומען שפּרייזן איבערן רויטן טעפּיך — ער צאָלט מיר נישט, דער שווינדלער, נישט דעם קרן, נישט דעם רבית 4) צאָלט ער נישט. כ׳וועל אים פאַרקויפן די עגלה מיט די סוסים!

— דאָס וואָס מען רעדט! — האָט בנבנישתי זיך אַ פּאַטש געטאָן אין די הענט אריין — ביזטו אַ פאַרחובטער — מוזטו צאָלן דעם מעשר, און די רבית און דעם נכס, נישטאָ קיין אומזיסטע זאַכן. האָסטו נישט קיין ממון, צאָל מיט אַ חפץ, מיט אַ קאָסטבאַרן חפץ! קיין ממון ר׳ ישמע אליוף, וועט איר טאַקע פאַר אייערע אויגן נישט זען, ווי ס׳זעט נישט מער דער סולטאַן אַבדול כאַמיד זיינע יעוונוכן און זיינע האַרעם־וויבער... אָבער דעם חפץ, כ׳מיין די בתולה ראַזאַליע — דאָס קענט איר יאָ אָנזען, און טאַקע נעמען אויך! און איצט, ר׳ ישמע אליוף, באַנעמט איר שוין די כונה פון מיינע רייד?

ישמע אליוף האָט נישט געענטפערט. ער האָט נישט אויפגעהערט צו שפּרייזן איבערן טעפּיך. וואָס אַ שפּרייז — אַלץ מער רוגזה, וואָס אַ טראָט — אַלץ מער צאָרן. דער נאָמען ישמח האָט ארויסגערופן אַזאַ פלאַקער, ווי מען וואָלט ביי אים געשטאָכן אַ בלאָטער. ער האָט געוואוסט אַז ישמח איז אַ פאַרשלעפּטע חולאת. ער צאָלט נישט פון אָנהויב אָן. דערצו האָט בנבנישתי איצט איינגאַנצן מקבר געווען דעם חוב. פאַרוואָס? ווייל ער זאָגט אים צו אַ יונג, היים ליב וואָס זאָל וואַרעמען די אַלטע ביינער? און ער ישמע אליוף, וואָס ווייס נישט פון מחילה, פון ותור, וואָס ווייס בלויז חשבון — קרן און רבית, רבית און קרן — וועט ער טאַקע נאָכגעבן?

ישמע אליוף האָט שפּרייזנדיק אַ קוק געטאָן אויף בנבנישתן, וואָס

4) רבית — פּראָצענט.

איז געשטאַנען מיט צעשפּרייטע הענט און פּיס, ווי אַ לץ, און אַ חשק האָט אים אָנגענומען אים אויסצופּראַסקען, אים צו טרייבן איבערן פּלויט. אַזוי טראַכטנדיק, זענען די שפּרייזן ביי אים געוואָרן ברייטער, צעצויגענער, ווי די שפּרייזן פון אַ קעמל איבער אַ מדבר־פּלאַך. און ווען ער איז געוואָרן מיד, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט זיך צו־געזעצט צו דער נאַרגילע, מיט תענוג גענומען זויגן דעם שלויך, ווי אַ איינשלעפערנדיק געטראַנק. דער צאָרן האָט זיך גענומען אויסוועפּן מיט די קנוילכלעך רויך. ער איז געוואָרן אָפּגעקילט. ער האָט אָנגע־שטעלט ביידע האַנט־פּלאַכן ווי וואַג־שאָלן און אַרויפגעלייגט אויף איי־נע — ראַזאַליען, אויף דער צווייטער דעם געלט־חוב. וואָס איז בילכער?

פאַר ישמע אליופן איז געווען בילכער ראַזאַליע. דער דורכגע־טריבענער וואָוכער אין אים האָט אונטערגעזאָגט אַז ישמח האָט אויס־געצויגן די קאַפּיטעס, איז אַ מת און מיט מתים פירט מען קיין מלחמה נישט. פאַרפאַלענע חובות ליגט מען אין די קברים. דער געדאַנק אַז זיין חוב איז פאַרפאַלן האָט וואָד געמאַכט אַלע תאוהס צום שדכנס אָנבאָט, האָט געפירט צו שטילער הסכמה. ישמע אליוף האָט געוואָלט אויסבאַהאַלטן פאַר בנבנישתן די גרייטקייט איינצוקלאַפּן. און פון די טונקעלע פאַרברענטע ליפּן האָט זיך געקאַלערט אַ פראַגע:

— אויף אַז אַנדערן וועג קענסטו פאַר מיר די בתולה נישט קריגן?

— פון ששת ימי בראשית אַן איז נאָך קיין צוואַנציק יעריקע נישט געגאַנגען גערנוויליק צו אַ זעכציק־יעריקן — האָט בנבנישתי זיך צעשאָקלט ווי אַ טערקישער מועדזין — אויב ליבעניש, אויב גלוסטע־ניש טראָגט זיך אין הארץ פון אַ ייִדישער טאָכטער, פעלן דען יונגע שלעגערס, פעלן דען שטאַרקע מאַנסבילן. און איך וויל נישט מינערן אייער כח, ר' ישמע אליוף, אויב אברהם אבינו האָט אין זיין טיפער עלטער באַוויזן אַ נס — אַ ברית — קענט איר, אַ געזונטער גבר, היינט אויך אַזאַ נס באַווייזן! מען דאַרף נאָר אָנגורטן די לענדן. איצט לאָזט מיך הערן, ר' ישמע אליוף, ווילט איר ישמח דער בעל־חוב זאָל ווערן אייער שווער? מעג איך גיין אין זיין הויז?

— כדבריך, כדבריך, — האָט ישמע אליוף ברומענדיק זיך אויפ־געשטעלט. די ברעמען האָבן זיך ביי אים געשטייפט, ווי הערנער. דאָס פּעפּערל אויף דער נאָז האָט זיך געבלאָזן. ער האָט אַרויפגעלייגט זיי־נע שווערע הענט אויף בנבנישתיס אַקסלען און אים אַרויסבאַגלייט פון זיין הויז.

בנבנישתי האָט געהויבן די פיס מיט אַזאַ געאייל, גלייך חיילות וואָלטן אים נאָכגעיאָגט. אין געלויף האָט דער קאַלירטער כאַלאַט גע־פלאַטערט. די רויטע פּאָלע־הויזן האָבן נאָכגעבאַמבלט. דער פּרענז אויף דער פּעסקע האָט זיך געוויגט און אַלץ אויף אים האָט דערמאָנט די הלבשה פון אַ מכשף. אין דער מחשבה האָט ער שוין געציילט דעם שכר־טרחה. דאָס שדכנות־ממון האָט געקיצלט די האַנט־פּלאַד. ער איז פאַרביי דאָס טונקעלע שול־געסל און אַ צעטראָגענער נישט געענט־פערט די עלטערע פּרוכת־שטיקער און טליתים־נייער, וואָס זענען גע־שטאַנען אויף די שוועלן פון זייערע וועקשטעלן און אים באַגריסט מיט דרך־ארץ און הכנעה. דער רעגן האָט אויפגעהערט. די זון האָט געפלאַמט און אויסגעטריקנט די שליוזן וואַסער, די גריבלעד בלאַטע און די אָנגעפילטע ראָוון. ער איז אַרויסגעקומען אויף אַ פרייער גראַז־פּלאַד. הינטער די שאַטנס פון די עטלעכע צעשטעלטע ביימער האָבן געבלאַזן ווינטלעך. די יונגע פּאַלמעס און עאוקאַליפּטוסן וואָס זענען געשטאַנען שטאַלצע און פאַרריסענע, ווי שטיינערנע קאָלאָנעס, זענען געווען טונקל און ברוין־קאַרעדיק.

בנבנישתי איז שטיין געבליבן ווי אויף אַ שייד־וועג, פון גרוים צעטומלעניש פאַרגעסן, אַז ס׳זענען נישטאָ קיין צוויי דרכים. פאַראַן בלויז איין וועג, איין שליאַד — צום הויז פון ישמח בעל־עגלה.

פון אַ געסל איז אַקעגן געקומען אַ באָרוועסער אַראַבער, אין אַ צעפליקטער אַבאַיע, פירנדיק הינטער זיך אַ רייט־אייזעלע מיט אַ קאַ־לירטן זאָטל. דער אַראַבער האָט אָפּגעשטעלט דעם שדכן:

— באַרכאַבאַ יאַ עפענדי! פון אַזאַ לויפן וועלן דיר די פיס גע־שוואָלן ווערן און ס׳וועט דיר אָטעם אויספעלן. ווילסטו נישט צוריי־טן? פאַר צוויי פּיאַסטער, יאַ עפענדי, פיר איך ביז צום יפוער טויער.

בנבנישתי האָט באַטראַכט דעם אָפּגעשליסענעם טרייבער, וואָס האָט זיך אוועקגעשטעלט ווי בלעמס אייזל, פאַרשטעלט אים דעם וועג און געענטפערט:

— נישט פאַר מיין שליחות טויג דיין אייזל, חאַביבי. ביז כ׳וועל מיך צושלעפּן מיט אָט דער פוילער פּרדה 5) צום מחותנס שטוב, קען שוין דאָס פּאָר אַז מיר האַלטן ביים ברית...

דער אַראַבער האָט אָפּגעטרעטן. בנבנישתי האָט געלאַכט פון

פּרדה — מויל־אייזל.

דעם פאַרקאַפּטשעטן ישמעאלי, וואָס האָט שכל פון אַן אַרמענער און חשק פון אַ טערק. ער, בנבנישתי, וואָס קען צוליב אַ דבר־מצוה, מיט זיינע פלינקע פיס, שפּרינגען איבער פּלויטן, היפּן איבער גריבער — אים, באַט אַן אָט דער פעלאַכן — קאָפּ אַ שלעפּ־אייזעלע? מיט רייד אויפן גומען, מיט ווינט אין די פּאַלע־אַרבל און די הענט צעשפּרייט, ווי אַ צעפליגלטע מיל — אַזוי האָט בנבנישתי זיך געטראָגן איבער די שמאָלע סטעזשקעס. ס'איז אים געוואָרן היים. די זון וואָס האָט נאָכן רעגן צעריסן די כמאַרעס, פונאַנדערגעשאַרט זיי, האָט איצט גע־פלאַקערט, האָט אָנגעהייצט הימל און ערד. ער האָט זיך אַריינגעלאָזט אינעם קוואַרטאַל גבעת־שאול. ס'איז געוואָרן שאָטנדיקער. די ווינט־לעך וואָס האָבן געבלאָזן איבער די בערגלעך, האָבן צעוויגט די צע־שויבערטע פּאַלמע־קעפּ וואָס אַרום די אָפּגעצוימטע גאָרטנס. בנבנישתי האָט געשפּרייזט מיטן טאָל, וואָס האָט זיך געקאָלערט צום אַראַבישן קוואַרטאַל. שטיינערנע פּלויטן האָבן אַרומגעגאַרטלט מאַכמעדאַנישע הויפן און אָפּגעטיילט אַראַבישע שכנים פון יידישע. בנבנישתי האָט נישט געטראַכט וואוהין ער גייט. די אויגן זענען ביי אים געווען פאַר־האַקט, ווי ביי אַ פרומען מאַכמעדאַנער, ווען ער טרעט אַריבער דעם אבן־השתיה. דער אימפּעט האָט אים געטראָגן, און נישט פאַרפירט אויף קיין אומוועגן.

ביי בנבנישתן אויף דער האַנט־פלאַך איז אַלץ געווען אויסגע־פלאַנט. נישט בחינם האָט ער אויסגעמיטן ישמחס הויז, אין בוכאַרי־שן קוואַרטאַל איצט, נישט אָפּגעשטעלט זיך אײנטענהען מיטן ווייב, די ערשטע דבורים דאַרפן זיין מיט אים, מיט ישמחן אַליין, ווי עס פירט זיך ביי ספרדים, פון קדמונים. און ישמחן קען ער טרעפן ביי זיינע פערד. און ווען בנבנישתי איז אויפן ברייטן שאָסיי וואָס האָט זיך געצויגן פאַרביי דעם „טאָל פון גהינום", האָט פון דער־ווייטנס זיך אַרויסגעזען דאָס יפוער טויער, וואו אַרום, אין אַריינפאַר, זענען געווען צעשטעלט פערד און וועגענער פון יידישע און אַראַבישע בעלי־עגלות.

בנבנישתי האָט זיך געפּלאָנטערט צווישן די שורות וועגענער און זיך געוואונדערט, וואָס די אַראַבישע און יידישע בעלי־עגלות שטייען אוזאַמען, גלייך ס'וואָלט איצט נישט געווען שעת־חירום, וואו ייד און אַראַבער האַלטן שוין אַריבער צוויי יאָר מלחמה, גלייך פון יענער זייט יפוער טויער, וואו ס'קאָלערט זיך די אַלטשטאָט, וואָלט זיך נישט גע־

הערט יעדע שעה, ס'קנאַלעריי פון אויפגעריסענע באַמבעס, פון שיסע־רייען.

בנבנישתי האָט זיך דערמאָנט אָן דעם היתר וואָס די מוסולמענער האָבן געקראָגן, פון דער „כאַדיסע", אַז דער נביא האָט באַפוילן צו זיין גוט צום שכן, אַפילו ווען ער איז אַ כופר און באַטריגער. פונדעסטוועגן האָט ער מורא געהאַט פאַר די אַראַבישע פורמאַנעס שרעקנדיק זיך, אַ בייטש זאָל אים נישט אָפּמעסטן. ער האָט זיך געשאַרט ביי דער שטיינערנער וואַנט און געזעץ, ער זאָל זיין אונטער די אויגן פון די גע־ציילטע ענגלישע זעלנער וואָס האָבן באַוואַכט דאָ און דאָרט זיך גע־דרייט אַרום די ליקעם און געסלעך — ליקעם און געסלעך — די שטיי־נערנע טרעפּ צו דער אַלטשטאָט.

ישמח, אַן אַנגעגאָסענער, אויסגעבעטער מאַנסביל, פלייש און בלוט, אין אַ בוכאַרישע זשופּיצע, איז געשטאַנען ביי אַ שטיינערנעם פּלויט איבער זיינע צוויי „ברויט־געבערס", — ברוינע, אויסגעמאָגער־טע אָגערס. ער האָט זיי אויסגעטאָן ס'געשפּאַן, ווי מען טוט אויס אונ־טער־בגדים, דערנאָך האָט ער געבליאַפּעט איבער זיי מיט עמערס קאַלט וואַסער און געבאַרשט די בייכער און די רוקנס מיט אַ האַרטע דראָטע־נע באַרשט, אַז דרעשטשעס זענען דורכגעגאַנגען איבער די פערדישע לייבער. ביים באַרשטן איז די פעל ביי די פערד געוואָרן האַריג, אויס־געצוואָגן און דורכזיכטיק געציטערט אַקעגן דער זון. און ישמחן האָט אַזאַ הנאה געטאָן פון דעם „שפּריץ", וואָס זיינע סוסים האָבן אַריינ־געכאַפּט, אַז ער האָט איילנדיק געגומען פאַרוואָרפן אויף זייערע קעפּ די כאָמעטס. ער האָט זיך אויסגעדרייט, דערזען אָנקומען בנבנישתן און געעפנט אַ פאָר רציחהשע אויגן:

— ווי קומסטו דאָ אַהער? וואָס פאַרא יום־טוב אינמיטן וואָך?

— דער יום־טוב וועט זיין ביי דיר ישמח, און איך, בנבנישתי, וועל זיך אויך משמח זיין.

ישמח האָט אַראָפּגערוקט איבערן שטערן די אַראַבישע טשאַלמע ווי אַ צעפּאַרענע יאַרמעלקע. ער האָט אָנגעשטעלט אויף בנבנישתן דאָס רעכטע אויג. דאָס לינקע האָט ער האַלב פאַרמאַכט, אָפּן געלאָזט בלויז אַ שפּעלטל, אָפּן געלאָזט דאָס פאַרלאָפּענע ווייסל וואָס האָט גע־צוקט, ווי אַ שטיק, פאַרוואָלקנטער הימל, איידער ס'ברעכט אויס אַ שטורם. בנבנישתים אָנקום האָט אָנגעזאָגט בייזע בשורות, האָט געדעדט אַ לשון, וואָס ער פאַרשטייט נישט. ער, ישמח איז אין קיין „מאַדראַסאַ" 6) נישט געגאַנגען, האָט קיין פּסוקים נישט געלערנט.

6) מאַדראַסאַ — שול.

אַבער צונויפריידן זיך מיט א מענטשן, דאס קען ער. די צונג וויים נישט פון חניפה, ווייס נישט פון באַהעלטעניש. זי פרעגט:

— גאָט זאָל דיך אונטערלענען, חכם בנבנישתי. דו ווייסט אז צווישן עפענדים 7) און קאָפּ־מענטשן ועסטו מיין האנט און פוס נישט געפינען. יעדער דאַרף זיך האַלטן ביי זיין שטאַנד. דער חכם ביים ספר, איך ביי די ליַיצעס. מיין זיץ איז שטענדיק דאָ אויף דער קעלניע. אַבער ס׳לשון פון לעבעדיקע באַשעפענישן פארשטיי איך אויך. צו מיינע שטומע פערד רעד איך מיט דער בייטש, צו מענטשן — מיט דער צונג. אַבער אז מען מאַכט מיר מח־שווינדל, קען איך פאַרבייטן די יוצרות אויך... דעריבער זאָג חכם בנבנישתי, אַבער אויף איין פוס, וואָס האָט דיך געבראַכט אַהער יעצט צו מיר?

בנבנישתי האָט אַרויסגענומען די לויזע מעשענע קייט און זי גענומען וויקלען אויף די פינגער.

— גערעכט, ישמח, ביזט גערעכט, כאָטש קיין בר־ספרא ביזטו נישט. אַבער שכל האָסטו מער פון א פערד־שמייסער און א געשאַנק האָט דיר גאָט געגעבן, א טאַכטער! ווי זאָגט זיך איז דער כאַדיסע? נישט קיין פסולע פרי, און אויב דו ווילסט דיר איצט קויפן אי יחוס ,אי געלט, האָסטו אַן אָקאַזיאַן — אַן אײדעם, כפתור ופרח! ר׳ ישמח, כ׳טראָג דיר א בשורה. ר׳ יצחק ישמע אליוף אַליין גלוסט צו דיין טאַכטער ראַזאַליע.

ביי ישמחן האָט זיך צוריק געעפנט דאָס לינקע אויג, ברייטער, גרעסער. דאָס רעכטע, דאָס לינקע — ביידע אויגן זענען געוואָרן פלאַמען. די ראיה האָט זיך געצונדן און געוועזן אָנגעלאָדן מיט בליצן און דונערן. ער האָט אַרויפגעשוואָרצט די אַראַבישע טשאַלמע, דערנאָך איז ער אַראָפּגעשפּרונגען פון דער עגלה, האָט אָנגענומען בנבנישתן פאַרן רעכטן אָרעם און א שפּריַיז געטאָן פאַרויס. ער האָט פאַרריסן דעם קאָפּ אין דער הויך, א קוק געטאָן איבערן קאַרניז פון „יפוער טויער", ווי פון גראַניט איז געוועזן אויסגעהאַקט א אויפגעהויבענע האַנט, אָפּגעבראָכן ביים געלענק.

מיט רציחה האָט ישמח אויסגעשטרעקט זיין האַריקע, אויסגעבאַקענע האַנט־פלאַך:

— זעסט אָט די אָפּגעהאַקטע האַנט? ווייסט ווער דאָס האָט גע־

7) עפענדים — פּריצים.

טאָן? דאָס האָט נאַפּאָלעאָן קיסר אַמאָל אָפּגעהאַקט, ווען ער האָט אַריינגעריטן נאָך ירושלים און נישט פאַרטראָגן, וואָס קעגן אים שטייט אַ פויסט. בחיי, 8) ווי כ'בין אַ יהודי! אַזוי וועל איך אָפּהאַקן דיין קאָפּ, דיין למדנישן קאָפּ, אויב ער וועט שטיין קעגן מיר, אויב דו וועסט אָנרירן מיין קינד.

בנבנישתי וואָס האָט געציטערט פאַר זיין קאָפּ, נישט ווייניקער ווי ישמח פאַר זיין קינד, האָט זיך געטאָן אַ צי אויף צוריק. באַלד האָט ער זיך מישב געווען, איינגעזען אַז ווער ס'זוכט מלחמה־פּרנסה, מוז קענען זען די שאַרץ פון אַ פייל. און ער האָט זיך געררוקט פאָרויס.

— אַז דו וועסט זיך צוהערן צו מיר ישמח, וועסטו פּטור ווערן פון דיין חוב. און אויב נישט — וועסטו פּטור ווערן פון די לייצעס.

— וואָס מיינסטו?

— דאָס וואָס דו הערסט, ישמח. ער וועט דיר פאַרקויפן די סוסים!

ישמח איז בלייך געוואָרן. ער האָט געוואָלט אַ הויב טאָן די בייטש און זי אָפּציען איבער בנבנישתס קאָפּ, אַזוי אַז דעם מנוול זאָלן בלייבן פּאַסן און קאַרבן אויפן נגבהשן פּנים. וואָס פּאַרא בייזער שליח? באַלד האָט ער זיך צוריקגעצויגן. ער האָט אָנגעכאַפּט בנבנישתן פאַרן קאַרק, האָט געקנעטן מיט די קנאַכיקע פינגער זיינע אַקסלען און געשריגן.

— ווי כ'בין אַ יהודי, בנבנישתי! כ'וועל אים אָפּשינדן ווי אַ פיש. אַז כ'קען צוממיתן אַן אַראַבער וואָס שטייט מיר אין וועג, אַז כ'קען אָפּרוימען אַ באַזויפענעם מוסולמענער, וועל איך מיר מיט אַט דעם מתושלח אויך אַן עצה געבן. אַ באַלעבאָס איבער מיינע סוסים?

— יאָ, דאָס איז ער, אָבער איבער מיינע בני־בית? — מכות בכורות!

ישמח האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט דער בייטש אין דער לופט, האָט אַרויסגעלאָזט אַ קנאַל, צו פאַרכפּלען דאָס געוויכט פון זיינע וואָרנונגען. בנבנישתי וואָס האָט זיך דערשראָקן פאַר די דבורים פון פערד־שמיי־סער, האָט איינגעזען אַז ס'איז אַ סכנה ווייטער צו פירן דעם שמועס. ס'גלייכקטע איז איצט צו הייבן די פּיס, אָפּציען... ער האָט פאַרבאַהאַל־טן די מעשענע קייט. ער האָט אונטערגעהויבן די פּאָלעס פונם שטרייף־כאַלאַט און גערעדט צום בעל־עגלה:

— נאָר אַן רציחה, ישמח, אַז אַ יפוער יהודי איז אין כעס הייסט

8) בחיי — ביי מיין לעבן!

מען אים טרינקען ים־וואסער, אָבער אַ ירושלימער, מוז טאקע אַפּקומען מיט אַ טרוקענעם גומען, מיט עגמת־נפש. דעריבער ישמח, אַז די היץ איז קאַפּ וועט פון דיר אוועק זאָלסטו זיך פאַרטראַכטן איבער מיינע רייד, זאָלסטו איבערקלערן. ס׳ברענט נישט. נאָר אַן איילעניש. מיי־נע שיפן שטייען נאָך פאַראַנקערט. כ׳האָב צייט. כ׳וועל ריידן מיט דיר מאָרגן!

:: :: ::

ישמח האָט געהויבן די בייטש און בנבנישתי — די פיס. וואוהין איצט זיך צו איילן, האָט בנבנישתי אפילו קיין איין רגע זיך נישט פאַרטראַכט. אַלע חושים אין אים האָבן אונטערגעזאָגט, אַז צום ווייב, צו ישמחס ווייב, צו דער סאַביכע. ביי ישמחן האָט ער אָנגעצונדן אַ פּלעמל, פון פּלעמל איז געוואָרן אַ געפּלאַקער, אַ שׂרפה. און זי, די סאַביכע וועט מיט איר מויל, ווי מיט האַגל און רעגן די שׂרפה לעשן. דער וועג איז געווען אויסגעפּלאַסטערט. פון קוואַרטאַל אוהל־משה ביז שכונת אהרון, פון דאָרט ווידער צוריק צו גבעת־שאול.

דער וועג האָט זיך געוויקלט צווישן באַרג־סטעזשקעס און איינ־געבראָכענע גריבער. דאָס שפּרייזן איז געוואָרן שווערער, די פיס — מידער. בנבנישתי האָט חשק געהאַט אַריבערצוקומען אַזאַ וועג מיט קפיצת־הדרך. ער האָט זיך אַ קערעווע געטאָן רעכטס. אויף אַ שטיין, מיט די פיס הינטער זיך, ווי אַ פּוילער טערק איז געזעסן אַ הויכער באַרוועסער ספרדי מיט אַ פּנים פון אַ סריס. דער ספרדי האָט געהאַל־טן אויף די קניען אַ שטרוי־געפּלאַכטענעם טעלער, באַליינט מיט כל מיני פּרעסערייען: רויטע פעפערלעך, איילבירטן, געבראָטענע אַרבעס, טייג־פּיטעס.

בנבנישתי האָט דערשפּירט אַ נאַגעניש ביים האַרץ. די גערוכן פון די מאכלים האָבן געקיצלט די נאָז־פליגל. ס׳שפּייעכץ האָט געטריפט איבער די ליפּן. נישט טראַכטנדיק לאַנג האָט בנבנישתי אַרויסגע־קראַצט פון אַ הויזן־פאַלע אַ געלעכערטע טאַריפע 9) און עס אַ וואָרף געטאָן אויפן געפּלאַכטענעם טעלער. פאַר דער מטבע האָט ער זיך אַראָפּגענומען אַ פעפערל און צוויי גרינע איילבירטן. ער האָט גע־שפּרייזט און געגריזשעט ס׳מאכל מיט אַזאַ הנאה, ווי נאָך אַ שווערן תענית. ס׳קומט אים אַ בעסערע סעודה — האָט ער געטראַכט — ס׳קומען אים מעדני־מלך. בנבנישתי האָט אָבער קיינמאָל נישט פאַר־

9) טאַריפע — ארץ־ישראלדיקע מטבע.

לאַנגט קיין שכר, איידער די ארבעט איז געווען אָפּגעטאָן. נישט בחינם האָבן די בוכארער שכנים געקוקט אויף אים, נישט בלויז ווי אויף א שדכן, נאָר געקוקט אויף אים ווי אויף א חכם, א תנא. דער־צו האָט אים ארויסגעהאָלפן זיין הלבשה, דאָס לומדישע פּנים. מען ווייס זיין ווערט. א שונא־בצע, איז קיינעם נישט נושא־פּנים, לאָזט זיך איבער מרחקים און איז מזוג זווגים.

אז בנבנישתי איז צוגעקומען צום נידעריקן פּארקאַן פון ישמחס הויף, האָט אים א שלאָג געטאָן אין פּנים וואָלקנס מיט ווארעמע פּארע. אויף יענער זייט פּארקאַן איז געשטאַנען ישמחס ווייב, בוסא אלפּא־ראדזשאַ איבער צוויי גרויסע באַליעס מיט וועש. קנוילן פּארע, ווי לאָקאָמאָטיוו־רויך האָט זיך געוויקלט אין דער לופט. בוסא אלפּא־ראדזשאַ אליין האָט זיך געדרייט איבערן הויף, א הויכע, אָן אויסגע־זעגטע, אין א שווערע, צעפאַלדעוועטע ספּודניצע. און דאָ וואו די ספּודניצע האָט זיך געענדיקט, האָבן זיך ארויסגעזען די נאַגאַוויצעס פון א פּאָר לאַנגע רויטע הויזן, פארקנעפּלט ביי די קנעכלעך. אויף די פיס מענערישע שטעק־שיך. דער צעקנאָדערטער קאָפּ שווארצע האָר, באדעקט מיט גרינע טאשמעס האָט איינגעטונקען דאָס טונקעלע פּנים, דעם שטערן און אפילו די אויערן, פונוואַנען ס׳האָבן זיך אראָפּגעוויגט שווערע רייפן־אויערינגען.

בוסא האָט געהאָרעוועט טערקישע פּאַפּיראָסן, האָט געשפּיגן דורך די ציין און געליאַרעמט אויף אַן אלטע, איינגעשרומפּענע אראבקע, וואָס האָט געהאַלטן צווישן די פארלייגטע פיס אַן אָנגעשטאָפּטע באַליע און געריבן אויף א וואַש־ברעט די גרעט.

— באַרכאַבאַ (10 שוועסטער בוסא אַלפּאראַדזשאַ! — האָט בנבנישתי אריבערגעשריגן אויף יענער זייט הויף.

בוסא האָט א פארוואונדערטע זיך אויסגעדרייט אין דער ריכטונג פונוואַנען ס׳קול איז געקומען:

— באַרכאַבאַ, חכם בנבנישתי! מען דאַרף פּויקן אויף דער טאַראַבוקאַ. (11 וואָס עפּעס אינמיטן דרינען? ווייזט אוים אז בייזע הינט לויפן ארום אין די היצן און „מנשאים" (12 — אין די רעגנס

10) באַרכאַבא — ברוך הבא!

11) טאראבוקא — אריענטאלישער אינסטרומענט, ענלעך צו א פויק.

12) מנשאים — שדכנים.

און קעלטן. וועלכע גוטע בשורה האָט דיך געבראַכט אַהער? כ'שטוים זיך אַז אַז דו ביזט געקומען ריידן מיט מיר וועגן מיין שוועסטערז־טאָכטער, די פאַרזעסענע לונא. כ'ווייס, זי איז ריף פאַר א מאַן. פריער, מיט צוויי יאָר אַהינטער, האָבן די מנשאים אָפּגעריסן די טירן. און ס'איז געווען איבער וואָס זיך צו רייסן. זי איז געווען שיין — א רויז פון סטאַמבול! — און היים ווי א האַרעם־ווייב. היינט איז זי גע־וואָרן אָפּגעוועלקט. דערצו איז זי אַן אָרעמע. זי האָט נישט קיין איין באַשליק „קאַנטענט" 13). אָבער אפשר האָט אויף איר געוואָרפן אַן אויג אַן אשכנזי, א ציוני, אלא פראַנקאַ. מען זאָגט זיי יאָגן זיך מער נישט נאָך די שפּאַניאַלישע סעניאָרינעס... זיי האָבן ליב אונזע־רע הייסבלוטיקע טעכטער, כאַ־כאַ־כאַ־כאַ!

בנבנישתי וואָס האָט געזוכט אָפּצושטעלן דעם שטראָם רייד פון בוסאַ אַלפּאַראַדזשאַ, האָט איצט אויסגענוצט די רגע, ווען זי האָט זיך ברייט צעלאַכט און געענטפערט:

— האָסט נישט געטראָפן שוועסטער בוסאַ אַלפּאַראַדזשאַ, כ'בין נישט געקומען ריידן וועגן דיין שוועסטערז־טאָכטער לונא. זי האָט אויך א הויף, און אויב מען וועט דאַרפן — דער אל רחום וועט עפּעס אונטערשיקן — ווייס איך וואו צו טרעפן. צו וואָס טראָג איך אין בוזים א פּנקס געבונדן אין פאַרמעט, צו וואָס, שוועסטער בוסאַ? און אין פּנקס זענען אַלע נעמען און וואויז־ערטער פון די ירושלימער בתולות פאַרשריבן. פאַרשריבן זענען זיי? אויסגעבערענט מיט קוילן ווי די עשרת־הדברות! וועגן וואָס כ'בין געקומען — איז צו דיין אייגענע טאָכטער, צו ראַזאַליען, און דער חתן איז א בוכאַרלער נגיד. קענסט אים, בוסאַ, ר. יצחק ישמע אליוף.

— נישט נאָר ביזטו חסר דעה, חכם בנבנישתי, נאָר טרייבסט אויך ליצנות פון מיר, אַן אָרעמע פרוי — האָט בוסאַ שוין צונג־שפּרייזט צו דער זייט פאַרקאַן — ווייסטו דען נישט אַז ראַזאַליע האָט שוין א יונג, א באַשערטן? און ווען זי האָט נישט, וואָלט זי דען אָנ־געקוקט א בוכאַרלי, דערצו א זקן? איך בין נאָר אַזוי משוגע געווען און זיך אָנגעהאַנגען א בוכאַרלי, א פערד־שמייסער פאַר א מאַן. און די בוכאַרלער שמייסער באַגייען זיך דאָך מיט די ווייבער פונקט ווי מיט די פערד. און דערפאַר פינסטער איך אַזוי אָפּ מיין לעבן... ווען כ'בין יונג געווען, האָט א טערקישע וזיר 14) נאָך מיר זיך געיאָגט. פערל

13) קאַנטענט — נדן.

14) וזיר — מיניסטער אדער מלוכה־באַאַמטער.

האָט ער מיר צוגעזאָגט, בראַסלעטן, האַלדז־בענדער און אַ ווייס הויז אַרום באַספאָר... און איך? נאָר ליבעניש, נאָר גלוסטעניש האָב איך געזוכט. אָבער וואָס וועל איך פאַר דיר אויסוויינען מיין האַרץ? ווער דו זאָלסט נישט זיין, חכם, און מיט וואָס דו זאָלסט נישט קומען, ביזטו מיין גאַסט. נעענטער, חכם בנבנישתי, טרעט איבער די שוועל. וועסט טועם זיין פון די שפּאַניאָלישע מאכלים, וואָס איך די טערקין קאָך און מיין מאַן האָט ליב. כ'גיי קאָכן „קאַסקוסאַ".

אַריינגייענדיק אין הויף האָט בנבנישתי געקלערט, אַז ווען ישמחס ווייב, אַט די אַלטע פּוטיפרע בעט אים אַריין, וועט זי זיך לאָזן ריידן. און פון ריידן ביז איבעררײדן — דערצו דאַרף מען בלויז נישט זיין קיין כבד־פּה, מען דאַרף האָבן חתוך־הדבור — און דאָס האָט ער, בנבנישתי.

אין קיך האָט בוסאַ אַראָפּגענומען פון וואַנט אַ רונדיק לאָקשן־ברעט. זי האָט געעפנט אַ סאַמעט־זעקל, ווי אַ טלית־בייטל, מיט מעל. זי האָט אָנגעשאָטן איבערן ברעט אַ בערגל, האָט צעשלאָגן אַ פּאָר אייער, אָנגעמאָסטן אַ קריגל בוימאייל און איידער בנבנישתי האָט זיך צוגעזעצט אויף דער ערד, אויף אַ שטרויענעם טעפּיך און פון באַ־קוועמלעכקייט זיך לויז געבונדן דעם כאַלאַט, אויסגעטאָן די שיך — האָט בוסאַ מיט אירע געשיקטע ווייבערישע הענט שוין געהאַט פאַר־פּאַטשט אַ טייגל, האַרט ווי אַ קיזלשטיין. זי האָט אויסגעצויגן פונם טייגל אַ לאַנגן פלעכט און אויסגעוויקלט איבערן ברעט, ווי אַ שלאַנג, דערנאָך האָט זי מיט אַ האַק־מעסער גענומען אויסהאַקן פּירעקיקע קלעצלעך.

בנבנישתי האָט נישט געהאַט קיין זיץ־פלייש. ווי נאָר ער האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, האָט ער געוואָלט מיט בוסאַן אָנהויבן דעם משא ומתן. ער האָט זיך געשראָקן, אַז ווען ישמח זאָל באַלד אין הויז אַריינפאַלן, איז אַלץ פאַרשפּילט, איז אוים מיט זיינע ביינער. פון קיך האָט זיך געטראָגן דער גערוך פון געפּרעגלטן בוימאייל. בוסאַ האָט שווייגנדיק געשליידערט די טייגלעך אין אַ טאָפּ זודיק וואַסער, דער־נאָך מיט אַ הילצערנעם קאָך־לעפל זיי אַרויסגעלייגט אויף אַ שיטערע זיפּ און אַז ס'וואַסער האָט אָפּגעטריפט, האָט זי זיי איינציקווייז גע־שליידערט אויף דער פאַן מיט בוימאייל. די ריחות האָבן ביי בנ־בנישתן געקיצלט סיי דעם גומען, סיי די נאָז־לעכער און פאַריאָגט אויף אַ רגע די שרעק פאַר ישמחן.

און ווי בוסאַ אַלפאַראַדזשאַ איז פאַרטיק געוואָרן מיט דער קיך־

אַרבעט. און דאָס בראַטנדיקע בוימאייל האָט געקנאַקט און געשפּריצט פאַרשפּרייטנדיק אַ געדעמפּטקייט ביז צו דער סטעליע, האָט בוסאַ צע־וואַשן אירע פולע הענט ביז צו די אָרעמס. זי האָט קונציק לויז גע־מאַכט די אויבערשטע טייל בלוזע, האָט אָפּגעדעקט אַ ברוינעם האַלדז, האָט געוויזן שפּורן פון שיינקייט.

זי האָט פאַמעלעך און מיט חשיבות פאַרלייגט די האָר אין אַ קריינדל, ווי אַ בוכאַרישן קאָקס. דאָס טונקעלע אייל־בירט־פּנים האָט אויפגעשיינט. זי האָט זיך צוגעזעצט נעבן בנבנישתן און אים גע־וואָרפן שמייכלען, ווי געפעלשטע מטבעות.

בנבנישתי האָט זיך אַ שטעל געטאָן אויף די פיס. אַ ווײַלע האָט ער געקוקט אויף דער הויכער, געזונטער נקבה. ווידער אַמאָל באַשטע־טיקט אַז זי איז אַ שטיק פּוטיפּרע. וואָס רוקט זי זיך אויף אים? ער האָט געמאַכט אַ פּאָר שפּרייז פאַרויס. בוסאַ איז נאָכגעגאַנגען און ווי אַ כשופמאַכערין געהיימניספול געפרעגט:

— און מיט ישמחן האָסטו אָנגעהויבן ריידן?

— מיט ישמחן בין איך אָפּגעפאַרטיקט.

— אויף ניין?

— פרעג מיך נישט, ווײַב בוסאַ. איך קום ריידן מיט דיר!

— כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז ער וועט דיך אָפּטרייבן. וואָס אַרט עס אים אַז זיין איינאונאיינציקע וועט אָפּפינסטערן איר לעבן מיט אַן אביון? אבי ס׳זאָל זיין אַ „בוכאַרלי". כ׳האָב דיר דאָך דערציילט בנבנישתי, אַז ראַזאַליע האָט שוין אַ באַשערטן. נאָר פרעג מיך, צי דער יונג וועט איר קענען געבן נאָך דער חתונה מזונות? פרעג מיך, צי זי וועט ביי אים קענען זיך אָנטרינקען גענוג מילך אין אירע ברים־טן, אָנצוזייגן שפּעטער די עופהלעך? פרעג מיך, צי דער יונג וועט איר קענען אפילו בלויז צוזאָגן אַ ווייס הויז ביים באָספאַר, ווי ס׳האָט אַמאָל מיר אַ טערקישער וזיר צוגעזאָגט? און ישמח האַלט פון דעם יונג, ווי פון אַ גאָלדענע קמיע! אַ פישער־יונג, אַ שינדער און מער דאַרף ער נישט! און די אָרעמע ראַזאַליע! זי ציטערט פאַר אים. זי וואָלט אפילו מיט אַ קאַראַאימער לאָם זיך געבינדן, ווען דער טאַטע זאָל הייסן! אָט די בוכאַרלער! אַ געשטרייפטן כאַלאַט, אַ פיס־בענקל הינטערן געזעס, אַ נאַרגילע־שלויך צווישן די ליפּן, אָט וואָס אַ בוכאַרלי דאַרף!

בנבנישתי האָט אונטערגעשפּרייזט צו בוסאַן.

— זאָגסטו בוסאַ, אַז דער יונג איז אויך אַ בוכאַרלי? טאַ אויב

שוין יאָ אויסקלייבן צווישן די בוכארלער — פאַרוואָס נישט טאַקע אַז עלטערן מאַן, אַ בעל בעמיו, וואָס האָט אי יאָרן, אי ממון?

— ווען דו פרעגסט מיך, בנבנישתי, שלאָג איך זיי ביידע פאַר כפרות, אפילו, ווען דו זאָלסט דאַרפן ווערן אוים חכם און אוים „מנשא". ווי כ'בין אַ ישראלישע טאָכטער! — האָט בוסא שרייענדיק געוויינט מיט די רייפן־אויערינגען — נאָר פאַרוואָס דען לאָז איך דיך דאָ בלאָזן אין מיינע אויערן? פאַרוואָס בנבנישתי? ווייל כ'וויל, מיין קינד, מיין בלוט און פלייש זאָל זיך נישט פייניקן. איך בין שוין אָפּגעקומען פאַר איר אין מיינע יונגע יאָרן. קיין נדן, קיין אויסשטייער איז נישט צוגעגרייט און דאָס שפּאַר־שיסעלע איז שוין פון לאַנג אויסגעליידיקט. ישמח, דער אַלטער קעמל דאַרף דאָס פאַרשטיין! אָט קומט די שכנה, די פרומע אביגיל וועלן מיר הערן, וואָס זי האָט אונז צו זאָגן?

פון יענער זייט קיך־פענסטער האָט זיך באַוויזן אַ צעשויבערטער קאָפּ. באַלד איז דער קאָפּ פאַרשוווּנדן. די טיר האָט זיך געעפנט און ס'האָט זיך אַריינגעוויגט אַן איינגעשרומפּענע זקנה, דאָס פּנים פינסטער און געקאָרבט ווי ביי אַ וואָרזאָגעריןן. די זקנה האָט געהאַלטן אַ פאַרקאָפּטשעטע בראָט־פאַן אין אירע צעאָדערטע הענט, זי האָט געשמייכלט צו בוסאָן, באַלד האָט זי שטומערהייט דערשנאָפּט, אַז אַ פרעמדער געפינט זיך אין הויז. נישט אַזוי פון נייגעריקייט, ווי פון צערייצטקייט האָט זי געפירט אירע רויטע, קורצזיכטיקע אויגן איבער די פיר ווענט, מיט דער ראיה דערטאַפּט בנבנישתן און אַרויסלייגנדיק די בראָט־פאַן אויף דער קיך, האָט זי זיך געפּאַטשט אין די הענט אַריין.

— וועמען זע איך דאָ? בנבנישתי? בנבנישתי דער מנשא? מיט פרידן און מיט ברכה! דו האָסט דאַסמאָל נישט געטראָפן בנבנישתי! ראָזאַליע האָט שוין אַ פאַרליבעניש. כאָטש איך גלויב נישט די פאַרליבטע לעמער. ליבע — דאָס איז אַ „קונץ" פון די אשכנזים — האָט אביגיל זיך געקלאַפּט מיט אַ פינגער איבערן שטערן — וואָס טוען די אשכנזים? וואָס טוען זיי? זאָג מנשא! אַ בחור וואַרפט צו אַן אויג צו אַ מויד. די מויד וואַרפט צוריק די אויגן, די אויערן מיט די ציין. אַ נאַכט שפּעטער קוועטשט זי דער בחור אין די אָרעמס: כ'האָב דיך ליב! און די בתולה יאָמערט: כ'וועל דיך קיינמאָל נישט פאַרגעסן. נאָך פיר וואָכן שטייען זיי פאַרן רב. די כלה טוט אָן דעם חופּה־שלייער. דער בחור ברומט אָפּ פרום דעם „הרי את". די מויד נעמט צו דעם קדושין־רינג און דער חתן קריגט דערפאַר איר בתולהשאַפט, כע־כע־כע־

כע! אין האַלבן חודש, צו דער פולער לבנה שטייען זיי ווידער פאַרן רב: מיר ווילן זיך צעגיין. און די כתובה? — שרייט דער רב — דאָס פאַרשפּרעכעניש אָפּצוהיטן אַלץ כדת משה וישראל? די כתובה? — זאָגן זיי — דאָס איז פאַר ספּרדישע פּרומע לייט... איר הערט, קינ־דער? — האָט די זקנה ליאַרמענדיק געוויזן אירע נאַקעטע יאַסלעס — די כתובה איז פאַר די ספּרדישע פּרומע לייט! גטן, באַטרוג און בזיונות פאַר די אשכנזישע געצנדינער. אַזוינע ווילדע יידן! ווי ביים סולטאַנס ווירטשאַפט!

— טרייבסט איבער אביגיל, טרייבסט איבער. נישט אַלע אשכנזים טרייבן דורך די ווייבער און נישט אַלע לעסטערן גאָט. דאָס טוען בלויז די ציונים — האָט בוסא גענומען איינשטילן די שכנה — פאַרגיב מיר אביגיל, אָבער כ'מוז דיר דאָס זאָגן. פרעגט מען דיך אַ וואָרט — ענטפערסטו מיט אַ מגילה... אָבער וואָס קיצלט אַזוי אין נאָז? — האָט בוסא אַ ווײַלע איינגעהאַלטן דעם אָטעם און באַלד גענו־מען אַרייַנציען די ריחות, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון דער קיך־פּאָן — די קאַסקוסאַ! די קאַסקוסאַ! זײַ ליבער גאַסט בנבנישתי, כ'וועל דיך בעסער מכבד זיין מיט דעם בוכאַרלער מאכל. אויך דו אביגיל וועסט פאַרזוכן, איידער דו וועסט מיר פאַרטויבן דעם גאַסט און פאַרשיטן די קיך מיט רייד, וועל איך דיר בעסער פאַרשטאָפּן דאָס מויל מיט אַ פּאָר טייגלעך.

בנבנישתי מיט אביגילן האָבן זיך צוגעזעצט אויף דער ערד אַרום אַ פיר־עקיקן טעפּעך, וואָס איז געווען אויסגעשפּרייט ווי אַ טישטוך. באַלד האָבן זיך באַוויזן צוויי טעלער מיט אויסגעפּעטסטע, קאַכעדיקע טייגלעך. פון די טייגלעך האָט געשלאָגן מיט קנאָבל־ריח און מיט פּאָפּ־ריקע. בוסא האָט דערלאַנגט איינצייניקע גאָפּלען, ווי שפּיזלעך און ווען די פּאָרע האָט זיך געהויבן וואָלקנדיק, פאַרהילנדיק די פּנימער פון די עסערס, האָט בוסא אָנגעהויבן:

— פון מיין זייט, בנבנישתי, האָסטו קיין צוזאָג נישט. איך בוסא אַלפאַראַדזשאַ דאַרף אודאי נישט איבעררײַדן מיין קינד זאָל נעמען פאַר אַ מאַן אַזאַ מתושלח. ישמע אליופן ברענגסטו מיר? ישמע אליופן דעם רביתניק? זאָג אַליין, ווי קומט אַ טאַכטער פון לייבן צו אַן אָפּ־שטאַם פון הינט? און אַ מלחמה וועט מען אויף מיר אָנהויבן! און ווער וועט ליגן אין די פינסטערע מיילער פון די שכנות? ישמח וועט זיך נישט לייגן שלאָפן אָן דער בייטש. דער יונג וועט מיך פּיינט האָ־בן ווי אַ בייזע שווינגער, און ראַזאַליע אַליין? כ'בין אָבער אַ מאַמע און כ'ווייס מיין אָרעמקייט. ווי זאָגן די לייט: אַז שערן וואָל, זאָל זיין

פון אַ באַוואַקסענער שאָף... ווי שמעקט דיר די קאַסקוסאַ, גאַסט מייַנער? מיט פאַרגינערייַ, בנבנישתי מיט פאַרגינערייַ. כ׳וועל ריידן מיט ראַזאַליען, כ׳׳וועל נאָך היינט ריידן.

בשעת בוסאַ האָט אַריינגעשמועסט אין בנבנישתין, האָט די אַלטע אַביגיל פון גרויס חידוש אַ שפּרייז געטאָן אויף צוריק. זי האָט זיך אַ פּלאַסקע געטאָן אין די הענט אַרייַן, אַ צערודערטע אַראָפּגעכאַפּט איר בראָט־פּאָן פון דער קיך, זיך געלאָזט לויפן צו דער טיר און מיט די איינגעטריקנטע ליפּן, וואָס זענען איצט געווען אויסגעפּעטסטע פון בוימאייל און סלינע, האָט זי געפּילדערט:

— לאָזט מיך! כ׳מוז לויפן אָנזאָגן צאַדיקאַ די טיקעריין. משוגעים זייט איר! משוגעים? ניין, טייוואַלים זייט איר! וואָס, טייוואַלים האָב איך געזאָגט? ערגער! כשופמאַכערס! יאָ, כשופמאַכערס. איר גייט אוועקגעבן ראַזאַליען פאַר אַן אַלטן רביתניק... ראַזאַליע, אַזאַ ליכטיק לייב, וועט דאַרפן ווערן אַ קעבס־ווייב פאַר דעם פּראָצענט־צייַלער!... און דו, בוסאַ אַלפּאַראַדזשאַ ביזט אַ בושה? שווייג, בוסאַ! שלאָג מיר נישט איבער! קיין איין וואָרט! כ׳׳וויל נישט הערן! כ׳וויים וועסט מיר ווידעראַמאָל דערציילן די מעשה־נורא פון דעם טערקישן וזיר וואָס האָט דיר אין די שיינע יאָרן געוואָלט אַ הויז אויסבויען ביים באָספּאָר... כ׳גלויב דיר נישט, בוסאַ! ווי ס׳איז אמת, אַז דו ביזט אַמאָל שיין געווען, אַזוי איז אמת, אַז אַ וזיר איז דיר נאָכגעלאָפן... טערקישע מאַמעס אין סטאַמבול, אַפילו מוסולמענערינס, טרייבן נישט אַן אייגענע טאָכטער צו טיילן ס׳געלעגער מיט אַן אַלטן ממון־זאַק, מיט אַ רביתניק... אָבער וואָס רעד איך? ראַזאַליע אַליין וועט זיך אירע צעפּלעך פאַרפּלעכטן?... ראַזאַליע קען טאַנצן מיט קני־בענדער — האָט אַביגיל, אַ באַפּאַלענע פון משוגעת, פון ספּאַזמען זיך גענומען דרייען אין אַ ראָד — ראַזאַליע קען שפּאַנען איבער דראָטן. ראַזאַליע איז אַ פלאַקער, אַ פייער! און זי וועט אי דיך בוסאַ, אי דעם מנשה, אי דעם ממון־זאַק, זי וועט אייך אַלעמען מיט איר פייער פאַרברענען...

די זקנה איז מיטאַמאָל שטום געוואָרן, האָט אָפּגעהאַקט דעם אָטעם און פאַר אַ רגע געבליבן אומבאַוועגלעך. באַלד האָט זי זיך אויפגעריסן, ווי פון אַ טיפן שלאָף און קלאַפּנדיק מיט די קנאָכיקע הענט איבער דער טיר, געפּילדערט:

— האַלט מיך נישט איין! לאָזט מיך! כ׳מוז לויפן דערציילן צאַדיקאַ די טיקעריין!

איידער דאָס געפּילדער אויף יענער זייט טיר, וואָס איז געקומען

פון אביגילס מויל, האָט זיך איינגעשטילט און בנבנישתי מיט בוסאן האָבן צערודערטע זיך אויפגעהויבן פון די ערטער און זיך איבערגע־קוקט — האָט אין קיך זיך באַוויזן ראַזאַליע. מיטן ערשטן שפּרייז האָט זי אָנגעיאָגט אומרו. זי איז געווען הויך און פאַרריסן ווי די מאַמע. דאָס טונקעלע לייב געפורעמט און געקנאָטן. דער שוואַרצער קאָפּ האָר — אַ באַרג צעפּאָטלטע צעפּלעך — האָט איר צוגעגעבן ווילד־קייט. פונם אוואַלן פּנים האָבן אַרויסגעפּלאָמט אַ פּאָר שמאָלע קוילן־אויגן, אויף די אויערן — דינע רייפלעך. און די צוגעשניטענע ליפּן, פולע, אָנגעטרונקענע, ווי ביי אַ שיינער מולאַטין.

ראַזאַליע האָט אויפגעהויבן די רעכטע האַנט, וואו אַרום געלענק איז געווען אַ דיקער אָנגעשלאָסענער בראַסלעט, אַ ווײַלע האָט זי זיך אונטערגעהאַלטן די צעפּלעך האָר, וואָס זענען געווען צעוואָרפן איבערן האַלדז, האָט אָפּגעמאָסטן בנבנישתן, דערנאָך זיך האַסטיק אויסגע־דרייט צו בוסאַן:

— מאַמע, ווייסט וואָס כ'וועל דיר זאָגן?

— וואָס, ראַזאַליע?

— די אַראַבער גרייטן זיך איבערפאַלן דעם בוכאַרישן קוואַרטל. גבריאל מיט דער חברה וועלן ביינאַכט דאָ האַלטן וואַך.

בוסאַ איז אויפגעשפּרונגען:

— אונדז ווילן די מוסולמענער איבערפאַלן? וואָס זאָגסטו בנבנישתי? זיי ווייסן דאָך אַז מיר זענען נישט קיין ציונים און מיט די „חלוצים" האָבן מיר אויך נישט וואָס צו טאָן. מיר, שפּאַניאָלישע מישן זיך קיינמאָל נישט אין „פּאָליטיקע". וויי! וויי! אַ גאַנץ יאָר האָבן זיי אונזער שכונה נישט איבערגעטרעטן. און ווער פירט אָן מיט די רוצחים? מוסטאַפאַ, וועמען כ'האָב געלערנט שרייבן בריוו נאָך באַגדאַד, אָדער יונוס אל ראַזאַק, דער לאַגל־טרעגער! אַזאַ מע־סער־שטעכער! דאָס האָט אַן אייגענעם ברודער געשטאָכן ביים קאָרטן שפּילן. ביים סולטאַן האָבן די מוסלעמס קיינעם נישט געהרגעט. זיי האָבן געציטערט פאַר אַ יהודי. אַלץ די „פּאָליטיקע". פון אַלע עקן וועלט לויפן זיך אָן די מאָסקאָבן, די ציונים און ברענגען אומגליק אויף אונדז!

— וואָס פּילדערסטו אַזוי בוסאַ? — האָט בנבנישתי שפּרייזנדיק געמאַכט קרייזן אַרום דעם אויסגעשפּרייטן טעפּיך — די מוסלעמס האָבן טאַקע פּיינט די יהודים, און זיי מאַכן קיין אונטערשייד צווישן ספרדים און ציונים. און ווען זיי ווילן אונדז באַפאַלן, מוז מען זיי

טאַקע אַקעגן גיין. און מיט שטאַרקע יונגען! נאָר דאָס וואָס כ׳וויל זאָגן — נישט גבריאל דאַרף זיין דער אָנפירער.

— ער געפעלט דיר נישט? האָט ראַזאַליע האַסטיק אים צוגע־וואָרפן אַ פּאָר פאַרשרפּהטע אויגן.

— ער געפעלט מיר טאַקע נישט. וואָס איז ער אַ דזשעדאַ 16) ?

— אַ מלחמה־מענטש, גבריאל? — האָט בנבנישתי העבער גענו־מען שרייען — פאַר אַן אָנפירער דאַרף מען אַ שטאַרקן יונג, אַ גבר, נישט אַזאַ יונגע לאַם.

— היט זיך מנשא, היט זיך פאַר מיר! — האָט ראַזאַליאַ אויפגע־הויבן צוויי פויסטן, וועלנדיק זיך אַ לאָז טאָן צו בנבנישתן, בעת פון אירע אברים האָט געיאָגט מיט דער היץ פון אַן אויסגעשעפּטער חיה.

— פאַר דיר זאָל איך זיך היטן? ווי רעדסטו צו מיר, ראַזאַליאַ? ווייסטו ווער איך בין? נישט בלויז געדענק איך, ווען מען האָט דיך פון דער ברוסט אַנטוויינט, נאָר כ׳בין אויך געשטאַנען אין דעם הויז, ווען די הייבאַם האָט דיך אָפּגענומען. און וויפיל יסורים דיין מאַמע האָט זיך אויסגעשטאַנען ,וויים איך אויך! איצט דאַרף מען דיך אָבער צירן אין קרעלן, אין שמאַראַגדן און טאָפּאַזן. מען דאַרף דיר אָנטאָן האַלדז־בענדער און נאַז־רינגעלע. זאָג איך אַ ליגן, בוסאַ אַלפּאַראַדזשאַ?

— האָט בנבנישתי אַ קער געטאָן דעם קאָפּ צו בוסאַן — און נישט נאָר געפעלט מיר נישט גבריאל, אַלס גבור, נאָר ער געפעלט מיר נישט, וואָס דו טראָגסט זיך מיט אים אין באַהעלטענישן און שפּייזט אים מיט ליבעניש. און ער געפעלט מיר נישט דערפאַר ראַזאַליאַ, ווייל כ׳האָב בעסערע מאַנען פאַר דיר...

ראַזאַליאַ האָט אויפגעשווידערט. איר קערפּער — אַ קלעמבּ בלוט און פייער האָט זיך אויסגערייסט. די אויגן האָבן געשפּריצט מיט אַזאַ פלאַקער, גלייך זיי וואָלטן גרייט געווען אַלץ אַרום אָנצוצינדן, פאַר־ברענען. זי האָט אויסגעשטרעקט דעם טונקעלן האַלדז. זי האָט גע־מאַכט איין שפּרייז פאָרויס, בעת דער אָנגעגליטער גוף איז געבליבן שטיין אין אַ פּאָזע פון אַן אַלעקסאַנדריער צוימען־שפּרינגערין, וואָס קלייבט זיך צו וואָרפן מיט האַלדז־בענדער, צו טאַנצן מיט סני־גלאָקן. זי האָט אויסגעבראָכן:

— איך זע צוליב וואָס דער מנשא איז אַהער געקומען. כ׳ווייס צוליב וואָס דו האָסט פאַר אים געגרייט קאַסקוסאַ... מיך מיינט ער, דער

16) דזשעדאַ — גבור.

ווילדער חכם? מיד מיינט ער, דער טלית־ייד? אבער לאָז אים זאגן, מאמא, אז איך בין ראזאליע אלפאראדזשא. איך האָב גבריאלן און אים וויל איך! און אויב דו מאמע ווילסט עפעס אויסשפינען קעגן מיר, וועל איך דיר די פלעכטן האר אויסרייסן און מיר וועל איך בלויע צייכנס אויפן לייב אויסקנייפן... איך וויל נישט ווי דו מאמע באווייגען זיך ס׳גאנצע לעבן און ס׳גאנצע לעבן בענקען נאך אנדערע מאנען. זאָל ער ארויס פון דאנען, דער ווילדער חכם, זאָל ער ארויס איידער כ׳וועל אים אויסקלאפן ווי א „טאראבוקא"...

ערשט איצט האָט בוסא זיך ארומגעזען, אז בנבנישתי האָט צופיל אנגעטומלט. זי האָט צוגעלייגט א פינגער צו די ליפן און מיט שטומע תנועות האָט זי אים געטריבן צו דער טיר:

— גיי מנשא. דו האסט געמאכט אלץ צו פארשפילן... גיי בנ־בנישתי! א חכם און א למדן און דער שכל הענגט דיר נאך ביים נאקן...

בנבנישתי איז שוין געשטאנען אויף יענער זייט שוועל. ער האָט זיך נישט אויסגעדרייט און געשאטן ווערטער פאר זיך:

— כ׳האָב געמוזט זי איבערשרעקן, בוסא. פאר ישמחן האָב איך מורא. פאר ישמע אליופן האָב איך מורא, און פאר אָט דעם יונגן הירש, וועל איך אויך מורא האָבן? הער מיך אויס בוסא, וואס כ׳זאג דיר, אויב כ׳וועל דאסמאָל נישט אויספירן, ווער איך אויס מנשא, הערסט, ווער איך אויס מנשא!

בוסא אלפאראדזשא האָט נאכגייענדיק געשעפטשעט:

לאָז נאר איבערקומען דעם שטורם, לאָז איבערקומען... איצט גיי. כ׳וועל דיך לאָזן רופן. ווי כ׳בין א ישראלישע טאכטער, כ׳וועל דיך לאָ־זן רופן...

:: :: ::

נאך האלבע נאכט האָט ביי ישמחן אין הויף אזוי זיך געטומלט, ווי אויף אן אראבישן יאריד. קיינער פון די שכנים אין געסל איז ניט געשלאָפן. אינמיטן הויף, אויף א סלופ האָט געברענט א טונקעלע לאמטערנע. ארום סלופ איז געשטאנען ישמחס וואגן, די פערד אויס־געשפאנט. גבריאל, א דינער, בייגערדיקער יונג אין א פאר געלע שטיוול איז געשטאנען מיט א צוואנציק פארשוין, וואס האָבן זיך גע־דרייט צערודערטע, אומרואיקע, אבער אנטשלאסענע, גרייט אנטקעגן צו גיין יעדע סכנה.

פון הייזל איז אַרויסגעקומען ראַזאַליע, איינגעהילט אין אַ רעגנ־מאַנטל, און אירע אויגן אָנגעלאָדן מיט שלאָף. עטלעכע שכנים — טונקעלע בוכאַרער, האָבן זיך געשטופּט פון יענער זייט פּאַרקאַן און איבערגעשראָקענע זיך צוגעקוקט ווי ישמח, ווילד פון רציחה, מיט דער בייטש אין דער האַנט, לויפט אַרום די פערד און ציילט אַרייַן אין גבריאלן ווערטער, ווי שמיץ:

— זאָלסט אים אויסרוימען אַלע סוסים, ביי ישמע אליופן, זאָלסט אויסרוימען ביז איינעם. מען דאַרף די סוסים צו פאַרטרייבן די מוסולמענער. ער, דער אַלטער נואַף דאַרף פון די פערד צו ציען רבית... מיר דאַרפן די פערד צו פאַרהיטן אונדזערע הייזער, אונדזערע קינדער.. זאָלסט אים אויסרוימען ביז איינעם... און ביי זיין הויז זאָלסטו קיין שומרים נישט אוועקשטעלן. מיין ווייב, די טערקין וועט אהין גיין אים היטן...

— פאַרמאַך דיין שמייסער־מויל — האָט בוסאַ אַלפאַראַדושאַ, איינגעוויקלט אין אַ בוכאַרישן אַקסל־טוך מיט פראַנדזן פון ערגעץ זיך אַרויסגעהויבן — איצט, ווען די מוסולמענער ווילן אונדז אָנפאַלן, ווילסטו מיך אויך דערהרגענען? געוואַלד יהודים! — האָט זי זיך צעשריגן — נעמט מיך אַרויס פון דאַנען! כ'וועל נאָך די נאַכט פון אים אַנטלויפן! אַז כ'האָב פיינט דיך, אַז איינעם בוכאַרלי, שיקסטו מיך צו נאָך אַן אַנדערן בוכאַרלי?

— אָבער אונטערטראַגן אָט דעם בוכאַרלי, פאַר אַ ביסן אין אייגן קינד, דאָס ביזטו יאָ גרייט? — איז ישמח צו איר צוגעגאַנגען נענטער און איר גענומען איינרוימען אויפן קול — און דו וואָלסט אַזאַ פאַר געפירט איבערן „מאַסקי”? מען זאָל פאַר זייערע פּיס גיסן לאַגלם מיט וויין? מען זאָל זיי באַוואַרפן מיט זיסוואַרג? און דו אַליין וואָלסט אַריינגעזונגען אין דער כלהס אויערן כאַדזשאַזער און אַספּאַכאַנער זמרות; 17) ענטפער מיר טערקישע הארעם־ווייב?

איידער בוסאַ האָט ווידעראַמאָל געעפנט ס'מויל, עס זאָל אָנהויבן צו רעגענען און צו האַגלען אויף ישמחן, האָט פון יענער זייט פּאַרקאַן זיך אַריינגערוקט בנבנישתי אין אַ בוכאַרישער זשופּיצע, די רויטע פּעזע פאַרדעקט מיט אַ גראָבע פאַטשיילע, אַז מען האָט קוים די אויגן אַרויסגעזען, ווי ביי אַ מדבר־רייטער. ער האָט זיך געשטעלט צווישן ישמחן און בוסאַן און געמאַכט מיט די הענט אויסטערלישע תנועות:

— לאָזט אָפּ! צווישן מאַן און ווייב דאַרף זיין אַ משכן — שלום, נישט קיין מלחמה־פעלד... איצט דאַרף מען טראַכטן ווי אַזוי בשלום

17) זמרות — געזאַנגען.

דורכצוקומען די נאכט. דער אל רחום וחנון זאל זיך דערבארעמען... און יצחק ישמע אליוף איז אויך א יהודי. פון דיין עדה, ישמח... ער וואוינט אין עק קווארטאל... זיין פארמעגן שטייט הפקר...

ביי די ווערטער איז ישמח אויפגעשפרונגען. ער האט צוזאמענגענומען צוויי פאלעס פון דער איינגער זשופיצע, האט זיי אריינגעשטופט צווישן די קניען, ווי ער וואלט זיך געקליבן אויפזעצן אויף א פערד און געמאכט קולות:

— א ביקס! גיט דעם חכם בנבנישתי א ביקס! און זעצט אים אויף א פערד! און טוט אים אן א גאלדענעם בויך־באנד און א סאמעטענעם טארבוש, ווי ס'האט געטראגן דזשעמאל פאשא. גיט אים! דעם חכם בנבנישתי! ער וועט רייטן און היטן ס'פארמעגן פון דעם רביתניק ישמע אליוף!

גבריאל איז צוגעגאנגען צו בנבנישתן און גערעדט צו אים קילע רייד:

— וואס מיר דארפן איצט, בנבנישתי, איז פערד. וואס מער פערד! פאר די שומרים, פאר דער שוץ! וועט מען ארומצוימען די שכונה און נישט אריינלאזן די אראבער ביים ערשטן איבערפאל... אט וואס מיר דארפן!. מיר גייען צו ישמע אליופס הויף, ארויספירן די פערד...

— פערד? ביי ישמע אליופן גייסטו נעמען פערד? — האט בנבנישתי זיך צוריקגערוקט אויף א טריט און געקוקט אויף גבריאלן ווי אויף א חסר־דעה — וועסט דאנקען דעם בורא עולם, אז ער וועט ישמחס פערד נישט צונעמען.

פון דער טונקלקייט האט זיך ארויסגערוקט א געשטאלט. דאס געשטאלט איז געווארן וויגנדיקער, בויגעוודיקער, געווארן נענטער. ס'איז צוגעקומען ראזאליע מיט פייער אין די אויגן, מיט פייער אויף די ליפן:

דאנקען דעם בורא־עולם זאגסטו? און פארוואס זאל ישמע אליוף צונעמען אונדזערע פערד?

— א בעל־חוב! ווייסט דען נישט אז דיין טאטע איז א בעל־חוב? — האט בנבנישתי צו איר זיך אויסגעדרייט — און ישמע אליוף שענקט נישט קיינעם. ער איז א רביתניק, א הארטער מאנער... מיינע ביינער ציילן שוין לענגערע יארן פאר אייערע, יונגווארג. דעריבער זאג איך: „צאל אדער בעט!" אפשר — האט בנבנישתי זיך איינגעגעסן אין ראזאליעס אויגן — אז דו ראזאליע וועסט ריידן צו אים ווייכע

רייד... דו, ראַזאַליע קענסט אַלץ אויספירן!

— ריידן צו אים ווי ס'רעדט א כלה צו א חתן — האָט ראַזאַליע זיך האַסטיק א רוק געטאָן צו בנבנישתן — איך וועל נישט גיין אָבער גבריאל וועט גיין און ער וועט מיט אים ריידן! און די פערד וועט ער געבן, ווען דו בנבנישתי וועסט דעם זיווג נישט דורכפירן.

— איך וועל אים שוין ווייזן א זיווג! — האָט גבריאל אָנגעקוקט בנבנישתן מיט דראָאונג און חשד.

— פירט נישט קיין שמועסן — איז ישמח אונטערגעקומען מיט דער בייטש — די נאַכט רוקט זיך. בחורים, הויבט די פיס!

— און די ענגלענדער באַוואַכן נישט די שכונה אונדזערע? — איז א שכן, א גרויער זקן, אָנגעשפּאַרט אויף א הויכן שטעקן צוגעקומען.

— וועז ריכט מען זיך אויפן איבערפאַל? — האָט א צווייטער שכן אַריבערגערעדט פון יענער זייט פּאַרקאָן.

— מען רעדט אַז פאַרטאָג — האָט ראַזאַליע א זאָג געטאָן.

ישמח האָט זיך צעשריגן:

— שאַ שכנים, צעגייט זיך אייך! אַריין אין די הויפן. ווייבער גייען שלאָפן. מענער בלייבן וואַך. מען ווייסט נישט צי פאַרטאָג, צי פריער... אָבער מען מוז זיין גרייט. אויף די ענגלענדער קען מען זיך נישט פאַרלאָזן. מיר מוזן האָבן אייגענע פערד. שלעפּ־פערד וועלן די מוסולמאַנער צעטרעטן, אַז זיי וועלן פאַרזאָגן דעם נביא מער נישט צו קריכן... בחורים, הויבט די פיס! געגאַנגען צו ישמע אליופס הויף!

ווי אויף א קאָמאַנדע האָבן צוואַנציק יונגען, שטאַרקע, אויסגעקנאָטנטע יונגען, זיך צעשטעלט. זיי האָבן זיך אויסמושטירט פּאַרווייז אין א שערענגע הינטער גבריאלן.

ישמח איז צונעלאָפן:

— נישט ווי קיין זעלנער! מען דאַרף גיין צעשאָטענערהייט... מיט שטילע טריט זיך גנבענען דורכן קוואַרטאַל... די ענגלישע וואַך זאָל נישט אָפּשטעלן...

פון יענער זייט פּאַרקאָן האָט מען זיך געלאָזט צו צווייען. צוערשט די פּאַרשוינען, הינטער זיי ישמח, וואָס האָט געפירט פאַרן צום זיינע צוויי פערד, געפירט ערנסט, אָנגעכמורעט, ווי אין שלאַכט אַריין. גבריאל איז נאָכגעגאַנגען מיט גיכע טריט, האָט געוואָלט דעריאָגן די יונגען און הינטערווילעכץ געוואָרפן בליקן צו ראַזאַליען, וואָס איז געשטאַנען אין הויף־טויער און בקולי־קולות זיך אויסגעטענהט מיט

בוסאַן. פון קיינעם נישט באַמערקט האָט נאָכגעצויגן דער פאַרשפּע־טיקטער בנבנישתי.

די יונגען האָבן געשלייכט אַרום די נידעריקע, אָפּגעשוונדענע הייזער. זיי האָבן געהיפּט איבער די אָפּענע ראָוון, ווי איבער שוץ־גראָבנס, שטומע, אָן ווערטער אַריבערגעקלעטערט די בערגלעך און ליים־גריבלעך. און ווען זיי זענען צוגעקומען צום אָפּענעם הויף פון ישמע אליופן, האָט גבריאל מיט אַ האַנט־פּאַך זיי אָפּגעשטעלט.

ישמח מיט גבריאלן זענען אַריבערגעשפּרונגען דעם נידעריקן פּלויט. באַלד איז דאָס טויער געוואָרן אויפגעריגלט, צעפּראַלט, און די יונגען האָבן מיט אַ לייכטן טומל זיך אַריינגעשאָטן אין הויף.

אָן אויסצורײדן אַ וואָרט, האָט ישמח אַנגעטאָפּט אַ פּאָר פערד ביי די צוימען. גבריאל האָט אים נאָכגעטאָן. ער האָט נישט געוואָלט קיינעם אין הויף איבערוועקן. ער איז זיכער געווען, אַז ישמח וויל אָנ־מאַכן אַ טומל, וויל אַרויסשלעפּן דעם אַלטן ישמע אליוף אין די נאַכט־קליידער, זיך מיט אים אויסטענהען בקולי־קולות, פאַר אַלע ציטן. גבריאל האָט געוואָלט וואָס גיכער דאָס איבערקומען. ער איז געגאַנ־גען אויף די שפּיץ־פינגער און מיט די הענט געמאַכט צייכנס, די יונ־גען זאָלן פאַרזיכטיק אים נאָכטאָן.

אַ פערד האָט זיך צעהירזשעט. אַ צוויטס האָט אָפּגעענטפערט. פונם געמויערטן הייזל האָט זיך פאַרטראָגן אַ לייכט גערויש.

עובדיה, דער שומר מיט בהלה אין די אויגן, האַלב־אויסגעטאָן, מיט אַ דעק־טוך פאַרוואָרפן איבער די אַקסלען, איז אַנגעלאָפן:

— וואָס טוט איר דאָ?

— לאָזט שטיין די פערד!

— דיך שמש פרעגט מען נישט — איז ישמח אים אַקעגן געגאַנ־גען מיט אַזאַ חוצפה, גלייך ס׳ווירטשאַפט איבערן הויף וואָלט שוין אי־בערגעגאַנגען אין זיינע הענט.

— כ׳וועל אויפוועקן ישמע אליופן, משוגעים. ער וועט רופן פּאָליציי! — איז עובדיה אַריין אין ערשטן שטאַל און גענומען אַ אַנגע־צונדענע לאַמטערנע.

— דאָס ווילן מיר זען — האָט גבריאל זיך אָנגערופן — זאָלסט רופן צו אונדז פּאָליציי, ווען מיר גייען אָפּשטויסן אַן איבערפאַל אויף דער שכונה.

— ווער גייט איבערפאַלן די שכונה? — האָט עובדיה פון פּחד טיפער זיך איינגעוויקלט אינם דעק־טוך.

— די ישמעאלים!

עובדיה מיט דער לאַמטערנע אין האַנט האָט זיך געלאָזט לויפֿן צום הייזל, לויפֿנדיק מורא געהאַט ניט צו כאַפּן הינטערוווילעכץ א כמאַל פֿון ישמחן. ביים פּלומפּ איז ער געבליבן שטיין. יאָ אויפֿוועקן? נישט אויפֿוועקן ישמע אליופֿן? ער האָט געזען דעם חורבן אין די שטאַלן, געזען ווי די פערד אין א שערענגע, געפּירט ביי די צוימען שפּרייזן צום טויער. און איידער ער וועט זיך ארומקוקן, בלייבט דער הויף פּוסט.

ער איז ארויף אויף די טרעפּ, האַסטיק גענומען קלאַפּן מיטן אייזערנעם הענטל איבער דער טיר, ווי מיטאַמאָל האָט אויף דער שוועל זיך באַוויזן דער אַלטער ישמע אליופֿ. ער איז געווען אנגעטאָן אין סאַלירטע אונטער־בגדים, ארומגעהילט מיט א לאַנגן, ווייסן כאַלאַט, ווי א טיקל און אויפֿן קאָפּ א דרייקאַנטיקער פֿאַרשפּיצטער שלאָף־מיץ.

ער האָט זיך א רייב געטאָן די פֿאַרשלאָפֿענע אויגן, האָט געזען וואָס ארום טוט זיך און גענומען ליאַרעמען:

— אהער מיינע פערד! וועד שלעפּט ארויס די פערד?

קיינער האָט נישט געענטפֿערט. ס'האָט זיך בלויז געהערט די לייכטע פּאַדקאָווע־שפּרייזן פֿון די אַפּציענדיקע פערד. עובדיה וואָס איז אויף ישמע אליופֿס אנבליק צוריקגעפֿאַלן א פּאָר שפּרייז הינטער זיך, האָט איצט, א געבוויגענער זיך גענומען רוקן פֿאַרויס צום באַלעבאָס. ער האָט אנגעהויבן:

— די פערד נעמען זיי פֿאַר דער שויץ. מען גייט פֿאַרהיטן אַן איבערפֿאַל פֿון די מוסולמענער.

ישמע אליופֿ איז אַראָפּ צוויי טרעפּ נידעריקער און געשריגן:

— דערציייל מיר נישט קיין מעשיות! מיין הויף איז נאָך קיין מוסולמענער נישט איבערגעפֿאַלן. כ'דאַרף נישט, איר זאָלט מיר היטן.

— די שכונה מיט יהודים דאַרף אָבער, מען זאָל זיי היטן — האָט גבריאל אויסגעשריגן.

— די גאַנצע שכונה דאַרף מען היטן? אַלע אביונים דאַרף מען היטן מיט מיינע פערד? — איז ישמע אליופֿ געוואָרן ווילד — און וועד פֿון די אביונים קען גוט זאָגן פֿאַר די פערד?

— וועד רעדט דען מיט אים? — האָט ישמח א ריס געטאָן דאָס לעצטע פערד אריבער דעם פּלויט־טויער — די שכונה איז אין סכנה, און ער הייסט זיך גוט זאָגן פֿאַר די פערד. אַזאַ רביתניק, אַזאַ פּעלפּליקער, אַזאַ מוסלעם!

פון הינטער ישמחס פּלייצעס האָט זיך אַרויסגעהויבן בנבנישתי. ער האָט מיטן טייטל־פינגער געגומען בויערן אין דער לופטן.

— אַזוי רעדט מען נישט, וועז מען בעט אַ טובה. האָסט פאַרגע־סן, ביזט אַ בעל־חוב? די נאַכט וועט איבערגיין, דער איבערפאַל וועט איבערגיין און דיין חוב, ישמח, וועט בלייבן... ביי ישמע אליופן קען מען אַלץ אויספירן... אין דער לעצטע רגע זאָג איך דיר, ישמח, ס׳איז דאָ איין אויסוועג אַלץ אויסצופירן...

ישמח איז געווען אויף יענער זייט פּלויט. ישמע אליוף האָט אַ כאַפּ געטאָן ביי עובדיהן די לאַמטערנע, ער האָט זי אַ הויב געטאָן אי־בער זיין קאָפּ און דערזעענדיק בנבנישתן אין יענעם עק הויף, גענומען אים אָקעגן שפּרייזן מיט קולות.

— אַזוינס האָסטו מיר אָפּגעטאָן, מנשאַ! אַ גאַנצן פרימאָרגן ביזטו מיר נעגאַנגען נעבן ישמחן פאַר אַ שוועך! איצט האָט ער אָנ־געדרייצט אויף מיר דאָס גאַנצע געבינטל, זיי זאָלן אַרויסרויבן מיינע פערד. ווער וועט גוט זאָגן פאַר מיינע פערד?

ס׳האָט זיך געהערט אַ שאָס. באַלד האָט מען אָפּגעענטפערט מיט אַ קנאַלעריי. דאָס שיסעריי איז געקומען פון דער טיף, מיט ווידער־קולות, גלייך ס׳וואָלט געהאָגלט מיט צעשפּאָלטענעם שרויט.

פאַר פּחד האָט דער אַלטער ישמע אליוף גענומען פאַלן הינטער זיך. פאַר דער רעכטער האַנט האָט אים אַ כאַפּ געטאָן בנבנישתי. עובדיה האָט אים אונטערגעהאַלטן פון דער לינקער זייט. דאָס שי־סעריי האָט נישט אויפגעהערט, אַז אַנזאָג און וואָרנונג אַז די שכונה ווערט באַפאַלן.

פון יענער זייט פּלויט האָבן די רייטער געיאָגט פאַרויס. זיי האָבן געצויגן וואָפן פון די שטיוול. אויפן לעצטן פערד האָט געטריבן ישמח, מיט אימפּעט, אָן מורא, און ס׳איז נישט קלאָר געווען צי די זיכערקייט ביי אים קומט דערפון, וואָס ער האָט אַרויסגערוימט די פערד פון ישמע אליופס הויף, צי דערפון, וואָס ער איילט צו פאַרטרייבן די אָנ־פאַלער פונם בוכאַרישן קוואַרטאַל.

ב. וו—ן
יעקב גלאַנץ
ב. דעמבלין

ב. וו—ן

ליעסין־געשטאַלט

איך קום צו דיר, קינד מיין, פון גלותן שטומע,
פון געטאָס פאַרפּאַקטע, פאַרהאַקטע אין קלעם:
איך האָב נאָר די חנען פון תחנות פון פרומע,
איך האָב נאָר די שיינקייט פון קידוש־השם. (א. ל.)

אַ טראַגישע פאַרצייכנונג. גראָד איצט ווען מיר זוכן הילף פון דער מינדעסטער האַנט וואָס בויט און שאַפט אין אונדזער צעריסן יידיש־לעבן, האָבן אונדז אין די לעצטע עטלעכע יאָר פאַרלאָזט איינער נאָך דעם אַנדערן אַנגעזעענע וויכטיקע שאַפער פון דער יידישער ליטע־ראַטור. און איצט איז דער דיכטער א. וואַלט־ליעסין אויך שוין מער נישטאָ.

דער אומגעריכטער טויט האָט אים אוועקגענומען אין זיין שאַ־פונגס עלטער פון 68 יאָר, אַלס פּאָעט, פּובליציסט און רעדאַקטאָר פון „צוקונפט". דאָס איז געשען באַלד נאָכן טויט פון זיין נאָענטן חבר און דיכטער ב. וולאַדעק, אויף וועמענס לויה ער האָט נאָך באַוויזן פאַרצולייענען זיין עלעגיע „ברוך וולאַדעק". אָט אויף דעם דאָזיקן ליד איז געפאַלן דער גורל צו פאַרבלייבן ליעסינס לעצט ליד.

אַ. ליעסין קומט צו אונדז פון הויכן יחוסדיקן שטאַם. אַ קינד פון די מינסקער פרומע יידישע געסלעך פון וואַנען ער איז דאָס אַרויס־געוואַקסן דער למדן און וואו ער האָט איינגעזאַפּט אין זיך דעם גייסט פון ישיבות, איינגעאָטעמט די נויט פון זיינע חדר־חברים; און נאָר פרי גענומען אויף זיך דעם סאָציאַלן באַלאַסט ביז צו אַ פולשטענדיקן איבערבהוד, און איז אַרויס צו דער גרויסער וועלט.

איינער פון די אמתע עכטע יידן איז געווען דאָס ליעסין־גע־שטאַלט. אים איז אפשר געווען צו ענג באַ אונדז. ער וואָלט זיך גי־כער אַריינגעפּאַסט אין דעם „יהודה־הלוי־דור". ער איז געווען באַ אונדז איינער פון די ווייניקע דיכטער, וואָס האָט אין זיין פּילזייטיקן שאַפן אַריינגענומען דאָס סאַמע דובותדיקע און עס פאַרקערפּערט מיט דער סאַמער וואַכנדיקייט פון אונדזער יידיש לעבן.

א קליינוואוקסיקער אבער פעסט געבויטער ייד, עפעס ווי פון זיך אליין אן אנטלאפענער, האט ער פארמאגט דעם כח פון איינקריצן זיך אין א צווייטנס זכרון. עס איז געווען גענוג צו פארברענגען מיט אים געציילטע מינוטן, ער זאל אייך שוין פון געדאנק נישט ארויס; און דאס איז געווען אן וועלכן ס'איז אנשטעל, אן וועלכער עס איז פאזע.

דער אויבנאויפיקער איינדרוק איז פון אים געווען א קאלטלעכער, אין זיין נשמה־געפיל איז אבער געווען די גוטסקייט פון ווארעמען, צארטן ייד. ער האט מיט דער זעלבער ווארעמקייט זיך געקאנט ארייג־לעבן אין איין מענטש, ווי אין א גאנצער מאסע. ליעסינס פיינטשאפט און ליבשאפט איז געווען א נאטירלעכע. ער האט נישט ארויפגע־צווינגען אויף זיך דעם אנשטעל — ביידע, זענען געקומען פונם הארץ.

אן אינערלעכע צעריסנקייט פון ראנגלענישן האט ליעסין פאר־מאגט. ער האט נישט געקאנט אויסשטיין די סקארבאווע ליטעראריש־קייט און נישט די פארשארפטקייט פון דער הייגטצייטיקער פאעזיע; אויף צו באהאלטן זיך דערפון האט ליעסין, ווי יעדער אמתער פאעט, נאר געהאט איין אויסוועג, און דאס איז געווען ארייגלויפן אין זיך אליין, ארייגקנעטן זיך אין זיין אייגענער פאעזיע. ער האט דעם אומ־רו און די קאמפן זיינע ארייגגעלעבט אינם ליד:

איך שפאן דורך די גאסן אין אומרו אין גרעסטער
און זע רק פון חורבן דאס בילד,
און דריק די גמרא די גרויסע אלץ פעסטער
צום הארצן, אזוי ווי א שילד.

איך האב שוין די שטאט ביז די ווייטע „קאשארן"
מיט שטיינערנע שוץ־ווענט פארבויט,
און הויך אויף זיי טוען פון וואלקן זיך שפארן
די העלדן אין פייערדיק־רויט.

עס פלאמט דארט אליעזר, דער זון פון ענני,
מיט יוחנן הגלילי פארויס;
און שמעון הויבט אויף קעגן שונאס לעגיאנען
דעם בליציקן שווערד אזוי גרויס.

איך גיי מיט די העלדן ארום אין די פלאמען,

אויף שוץ־ווענט אין וואלקן געבויט.
און — ביז איך שלעפּ זיך אהיים צו דער מאמען
א מידער סיקאריער, האלב טויט.

א חוץ דער עמאָציאָנעלער קראַפט וואָס ליעסין האָט געהאַט אין זיין דיכטונג, האָט ער די טעמע פון יעדן ליד זיינער אפריער אליין געמוזט איבערלעבן. אַן אַזאַ פּראָצעס האָט ער דאָס ליד נישט אָנגעשריבן. דערפאַר איז די שטאַרקייט פון א ליעסין־ליד צום מיינסטנס אָנגעווענדט אין דער מאָס פון דיכטערס איבערלעבונג.

פון ליעסינס פּאָעזיע וועט שטענדיק זיין וואָס צו שעפּן. ער איז געשטאַנען ביים אייביק אָנגעוויטיקטן קוואַל פון מענטשלעכער פאַרשקלאַפונג, יידישע ראַנגלענישן, מאַרטירערטום, קידוש־השם, האָט ער איינגעזאַפּט און אַרויסגעזונגען פון זיך די געטאָ־העלדן.

אינם פּשוטן לעבן איז ליעסין געווען דער ייד פון א גאַנץ יאָר. ער האָט נישט געוועקט קיין חשד אַז עפּעס איז ער אַנדערש פונם פאָלקס־מענטש. געוויס, עס האָט זיך נאָר געווענדט מיט וואָס פאַר אַן אויג מען האָט אויף אים געקוקט; אַזוי־אַנאַך האָט מען אים געזען.

די סביבה אַרום אים איז געווען אַ שטוביקע. פון דעסטוועגן איז דאָס אויער זיינס געווען אָפן צו דער וועלט; שוין בלויז פאַר דעם אליין איז אים געווען ליב דאָס רעדאַקטירן די „צוקונפט", כאָטש אין תוך איז ער גאָר קיין רעדאַקטאָר נישט געווען. דאָס איז נאָר געווען אַ באַטיטלטע פּאָזיציע אַזאַ. ער איז אין דער אמתן געווען מער לייענער, מער לערנער. ער איז געווען צופיל פּאָעט פאַר אַזאַ פּאָזיציע.

ליעסין האָט פאַר זיך דעריבער געמוזט אויסטיילן נישט דאָס רעדאַקטאַרישקייט נאָר די ליידן פון פאָלק. דער בראַנד־וואונד וואָס די היטלער־בעסטיע האָט אָנגעצונדן אין יעדן מענטשלעכן געוויסן און אינם יידישן־ייד בפרט, האָט אויך זיכער גורם געווען ליעסינס טויט. וואָרים נאָך פון לאַנג פריער האָט דאָס ליעסין־געשטאַלט צו אונדז גערעדט:

און אויסגעשמידט האָב איך דורך דורות
דעם וואונדער פון ווילן און וויי
צו לעבן פאַר הייליקע תורות
און שטאַרבן מיט פעסטקייט פאַר זיי. (א. ל.)

דאָס איז דער דיכטער א. ליעסין געווען ביז זיין לעצטן אָטעם־צוג.

יעקב גלאנץ

לידער

געזאנג

געזאנג פון מיין זיידן
נאך שטארבט איבער תהומען.
כ׳הער דאס געוויין נאך
פון ווייטע פאגראמען.
ווינטיקע עדה
אין בלוט און אין מורא.
און איך בין דער קרבן
פאר זינד פון די דורות.
נישט איך אליין בין —
א סטאדע מיט לעמער.

עס טוען די בערג אן
דעם וועלטישן דעמער
אויף אקסלען אויף שמאלע;
ווי קרוגן פארפולטע
מיט טרויער — די טאלן.

אויף הרודיקע וועגן
צעשראקענע בוידן
מיט וויסטע יללות:
מע פירט אויף יארידן
דעם יידישן גלות.

ס׳שטאַרבט נישט...

פון שטחים פארשטויבטע
קום איך א פארטויבטער. אויפן וועג
אין באגינען שרעקט זיך אויף וואגשאל פון ווייטן
פארטאגיקער גאנג.

יאנואר 1939, איז דער יונגער יידישער דיכטער יעקב גלאנץ, בא־פאלן געווארן פון א באנדע כוליגאנעס, וואס האט געפירט צום בלו־טיקן דאנערשטיק אין מעקסיקא.

כאטש די איצט־געדרוקטע לידער האט דער דיכטער צוגעשיקט ערב דעם פאגראם, פילט זיך דאך אין זיי א פאראנונג פון פאגראם.

צום באדויער איז דעם יידישן דיכטער באשערט געווען צו זיין א קרבן פון ערשטן פאגראם אין מעקסיקא.

דער טויט ברענגט צעטראָגן סוף נאַכטיקע שעה׳ן
און לייגט זיי אויף שוועלן פון טאָג.
איך ציטער ווי ס׳ציטערט אַ קערנדל ווייץ
אין מויל פון אַ מילשטיין. נאָר איך בין נישט אליין
חס ושלום; עס ציטערן מיט נאָך מיליאָנען
אין וואונדיקן וואַנדערדיקן גאַנג.

שטאַרבט נישט דאָס לעבן, זיי זיכער אַז נישט.
עס וועבן זיך צעלן, און צילן דערציילן
פון אייביקן זיין אויף גאָטס וועלט.
געוועלטיקט די שרעק אין דיין זעל, זאָל זי זיין!
זיילן ליכט זאַמלט זוניקער טאָג סייוויסיי
ווען גאַנג דיינער וואַקלט אויף וואָגשאָל פון טויט.

מ ר ג ל י ם

שרעק צינדט אָנעט טרויעריקע פאַקלען
אין הײלן טונקעלע פון רעיון.
זע איך גיין אין פינצטערניש מרגלים
און איבער זיי וואָראָנעס שרייען.

וואוהין זשע גייען זיי די גייער
אין נאַכט אָן שטערנדיקער שפּעטער?
ווינט וועט זייער שפּור פאַרווייען
און פאַרשיטן זיי מיט בלעטער.

צומאָרגנס וועט זיי קיינער נישט געפינען,
ברידער מיינע, עלנטע מרגלים!
ביז ס׳וועט זיך פאַרנעמען אויף באַגינען
וועט שרעק אַלץ צינדן אירע פאַקלען. — —

א י ך   א ו ן   ג אָ ט

די נאַכט אין בערג, זי גיסט מיט סודות.
וואָס מער איך גיי אַלץ מערער — סוד. —
אויף בערג דאָ שטייען גרייט עקדות,
און ס׳פירט אַ קרבן מיך — מיין גאָט.

לבנה שיקט א גוטן מלאך
ער זאָל וואכן איבער מיר.
און איך זע אין ווייטן מהלך
ווי עס עפנט זיך א טיר...

א טיר, א צווייטע, בערג זיך נעמען
פאר די הענט — און גייען אָפּ. —
איך בלייב אליין. די נאַכט אויף ברעמען,
און שטראַלן הענגען אויף מיין קאָפּ.

איך זוך, ניטאָ. מיין גאָט פארשווינדט.
איך רוף. קיין שאָרך. איך בין אליין.
איך פיל עס טראָגט מיך אום א ווינט,
כ׳בין אין הימלען, ליג און וויין...

און גאָט וואו איז? זיין מאַנטל ליגט
און וויקלט מיך אין לויטער שיין. — —
א האנט א ווייכע וויגט מיך, וויגט:
„שוין שפּעטע שעה שלאָף איין, שלאָף איין!"

און ווידער גיסט די נאַכט מיט סודות,
און גאָט פירט אום א שטילע שאָף. — —
נאָר ווי אויף דינע, ווייכע הוידעם
וויגט און וויגט מיך בלויער שלאָף...

ע ל נ ט

ס׳איז געווען א נאַכט אין תמוז. —
האָסט געוויינט, ווי ס׳וויינען מאַמעס,
ווען א קינד וואכט אויף אין פיבער
און זיין בליק ווערט טריבער, טריבער,

אויגן גרויס, ווי די לבנות. — —
כ׳האָב געהאַט אויף דיר רחמנות,
פרוי און מוטער... אָן א זינעו
האָב געשטאמלט, נישט געפונען

וואָרט אין עלנט פון א מאַמען...
אין מיין אוצר וואָרט אזא מין, —

רעגנדיקע שטילקייט

ס'האָט גערעגנט טראָפּנדלעך שטילקייט,
נאַכט האָט געקוקט דורך די שויבן. —
דער טאָג האָט געקלימפּערט אין דמיון,
און שלאָף האָט געמאַטערט די אויגן.

אַפּאָקאַליפּטישע שעה'ן פון סוף: —
ענדיקט אַ נאַכט זיך, גייט אויס...
צו וועמען זאָל איך מיך איצט ווענדן,
מיין נאַכט ווי אַ מדבר איז גרויס...

בעדואינער אויף קעמלען צעטראָגן
דעם צער פון אומטיק לאַנד. — —
און ס'וואָיען שאַקאַלן און קלאָגן:
„אַ מצרי זיך וואַלגערט אין זאַמד"...

דערוואַרטונג

טרויער פון מענטשן
אין אָרעמס פון שלאָף,
ווען די נאַכט גייט
מיט מחנות פאַרשטעלטע
באַלאַגערן די שטאָט.

די שטאָט ביים האָריזאָנט
איינגעוויגט אין שרעק
וואַרט אויף ערשטן שיימער
פון באַגין,
ווי ס'וואַרט אַ שיפל ביים ברעג
אויף אַ פאָרער. — —

קיינער קומט נישט. —
אַזוי וועט דאָס שיפל זיך שווייינקען,
זיך צוהערן שטיל
צום איינזאַמען וואַסער־געפּלאַפּל,
און וואַרטן,
און וואַרטן...

סיווי וועט די נאַכט אזוי בלייבן
אַנשטערנדיק וויסט
אין די אָרעמס פון שלאָף,
ווי טרויער ווי קאַלטער פון מענטשן
ביז ערשטן
פריצייטיקן שייטער פון טאָג. — —

ג ע ש ט א ל ט ן

1

וויביימער אָנגעצונדענע אין שאָטן,
געשטאַלטן שטאַרע שאַרן זיך אין נאַכט.
עס גייען מידע סאַנקולאָטן
פון מאַדרידער — שלאַכט?...
צי אפשר גייען גאָר זעלאָטן
אין מדבר־גראָ פון הייליק לאַנד?
ס׳צייכנט ווער הייגט זייער שאָטן
אין שימל־שטויב פון דורות וואַנט.

ביי קרומע ווענט פון שמאָלע ליקן,
הוקן זקנים זיך און בעטן. — —
דאַרע הענט פון שרעק דערשטיקן
כריפּלען קול פון נאַכט־געוויין.
און עס קלינגען מינאַרעטן —
ברעקלעך גלאָז אויף האַרטן שטיין.

2

טאָג צינדט אָן די בריקן גרויע,
און עס ברענען ליג און ראָג.
ביימער טריפן טראָפּנס טויען
אין רויטן טעלער פונעם טאָג.

קאַראַוואַנען שאָטנס גייען,
און ביי די ווענט פון מאָך און שימל.
זקנים געלע — און סטולע. —
הענט ווי בויגנס צו דעם הימל,
זיצן וואַרטן אויף דער גאולה,
און עס ברענט דער טאָג אַ נייער, —
ספר־תורות אין אַ שייער. — —

מ י י נ ע ט ו י ט ע פ ע ט ע ר ס

עס לויפן די טעג ווי ווינטן אויף דראָטן.
מיט אש פון זכרון — די יאָרן פארשאָטן.

איך ווייס נישט ווער בין איך, פונוואנען? —
אן אייניקל בין איך, מיר דוכט, פון מאראנען.

און אפשר א קינד פון אוקראאינער שחיטות?...
כ׳זע ווי מע טראָגט מיינע פעטערס אויף מיטות:

מע ראַיעט א גרוב פאר זיי אלע צוזאמען. — —
מיר ווייסן אליין נישט פונוואנען מיר שטאמען.

נאָר אָט איז באשערט מיר אין לאנדשאפטן רויטע
דערבליקן דעם אָנזיכט פון פעטערס די טויטע. — —

טראָפּישער פרילינג, נאָר ערגעץ איז שטורעם;
כ׳זע ווי מע ברענגט מיינע פעטערס צו קבורה. — —

באגראָבן די פעטערס, דער ווינט זינגט „א מלא",
עס דרוזגעט אויף הורדעס די שווערע עגלה. — —

פארמאכט זיך דער טויער פון שווארצן בית־עלמין.
עס מישן די ביימער די בלעטער פון פּסאלמען,

און וויקלען די קעפּ איין אין שווארצע טליתים. — —
ס׳איז נאכט — און ס׳קומען פון קברים די מתים,

און שלאָגן אין קברנ׳ס־שטיבל מיט רידלען,
און שפּילן „מה יפית" אויף ביימערשע פידלען. — —

די ווייסע פּראָצעסיע פארשווינדט צווישן קברים. — —
אין חדר איז דעמער. ס׳ברענען די ספרים

אין שראנקען, זיך לעשן — און לעשן זיך אויסעט. — —
די טראָפּישע זון אין די פענצטער דערגויסעט...

די פעטערס פארשווינדן אין גליווער פון שטיינער. — —
די שקיעה אין פענצטער, דער אָוונט, מער קיינער. — —

ב. דעמבלין

תכלית

(נאָוועלע)

1

אין אַ האַרבסטיקן פרימאָרגן, אַנשטאָט אין אוניווערזיטעט אַריין, האָט זיך פייגעלע קראַקאָווסקאַ גאָר אָוועקגעלאָזט וואַנדערן איבער די טריבע, וואַרשעווער גאַסן אָט אַזוי, אָן אַ ציל. ווען עמעץ פון אירע פריינט וואָלט זי איצט אָנגעטראָפן וואָלט מען זי גאָרנישט דערקאָנט. קיין סימן פון דעם סטודענטישן היטל מיט דעם לאַקירטן דאַשעקל, וואָס האָט איר בלאַס, אויסגעאיידלט פּנים צוגעגעבן אַזויפיל אַנטשלאָסנקייט, אַזויפיל טראַציגקייט! זי האָט גאָר איצט געטראָגן אַ פראַסט, בלאָ בערעטל, אָן אָפּגעבליאַקירטס, ווי אַ געוויינלעך אַרבעטס־מיידל פון די אָרעמע יידישע הייף אַרויס. דערצו נאָך איז דאָס בערעטל געווען גאָרנישט דאַמען־מעסיק אָנגעטאָן נאָר בלויז אַרויפגעכאַפּט אויף גיך. אויך דאָס גרוי־גרינלעכע מאַנטעלע אירס מיט דעם ברוינעם פוטער־קאָלנער, האָט איצט נישט געהאַט אויף איר יענעם שיק, וואָס עס האָט געוויינלעך, ווען פייגעלע קראַקאָווסקאַ טוט עס אָן געלאָסן און מיט אָן אויג אין שפּיגל. איצט האָט דאָס מאַנטעלע אויסגעזען אויף איר ווי אַ „לאַך” אַ שמאַטע, און וואָס זי האָט אויף גיך זיך געטאָן אַ וויקל איין. אפילו דאָס שמאָלע, לאַקירענע רימענטל אַרום דער טאַליע האָט זי נישט אָנגעטאָן. איינגעטוליעט, ווי אַן אַלטע יידענע מיט די הענט פאַררוקט אין די אַרבל, איז פייגעלע געגאַנגען אין מיטן וואַרשעווער פרימאָרגן־געטומל.

פון געוואוינהייט איז זי אויך איצט געגאַנגען איבער די זעלבע גאַסן וואָס פירן אין אוניווערזיטעט אַריין. ערשט אַריינקומענדיק אין דעם זאַקסישן גאָרטן איז זי פּלוצים געבליבן שטיין, גלייך זי וואָלט זיך אָן עפּעס דערמאָנט און באַלד זיך פאַרנומען אָן אַ זייט, אַראָפּ פון דעם געוויינלעכן, יעדן־טאָגיקן וועג אירן.

דער זאַקסישער גאָרטן איז שוין געווען ליידיק. די ברייט־צעוואַקסענע ביימער זענען געשטאַנען אָפּגעשיילט, הויל פון יעדן בלעטל, פון

יעדן ביסעלע גרינס. די נאקעטע צווייגן, פייכטע, גלאנציקע פון א הארבסטיקער נאסקייט, האבן זיך געשטרעקט צום הימל מיט אזא ביי־זער, שפיזידיקער שטעכיקייט.

א פארטראכטע איז פייגעלע געגאנגען אין דער קרולעווסקער אלייע. פון ביידע זייטן, לענג אויס, האבן זיך געצויגן לערע בענק. א שארפער ווינט האט געשניטן ס׳פנים און צעיאגט די פאלעס פון איר מאנטעלע. פייגעלע אבער, נישט זי האט געזען די לערקייט ארום זיך און נישט זי האט געפילט דעם ווינט. זי איז גאר געווען פארטאן מיט זיך. זי האט זיך געשלאגן מיט דער דעה וואס זי זאל דאך טאן! דער לאנג געגארטער ציל אירער ווינקט נאך אלץ מיט טויזנט ליכטיקע צו־זאגן! נאך איין יאר בלויז און זי וואלט געקאנט זיין א זעלבסטשטענ־דיקער מענטש! זי וואלט זיך איינגעשאפט א דענטיסטישן קאבינעט, אויב נישט אין ווארשע איז, ווינציקסטנס, אינדערהיים, אין אייגענעם שטעטל. שפעטער וואלט זי אויך געטראכט פון א תכלית, פון פאר־בינדן זיך מיט א מענטש, וואס וועט זי פארשטיין און ליב האבן!

איין יאר בלויז, און דאך איז עס אזוי ווייט אז זי וועט עס נישט קאנען דורכטראגן!

פייגעלע האט געפילט אז איר געמיט איז איצט אינגאנצן גע־בראכן. און דאס גראד נישט פון די אנפאלן, וואס די אקאדעמישע „קאלעגן" אירע, די פוילישע סטודענטן, פארפעלן אזוי נישט טאג־איין — טאג־אויס דורכצופירן אויף איר און אויף די אנדערע יידישע בחורים און מיידלעך אין קלאס. אדרבה, וואס שארפער די דאזיקע אנפאלן, אלץ טראציקער איז געווען איר אנטשלאסנקייט נישט אפצו־טרעטן, נישט נאכצוגעבן, אפילו איין לעקציע נישט דורכצולאזן.

אלע אנפאלן, אלע קלעפ האט פייגעלע געקאנט אריבערטראגן, כאטש ביטער איז געווען צו טראכטן אז די אנפאלן קומען פון סטודענ־טן, דאס אויבערשטע פון א פאלק, מיט וועמען מען וועט דאך מוזן לעבן צוזאמען! דעם איצטיקן קלאפ אבער, פילט זי, וועט זי נישט קאנען אריבערטראגן! דאס וואס מען האט ביים זיידן דאך אוועקגע־נומען די פרנסה, די מיליטערישע תבואה־ליפערונגען, בלויז ווייל ער איז א ייד, אט דעם קלאפ וועט זי נישט קאנען אריבערטראגן. מילא, די אנפאלן האט זי געקאנט מבטל זיין, פאראכטן זיי צוזאמען מיט די אנפאלער! ווי אזוי אבער וועט זי קאנען מבטל זיין דעם הונגער, די נויט, וואס נעמט זיך שוין רוקן אויף איר? ווי אזוי וועט זי קאנען כאטש איין וואך אנהאלטן איר טראציק לעבן אז דער זיידע וועט מער

נישט האבן איר צו שיקן יעדן חודש דאס ביסל אויסקומעניש זי זאל קאנען דורכזועצן דאס יאר?

ווידער און אבער, אין דער לענג און אין דער ברייט, האט פייגע־לע דורכגעשפאנט דעם זאקסישן גארטן. די אנמעכטיקייט האט זי נעדריקט. אומזיסט אלע אנשטרענגונגען! נישטא מער קיין כח אויסצוהאלטן אט דעם לעצטן אנפאל!

פון דעם שפאנען היין און צוריק האט זיך פייגעלע דערפילט מיד. זי האט זיך צוגעזעצט אויף א באנק. איר שטארער בליק האט געזען ווי דרויסן, אריבער דעם אייזערנעם צוים, גייט אן א גרויס־שטאטיש לעבן. טראמווייען קלינגען. אויטאבאסן יאגן זיך. דראשקעס פארן. צייטונגס ייִנגלעך לויפן, שרייען, פילן אן די לופט מיט אומרו, צו איר אבער דערגייט עס נישט! אין איר און ארום איר איז שטיל און פוסט! טרוקענע בלעטער, געלע, פארוויאנעטע וואלגערן זיך פאר אירע פיס. לעבן איר, אונטער די צוועלף טויערן, צאנקט דער נר תמיד פון אומבאקאנטן סאלדאט. א זעלנער אין מיליטערישער שטייפקייט, מיט דער ביקס אויפן אקסל, שפאנט היין און צוריק לעבן דעם געאכפערטן קבר. הינטער איר, לעבן דעם קליינעם, רונדן וואַ־סערל, זיצט דער ווייסער שוואן רואיק, אומבאוועגלעך, דאס קליינע קעפל מיטן געלן שנוב פארשטעקט אונטער א פליגל, ווי ער וואלט גע־ווען טויט, פונקט ווי עס איז טויט דער גארטן, דיביימער, די בענק און פייגעלע, וואס זיצט אויף איינער פון זיי!

פייגעלע האט דערפילט א קעלט אין איר גאנץ געביין. זי איז אויפגעשטאנען און זיך פארנומען צוריק פון וואנען זי איז געקומען. גייענדיק האט זי אנגעטראפן עטלעכע גארטן היטער. טייל האבן מיט גרויסע, הויכע בעזעמס צונויפגעשארט די בלעטער אין אנגעהויפטע בערגלעך. אנדערע האבן געשלעפט שטרוי און ברעטלעך און עס אפ־געלייגט לעבן די שטיינערנע פיגורן, וואס שטייען צעשטעלט אין דעם גארטן פון אלטע, לאנגע צייטן. פון אלטקייט קרישלען זיך שוין די פיגורן. ביי טייל פעלט א שטיקל האנט, א שטיקל נאז, דעריבער איילן דאס די פארק־היטער זיי ארומצוהילן מיט שטרוי און זיי ארומברעט־לען, דער שארפער ווינטער זאל איבער זיי קיין שליטה נישט האבן.

פייגעלע האט נאכגעקוקט די פארק־היטער, ווי צערטלעך זיי באַ־גייען זיך דאס מיט די שטיינערנע פיגורן, ווי פארזיכטיק זיי הילן ארום די אפגעקרישלטע וועגנס. ווער וועט זי איצט ארומהילן? ווער וועט זי באשיצן אין דעם קאלטן ווינטער, איר לעבן, וואס רוקט זיך

איצט אויף איר? דער זיידע וועט שוין איצט נישט קאנען זארגן פאר איר! און וואס וועט זיין מיטן זיידן אליין? וואס וועט ער אויף דער עלטער נעמען טאן?...

2

ר' ישראל קראקעווער, פייגעלעס זיידע, האט פון אנהויב אן נישט געוואלט פייגעלע זאל „שטענדירן". גיין אין דער גימנאזיע — דאס יא. היינטיקע צייטן באדארף א מיידל זיין מיט לייטן גליד. בפרט דעם קראקעווערס א קינד באדארף אוודע קאנען שרייבן פויליש און חשבונען ווי געהעריק. אבער פארן קיין ווארשע ווערן א צאן־דאק־טאר? אויף דעם האט ער נישט מסכים געווען! ער האט געוואלט פייגעלע זאל זיין אינדערהיים, אונטער זיינע פליגל. דא וועט ער מיטן אויבערשטנס הילף א שידוך טאן מיט איר און כאטש פון איר דער־לעבן דאס, וואס ער האט נישט זוכה געווען צו דערלעבן פון איר טאטן, דעם בן יחיד זיינעם, וואס איז נעבעך אזוי יונג אוועק פון דער וועלט! האט אבער פייגעלע זיך איינגעשפארט: רק א דענטיסטן, און רק ווארשע! א, ווען זי וואלט נישט געווען קיין יתומה, אז א טאטן און אן א מאמען, וואלט זיך שוין ישראל קראקעווער מיט איר אן עצה געטאן! ער וואלט גענעבן א קלאפ אין טיש אריין: „יעד זאג ניין!" וואלט געווען ניין! אזוי אבער, ווי האט ער געקאנט א יתומה מצער זיין? ווי מעג מען דען א יתומה מצער זיין? האט ער זיך נעבעך געמוזט אפווישן ס'מויל און לאזן זי פארן! און אז א מיידל איז אין ווארשע מ׳ז מען דאך זען זי זאל האבן וואס א מענטש באדארף, זי זאל חלילה נישט געטריבן ווערן אראפ פון גלייכן וועג!

איין גאט ווייסט אז אפילו איצט, נאכן פינצטערן גזר האט ר' ישראל קראקעווער נאך אלץ געקנייפט די באקן די פארב זאל שטיין. שוין א שטיק נאך דעם ווי מען האט זיין פרנסה אוועקגענעבן א פרעמ־דן גוי, אזש פון פויזן, האט ער נאך אלץ געזען פייגעלע זאל פון גאר־נישט וויסן. פונקט ווי פריער האט ער איר אלץ נאך געשיקט חודש געלט. ווי פריער האט ער געזען די באבע זאל נישט פארפעלן איין וואך מיט איר פעקעלע קיכלעך און קעזעלעך און וואס נאך דארטן די אלטע שיקט איר! האט אבער דער ריבונו של עולם מיט איינמאל גע־טאן א שטעל צו דעם חלף צום האלדז!

פריער, כל זמן דער הלד האט געילדט, ווען פולע וועגן תבואה פלעגן שטיין הינטער די פענצטער, ווען די קאשע מילן האבן ביי אים

נעמאלן אויף דער גאנצער פארע, דערנאמאל איז ר' ישראל קראקעווער געווען דער גרויסער בעל בטוח! ארעמע כלה מיידלעך האבן אים אנ־געטרויט דעם אפגעשפארטן נדן. באלמעלאכעס, געמיינע לייט, וואס האבן געקליבן גילדן צו גילדן, ווער א שטיקל דאך צו פאריכטן און ווער אויף א מלבוש אוועקצורייסן, האבן דאס אפגעשפארטע געלט אריינגעווארפן צום אלטן קראקעווער כדי צו האבן עס ווען נאר מען וועט באדארפן. איצט אבער, גלייך ווי די רשעים האבן ביי אים צו־גענומען דעם פאדראד, איז די גאנצע שטאט געטאן א שטיי צו: געלט! פלוצים איז ר' ישראל קראקעווער געווארן אוים בטוח! יעדער איז גע־קומען מיט אן אנדער תירוץ! דינסט מיידלעך וואס האבן שוין, נישט אויסגערעדט זאל עס זיין, פון לאנג אריינגעטאנצט אין גרויען צאפ אריין, זענען פלוצים געקומען צולויפן נאכן נדן, באשר עס שטייט זיי פאר א שידוך צו טאן!

ר' ישראל קראקעווער האט חלילה נישט פאריבל געהאט. ארע־מע מענטשן נעבעך. פארהארעוועט געלט! עס האט אים נאר פאר־קלעמט ס'הארץ. סטייטש? האט מען, הייסט עס, געטרויט נישט אים, ר' ישראל קראקעווער, דעם עלטסטן דאזאר אין שטאט, דעם אפגעהיטע־נעם ייד, וואס וועט חלילה נישט פארלאנגען יענעמס פרוטה, ווען ער זאל אפילו דארפן גיין איבער דער מדינה! געטרויט האט מען, הייסט עס, ישראל קראקאווסקי, דעם פאדראטשיק, וואס שטעלט תבואה אין פעסטונג אריין? און איצט, אז אוים פעסטונג רחמנא לצלן, איז אוים בטוח?

מילא, אזוי צו אזוי, חובות זענען חובות און צאלן דארף מען! ר' ישראל קראקעווער איז דאך חלילה נישט פון די היינטיקע אויפגע־קומענע לייט, וואס כאפן אריין, וואס קיין ווארט איז ביי זיי קיין ווארט נישט, וואס זעצן אן, וואו נאר זיי קאנען! וואס אבער וועט זיין מיט פייגעלען? דאס קינד איז נעבעך שוואך ווי דער פאטער, איר צו לאנגע יאר. וואס וועט זי איצט טאן און וואס וועט נעבעך פון איר ווערן?

3

פייגעלע איז געקומען אהיים צו פארן פלוצים און אומגעריכט! נישט דער זיידע און נישט די באבע האבן זי אזוי גיך דערוואַרט. זיי איז גארנישט איינגעפאלן אז זי וועט אין דער ווייטער ווארשע אזוי באלד זיך דערוויסן פון דעם פינצטערן גזר, וואס איז נעבעך געקומען

אויף זיי און גלייך כאפן און קומען צולויפן. אדרבה, דער אלטער האט זיך איצט גאר געגרייט ממש וועלטן איינצולייגן פייגעלע זאל קאנען בשלום אויסשטודירן. ווארים ערשט איצט, איינזעענדיק ווי דאס מיידל בלייבט נעבעך אויפן וואסער, האט ער ערשט פארשטאנען ווי זי איז גערעכט געווען מיט איר איינעקשנען זיך צו ווערן א מענטש פאר זיך. נעמט זי גאר, אין שיינעם מיטן העלן טאג און טוט א קום אן צופארן און אויס מיט אלעם!

די אלטע לייט, דערזעענדיק זי, זענען אזוי צעטומלט געווארן אז זיי האבן נישט געקאנט קיין ווארט ארויסברענגען. דער אלטער, אנשטאט זי ארומנעמען און איר א קוש טאן אויפן שטערן, ווי שטענדיק ווען זי קומט אהיים, האט ער זיך איצט גאר אוועקגעדרייט פון איר און אן א ווארט אריין אין פראנט־שטוב. זאל דאס קינד נישט דערזען ביי אים קיין טרער אין די אויגן! די באבע איז אפילו יא צוגעלאפן און זי ארומגעכאפט. זי איז דאך אבער א יידענע! האט זי אין מיטן דערינען געמוזט כאפן דעם שפיץ פארטוך און זיך גענומען שנייצן די נאז...

איידער זי איז אריינגעקומען אין שטוב האט פייגעלע אפילו אפגעמאכט ביי זיך צו זיין פריילעך. אדרבה! זי וועט זאגן אז די וועלט גייט נאך חלילה נישט אונטער און נישט צוליב דעם האט זי אויפגעגעבן דאס לערנען! איצט אבער, ביי דעם ברוך הבא, איז די געמאכטע פריילעכקייט גלייך אוועק. זי האט אפילו נישט געקאנט ס'מויל עפענען איינצושטילן די באבע, וואס האט זיך ערשט צעוויינט אויפן קול. זי אליין האבן די טרערן גענומען שטיקן. וואסער תל אין דער קורצער צייט איז געווארן פון זיידן! גארנישט דער אייגענער פאן קראקאווסקי! איינגעבויגן, אלט! און ווי שטיל דא איז! אזש טויב צו ווערן פון שטילקייט! נישטא מער קיין סימן פון סוחרים, פויערים און באלעגאלעס, וואס האבן שטענדיק געוויבלט אין די שטובן! שטיל איז הינטער די פענצטער! מען זעט מער נישט די געלאדענע וועגן תבואה! פוסטע פעלדער, נאקעטע, הארבסטיקע, פארלאזענע, קוקן אין די שטובן אריין!

פייגעלע האט געפילט ווי די פיס נעמען זיך ברעכן אונטער איר. אט־אט און זי פאלט אוועק אין מיטן שטוב. זי איז גיך אריין צו זיך אין חדרל, וואס ווארט שטענדיק גרייט אויף איר אהיים קומען און דארטן געטאן א פאל אויף איר בעט מיטן פנים אין די גרויסע קישנס אריין. זי האט לאנג געהעשעט. די באבע, אליין א פארוויינטע, האט

זי געגלעט איבער די אקסלען, איבערן קאפ: „טייער קינד, ני שויז, גע־נוג, הער אויף! דער אייבערשטער פארלאזט נישט קיין ווארם אונ־טער דער ערד, וועט ער אונז אויך נישט פארלאזן!" אויך סטעפא, דאס פוילישע דינסט מיידל, וואס איז דא אין הויז אויפגעוואקסן צו־זאמען מיט פייגעלען, איז אריינגעקומען אזוי שטיל און פארשעמט, גלייך זי וואלט שולדיק געווען אין דעם אומגליק, וואס די איריקע האבן אנגעשיקט אויף דעם הויז. „פאניענקא", האט זי געזאגט מיט א צי־טערדיק קול, „אפשר א גלאז טיי, פרישע, ווי די „פאניענקא" האט ליב?" נאר פייגעלע האט זיך נישט אומגעקוקט. ערשט איצט האט זי איינגעגראבן דעם קאפ און הויך געשלוכצט.

נאך דער דאזיקער באגעגעניש־סצענע האט זיך פייגעלע נישט געוואלט ווייזן ארויס פון איר חדרל. עפעס האט זי זיך געשעמט צו קוקן דעם זיידן אין די אויגן אריין. איצט, ווען דער זיידע איז נע־בעך געבליבן אויפן וואסער, הענגט זי אים ווי א שטיין ארום האלז! צוליב דעם האט זי זיך אויך אין גאס געשעמט ארויסצואווייזן. איר האט זיך נאר געדאכט אז יעדערער טייטלט אויף איר: „אט גייט זי, די גרויסע העלדינע, דער זיידע האט אויפגעהערט צו שיקן, איז אויס סטודענטקע!"

4

אין פייגעלעס שטאט, אויף א זייטיק געסל, איז געשטאנען א קליין אפגעזונדערט הייזל, א נידעריקס, מיט א גרין, מאכיק דעכל. איבער דער טיר פון דעם הייזל האט געהאנגען א קליין שילדל מיט גרויסע, צעפארענע אותיות, וואס עמעצער, נישט קיין שילדן מאלער, האט אליין אויפגעמאלט.

פרומע יידן, אז זיי זענען דורכגעגאנגען די גאס, האבן אויסגע־שפיגן אין דער זייט, וואו דאס הייזל מיט דעם שילדל איז געשטאנען. ווארים אין שטאט האט מען געשמועסט אז אלדאס בייז קומט פאר אין דעם שטיבל, וואס די יונגען מיט די מיידן רופן ביבליאטעק!

גאנצע טעג פלעגט די טיר פון דעם הייזל זיין פארשלאסן. בלויז אין די אוונטן און שבתים קומען זיך אהער צונויף שניידער געזעלן, שוסטער יונגען, קצבים, דינסט מיידלעך, שניידערקעס און אויך באַ־לעבאטישע קינדער.

עס ווערט דענצמאל ליכטיק אין דעם שטיבל. די גרויסע פאר־טרעטן פון מענדעלע מוכר ספרים, פון פרץ און שלום עליכם, וואס

הענגען א גאַנצן טאָג אויף די בלווילער געקאַלכטע ווענט אַזוי פאַרלאָזן, לעבן פּלוצים אויף. עס דאַכט זיך ווי זיי שמייכלען פון די ווענט אַראָפּ צו דעם געקומענעם יונגוואַרג. די ביכלער, טייל מיט צעריסע־נע רוקנס, פאַרפעצטע און אַלטע, וואָס שטייען אַ גאַנצן טאָג צוזאַמענ־געדריקטע אויף די פּאָליצעס, ווערן ווידער אַראָפּגענומען און געעפנט. וואַרעמע הענט מישן זייערע בלעטער. הונגעריקע אויגן שלינגען ווי־דער זייערע געדיכט געזעצטע שורות. און עס איז שטיל אין דעם שטיבל, אַזוי שטיל אַז מען הערט דעם שאָרך פון יעדן איבערגע־מישטן בלעטל.

פּונקט ווי דאָס הייזעלע אין זייטיקן געסל, אַזוי שטייט אין מיטן מאַרק אַ גרויס, רויט־געמויערט הויז. אויך דאָ הענגט אַ שילדל, אַ קליינס, אָבער אַ האָפערדיקס, מיט אַ הערב, פּינקטלעך און קונציק אויפגעמאָלן. און די טיר איז דאָ נישט פאַרשלאָסן. פאַרקערט, שטענדיק איז זי אָפן, און שטענדיק ווימלט עס פאַר דער טיר מיט אָנ־געפּאַרענע פּויערים פון די אַרומיקע דערפער און אויך מיט שטאָטישע ייִדן, אַלע אַזעלכע הכנעהדיקע, מיט די היטלען אין די הענט. ווער עס קומט איינשרייבן אַ ניי־געבוירן קינד און ווער אַרויסקריגן אַ פּאַ־פּירל אויף אַ פערד. ווער עס קומט אָפּווייגן אַן אומפאַרדינטע שטראָף און ווער עס ברענגט אַ שטילע מתנה פאַר אַ נישט־געטאָענער טובה...

צווישן די צוויי הייזער, דעם רויט־געמויערטן מיטן הערב איבער דער אויפגעפּראַלטער, ברייטער טיר און דעם קליינעם, נידעריקן הייזל, מיט דעם נעבעכדיקן שילדל איבער דער כמעט שטענדיק פאַרשלאָסע־נער טיר, קומט פאָר אַ כסדרדיקער קידער־ווידער! דאָס רויט־ציגלנע הויז האַלט אין איין קלינגלען זיך ווי אַזוי בייצוקומען דאָס קליינע היי־זעלע אַזוי אַז אפילו וואָרשע זאָל שוין נישט קאָנען אַראָפּנעמען דאָס שלעסל פון טירל. און דאָס קליינע, אָרעמע שטיבל האַלט אין איין זיך ווערן און ווערן נישט לאָזן! און די גאַנצע שטאָט מוז נעבעך צוקוקן זיך צו דעם כסדרדיקן אַמפּערניש!

אָנגעמאַכט די גאַנצע צרה מיט דער ביבליאָטעק האָט איינער, גאָדעלע מעכליעס! די שטאָט וואָלט זיך פריער געריכט אַ טויט אויף אים איידער אַזאַ מעשה!

וואָרים דער גאָדעלע מעכליעס איז נישט אַבי ווער! נאָך קליי־נערהייט, ווען דער טאַטע זיינער, הערשעלע מעכליעס, איז נפטר גע־וואָרן, האָט דער רב אין מיטן הספד געזאָגט, אַז ווען דער נפטר זאָל

חלילה נישט געווען האבן קיין אייגענע זכיות, וואלט ער אין זכות פון גאָדעלען אויך געקראָגן אַ גאָלדענע שטול סאמע אויבן אין גן עדן.

צו דרייצן יאָר, ווי נאָר גאָדעלע האָט דערלעבט בר מצוה צו ווערן, האָט ער שוין געקראָגן סמיכה אויף רבנות. מיט גאָדעלען האָט זיך די שטאָט געבענטשט און געשפיגלט אין אים ווי אין אַן אבן טוב! עפּעס אַ קלייניקייט! גאָדעלע מעכליעס? ווייבער, גייענדיק טבילה, האָבן גאָט געבעטן זיי זאָלן אַנגעגענען גאָדעלען, כדי אין זיין זכות זוכה צו זיין צו אזעלכע זין ווי ער איז. אפילו יידן, לומדים, וואָס ווערן נישט נתפּעל פון אַ ליאַדע וואָס, האָבן דערציילט חדושים פון גאָדעלעס לער־נען. וואָרים אָט דער יונגערמאַנטשיק מיט די שוואַרצע, גלאַטע האָר און ברענענדיקע ציגיינער אויגן, פלעגט נישט זיצן איבער אַ גמרא און לערנען פשוט, ווי יעדער בן אדם. גאָדעלע מוז שטענדיק האָבן אַרום זיך אַ שטוים מיט ספרים, אזש מען זעט אים אליין נישט אַרויס. און לערנען לערנט ער פון עטלעכע ספרים מיט אַמאָל. שטענדיק באַדאַרף ער נאָכזוכן וואָס דער תנא זאָגט און וואָס יענער תנא לערנט!

נעמט פּלוצים דער גאָדעלע און ווערט אַ גאַנצער מחותן מיט שניידער יונגען און מיט שוסטער געזעלן! מיט איינמאָל ווערט ער זייער מדריך! און נישט חס ושלום מיט אַ שטיקל גמרא וויל ער זיי מדריך זיין! זאָל גאָט אויסהיטן! מיט ביכער גאָר נעמט ער זיי פּלוצים פאַרזאָרגן. און געטאָן די שמד־שטיק האָט ער גאָר בשתיקה! ווען זאָל גאָר געווען איינפאַלן אַז הינטער די שטויסן גמרות פאַר־נעמט זיך אַזאַ איינער גאָר מיט... טפו זאָל ער ווערן!

אָט, דער גאָדעלע האָט זיך דאָס געראַנגלט מיט דעם רויט־ציגל־נעם הויז און נישט געלאָזט פאַרמאַכן דאָס קליינע שטיבל מיט די בי־כער פּאַליצעס. יעדעס מאָל וואָס דאָס רויט־ציגלענע הויז האָט אַראָפּגעשיקט אַהין אַ פּאָר מרגלים, אויסקוקן, אויסשמעקן און אויפ־הענגען אַ שלעסעלע, האָט גאָדעלע, דער טיוול ווייסט אים ווי אַזוי, אַנגעשפּאַרט אין לובלין, אָדער צומאָל אין וואַרשע און שטענדיק גע־האָט אַ מליץ יושר אַז: נישקשה! אין באַפּרייטן פּוילן מעג זיין אַ ביבליאָטעק!

וואָלט כאָטש דער שמאַדאַלניק דאָס אַלץ געטאָן אָפן, מען זאָל וויסן! טוט ער דאָס אַלץ אַזוי אַז קיינער קאָן אפילו נישט זאָגן אויף זיכער אַז עס איז טאַקע ער, גאָדעלע. אדרבה, ער זיצט גאָר, ווי אַלע־מאָל, אין בית מדרש איבער שטויסן גמרות! אפילו די לאַנגע קאַפּאָ־טע מיטן יידישן היטעלע האָט ער נישט אויסגעטאָן. גלייך מען מיינט גאָרנישט אים, גלייך גאָרנישט איז מיט אים געשען!

5

פונקט ווי גאָדעלע איז געווען אַ מין סוד, אזוי איז משה מרדכילע געווען אַן אָפּענער איין און דרייסיק! אַט דער יונג האָט געשטאַמט פון גאָר אַן אַנדער גזע! דער טאַטע זיינער, יודעלע שניידער, אַן איינגעדאַרט מענטשיקל, אַ סוכאָטניקל, האָט זיך אָפּגעטראָגן פון דער וועלט נאָך איידער משה מרדכילע האָט שכל געהאַט אים רעכט אָנצוקוקן. די מאַמע, רויזע טשואיש, אַ הויכע יידענע, אַ האַרטע, אַ ביינעריקע, אַ שייגאַץ, פאַר וועמען די ווייבער האָבן געציטערט ווי פאַר פייער, זי איז יונגערהייט געבליבן איינע אַליין מיט אַ געהינטעכץ פון זיבן מיילער! כדי צו קאָנען פאַרשטאָפּן די זיבן פּיסקעס האָט זי באַלד נאָך שבעה אָנגעטאָן אַ ברייט פאַרטוך אויפן איינגעפאַלענעם בויך, גענומען אַ פּייערטאָפּ אונטער זיך און געוואָרן אַ „זיצערקע" אין מאַרק.

די אַלטע זיצערקעס, קאַזאַצקע ווייבער איינע און איינע, האָבן גאָר מורא געהאַט אַ פּיפּס צו טאָן קעגן! פריער נאָך וואָלטן זיי מורא געהאַט זיך אָנצוהויבן מיט רויזעלע טשואיש, בפרט איצט, ווען מ'קאָן גאָר צו איר קאָפּ נישט גרייכן! עפּעס אַ קלייניקייט, אַזאַ יחסנטע! אַן אלמנה מיט זיבן יתומים!

ווינטער פלעגט רויזע טשואיש האַלטן אויפן שטעלכל סלאַיען צוקערלעך אין אַלערליי קאָלירן און פאָרמען. געדרייטע, ווי עגבערס, און גלייכע שטעקעלעך. געוויקלטע קאַראַמעלן און זעקלעך קערעלעך. קרענצלעך געטריקנטע פייגן און געצוקערטע לעקעכלעך. דער עיקר אָבער האָט זי געסמאַליעט אַ וועלט אום זומער, ווען די אויבסטן זענען אויפגעקומען. נישט איין סאַדאָווניק האָט זיך פאַרשאַלטן ס'געביין וואָס ער איז נישט בעסער געפאָרן מיטן וואָגן אויבסט אין דער אַנדערער שטאָט איידער אַריינצופאַלן אין רויזע טשואישס הענט און מויל.

משה מרדכילע, דער יונגסטער פון איר געהינטעכץ, איז צוליב דער מאַמעס פרנסה געוואַקסן לעבן שטעלכל, צווישן די קוישן און פעסער. די פּאָר מלמדים, ביי וועמען ער האָט געלערנט עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד, האָבן קוים אַריינגעקלאַפּט אין זיין קאָפּ אַביסל עברי. און דאָס ביסל איז אויך אַרויסגעקומען ווי פון אַ גוים מויל. אַז דער תנא־באַרטעק האָט צום טאַטנס יאָרצייט געזאָגט קדיש, האָבן יידן נעבעך געקרעכצט אוים רחמנות צום מת, וואָס קאָן אוודאי נישט

איינליגן אין קבר צוליב דעם זינדלס עברי! דערפאר אבער איז משה מרדכילע געווען נאך א גרויסער עלוי אין שטעקן די קליינע הענטלעך אין פרעמדע פעסער עפל, אין פלינק זיך כאפן אויף א סעדערס וואגן און נאך פלינקער אפציען מיט פולע קעשענעס פלוימען און בארן.

די גאנצע שטאט איז געווען זיכער אז פון דעם תנא־בארטעק וועט שוין קיין לייט נישט זיין! צום סוף האט משה מרדכילע אלעמען ארויסגעשטעקט א צונג!

מיטאמאל איז דער תכשיט פארלוירן געווארן פון מארק אראפ! נישטא משה מרדכילע! ער האט זיך אפילו נישט געוויזן לעבן דער מאַ־מעס שטעלכל! אליין, אז דער מאמעס וויסן, איז ער אוועק צון א מיליטער־שניידער און זיך אנגעדונגען אויף גאנצע צוויי יאר לער!

דער שניידער, א ייד מיט א געלער באָרד, ברייט ווי א לאפעטע, מיט א קייניינעהארעדיקן בויך, מיט א זילבערנע קייט אויף דעם צע־עפנטן וועסט, האט אים צוגענומען אזוי, אויף קאטאוועס. דער ייד, אליין א פוילער, האט גארנישט געגלויבט אז משה מרדכילע, דאס פלינקע ממזרל, וועט האבן זיץ פלייש אויסצוזיין א לער און נאך ווערן א באַלמעלאכע דערצו!

משה מרדכילע האט אבער אויך דעם מיינסטער אפגענארט! נישט נאר האט ער געוואלט און זיך געריסן צו קענען, נאר ער איז טאקע געווען געראטן אויך! ממש געבוירן צום שניידעריי! די אייגענע פלינקע הענטלעך, וואס האבן זיך אזוי לייכט געגליטשט אין פרעמדע פעסער עפל, האבן זיך אויסגעטויגט פייער און פלאם צום געניי! נאך איידער אנדערע יונגען, עלטערע פון אים אין דער לער, האבן זיך אונטערגעשטעלט צו נעמען א קרייטל אין דער האנט אריין, האט שוין משה מרדכילע אליין צוגעשניטן מונדירן און שינעלן און זיך געכאפט צום פאסן!

דער באלעבאס, וואס איז אליין געווען פויל צו דער ארבעט, האט געמיינט רעכט, אז משה מרדכי נעמט פון אים אראפ דעם עול פון ווערקשטאט. אבי ער האט נאר איינגעזען אז ער קאן זיך אויף דעם יונג פארלאזן האט ער אים צוגעלאזט צו אלץ כדי ער אליין זאל קאנען זיצן רואיק פאר דער טיר, זופן אין גרויסן בויך אריין קאכעדיקע גלע־זער טיי און צולייגן די הארקע אויערן צו די שמועסרייען, וואס די קרעמער האבן אנגעפירט. אים איז גארנישט איינגעפאלן אז משה מרדכי טראגט זיך שוין באצייטנס ארום מיט אן אמביציעלע אים אפצו־יורשענען דאס שניידעריי מיט דער קליענטעלע זיינע!

די קליענטן, אפיצערן און פּאָליציי־לייט, האָבן משה מרדכין גאָר גערן געהאַט. זיי איז געפעלן געווען, וואָס דער יונג, כאָטש ער האָט קיין שול־באַנק פאַר די אויגן נישט געזען, רעדט פּויליש ווי אַן אמתער פּאָליאַק. חוץ דעם האָבן זיי טאַקע ליב געהאַט זיין אַרבעט. זיי האָבן גיך דערפילט אַז דער מיינסטער מעג זיך גיין לערנען ביי משה מרדכין. אַז דער יונג פּאַסט אויס אַ מונדיר ליגט ער ווי פון אַ פאָרם אויסגע־גאָסן! דעריבער, ווי נאָר משה מרדכי האָט זיך פאַרליינגט אַ שניידעריי, פונקט אַנטקעגן דעם באַזאַר, זענען אַלע קליענטן אוועק צו אים!

משה מרדכי איז אַזוי אַרום גאָר יונג געוואָרן אַ אַנגעזעענער מענטש אין שטאָט. ער האָט זיך אַנגעהויבן צו מישן און זאָגן דעות סיי אין בית מדרש און סיי אין מאַרק. אויך אין דער ביבליאָטעק האָט ער עטלעכע מאָל אַריינגעשמעקט. ער האָט אָבער דאָס לייענען שטיבל פיינט געהאַט. צוליב צוויי סיבות האָט ער עס פיינט געהאַט. ערשטנס האָט ער נישט געהאַט דאַרטן וואָס צו טאָן. ביכלעך האָט ער קיינמאָל אין זיינע הענט נישט געהאַלטן. לייענען ביכער וואָלט געווען קעגן זיין נאַטור! ער איז געווען צו אומרואיק צו קאָנען איינזיצן אַ שעה, בפרט נאָך זיצן איבערגעבויגן איבער אַ ביכל, קוקן מיט די אויגן און שווייגן! אַז משה מרדכי איז גאַרנישט געוואוינט געווען זיין מויל זאָל אַ מינוט רוען, פונקט ווי זיין מאַמעס מויל אין מאַרק איז נישט גע־וואוינט צו רוען. דער עיקר אָבער האָט ער פיינט געהאַט דאָס לייען שטיבל צוליב גאָדעלען.

דעם גאָדעלע מעכליעס האָט ער נאָך פיינט פון אַמאָל, ווען ביידע זענען נאָך קליינע יינגלעך געווען.

נישט איינמאָל האָט אים די מאַמע גוט אָנגעבויקערט צוליב גאָ־דעלען. אַ ליאַדע וואָס האָט זי אים אַרויסגעשטעלט גאָדעלען. גאָ־דעלע באַגערט צו לערנען און ער לויפט אַרום אין מאַרק. מיט גאָ־דעלען בענטשט זיך די גאַנצע שטאָט און מיט אים שטעכט זיך יעדע־רער אויס די ציין!

משה מרדכי האָט דעריבער שטענדיק געטראָגן אַ האַרץ אויף גאָ־דעלען. ווען נאָר ער האָט געפּאַקט גאָדעלען איז ער אים באַפאַלן שלאָגן. ער האָט אויך אָנגערייצט אויף אים אַנדערע גאַסן־יינגלעך. זיי פלעגן גאָדעלען אויסרייסן די לאַנגע פּאות. זיי פלעגן בכיוון אים אַראָפּ־רייסן ס׳היטל און שטיין און לאַכן ווי גאָדעלע שרייט געוואַלט און ווי ער דעקט זיך צו דעם אַפּגעדעקטן קאָפּ מיט די בלויזע הענט.

גאָדעלע פון זיין זייט האָט משה מרדכין נישט ווייניקער פיינט

געהאט. ווארים פונקט ווי דער לאָבוז האט פיינט דעם לערנער פאר זיין געכאַליעט ווערן, פאר זיין איידלקייט, אזוי האט דער לערנער פיינט דעם לאָבוז פאר זיין געפאַלנקייט, פאר זיין גראָבקייט. דערצו נאָך האָבן בײדע, סיי משה מרדכי און סיי גאַדעלע, געהאט די נטיה צו הערשן, צו באַפעלן. עס איז דעריבער געווען נאַטירלעך די צוויי פארשוינען זאָלן בכיון זיך אויסמיידן און ווען זיי האָבן זיך יאָ באַגעגנט אוועקצודרייען די קעפּ, נישט צו קוקן איינער אין אנדערנס זייט אריין.

6

משה מרדכי איז צוליב דעם נישט געקומען אין ביבליאטעק. דאָרטן איז גאַדעלעס מלוכה! זיין קיניגרייך איז גיכער געווען דער פּויִלישער באַר, א מין פיינערע שענק, וואו איבערן בופעט האבן געהאנגען צוויי גרויסע הירשן קעפּ און אין מיטן זאָל זענען געשטאַנען צוויי גרויסע, שווערע, גרין געדעקטע ביליארד טישן.

נישט אזוי צוליבן טרינק איז משה מרדכי אהין געקומען. ער האט דאָרטן געמוזט זיין צוליב געשעפט. דאָרטן האט ער זיך געטראָפן מיט זיינע קונדן. געשפּילט אמאָל מיט זיי א פארטיע ביליארד, געשטעלט א פלאַש קאָניאַק, זיך געקלאַפּט אין די קני מעשה אייגענער מענטש און זיך טאקע געפילט לעבן די מאַכט־האָבער ווי א מאַכט, א כח!

אין דעם באַר האט זיך משה־מרדכי איינמאָל דערוואוסט אז נאָר וואָס האט מען פארמאַכט די ביבליאטעק. מילא! קיין גרעסער אומגליק זאָל משה מרדכין נישט צעהאַנען קומען! אסור אויב עס וואָלט אים אפילו איינגעפאַלן נאָך איין טראַכט צו טאָן וועגן דער מעשה. אדרבה! א שיינע, ריינע כפרה! אוים מיט גאַדעלעס מלוכה!

די מעשה האט גראָד געטראָפן אין מיטן ווינטער ווען די נעכט זענען לאַנגע, פינצטערע און נאַסע. ס׳יונגוואַרג פון שטאָט איז ארומגעגאַנגען ווי אָן א קאָפּ. זיי האבן געקלאַפּט אין אַלע טירן. גאַדעלע האט זיך שטילערהייט געקליבן קיין לובלין זוכן דאָרטן, דורך זיינע מענטשן, מען זאָל אָראָפּנעמען ס׳שלעסל. דער קאָמענדאַנט, דער פּויער מיט די לאַנגע, אראָפּהענגענדיקע וואָנסעס, האט זיך דאָס מאָל איינגעשפּאַרט:

— אפילו לובלין וועט אים נישט צווינגען צו האָבן א „זשידאָווסקע" ביבליאטעק ביי זיך אין שטאָט!

גאַדל מעבליעס האָט געוואוסט אַז עס שטייט פאַר אַ שווער שטיקל ארבעט. עס וועט נאָך אפשר אַנשפּאָרן אין וואַרשע. עס וואָלט דערייבער בעסער געווען ווען מען קאָן דאָ פּועלן ביי דעם גוי. און דער איינציקער וואָס וואָלט געקאָנט פּועלן איז משה מרדכי! ער האָט דערייבער שטילערהייט איבערגעשמועסט מיט משה מרדכים אַ געזעלן, יענער זאָל אַ טאָפּ טאָן ביי אים.

משה מרדכי האָט גאָרנישט געוואוסט אַז גאַדעלע וויל אים איינשפּאַנען אין זיין וואָגן. עס איז אים דעריבער פאָרגעקומען ווילד דעם געזעלנס רייד ער זאָל גיין צום קאָמענדאַנט וועגן דער ביבליאָטעק. ער איז גרייט געווען אויסצובייטלען זיינע בייזע חלומות צום יונגס קאָפּ. ווארים ער האָט דאָך נישט מער וואָס צו טאָן נאָר דרייען זיך אַ מח מיט גאַדעלעס לייען שטיבל!

משה מרדכי האָט שוין געוואָלט צוריקנעמען די איינגעפעדעמטע נאָדל און ווייטער ליגן די ווייסע פאַסטריגעס אויף דעם אָנגעהויבענעם מונדירל, דאָ איז אין אים פּלוצים אויפגעגאַנגען אַ געדאַנק, איינגעטלעד בלויז אַן אַמביציע, משה מרדכים אַלטע אַמביציע צו ווייזן אַז ער קאָן טאָן דאָס, וואָס אַנדערע קאָנען נישט!

מיט דער אַמביציע איז שוין אין משה מרדכין אויך אויפגעקומען אַ גיריקער באַגער זיך אָפּצורעכענען מיט גאַדלען. ווארים, ווען אַ שטיינער, אַים געלינגט טאַקע צו פּועלן ביים קאָמענדאַנט מען זאָל אַראָפּנעמען דאָס שלעסל, מעג זיך דאָך דער בית מדרש'ניק געזעגענען מיט דעם לייען שטיבל. ער וואָלט דאָך ביי אים נישט געטאָרט אהיין אריינשמעקן!

משה מרדכים פאַנטאַזיע האָט זיך דאָ אַ צעשפּיל געטאָן! איצט וועט ער האָבן אַ געלעגנהייט צו ווייזן גאַדעלען ווער איז ווער! נאָר זאָגן דעם געזעל וואָס ער טראַכט? דאָס אַ מכה! קודם דאַרף ער זיך נישט ווייסנדיק מאַכן! שטילערהייט דאַרף ער געוואויר ווערן וואו די פּאַפּירן שפּאַרן אַן. ווארים טאָמער זענען זיי שוין אַרויס פון קאָמענדאַנטס רשות איז בעסער מען זאָל גאָרנישט וויסן אַז ער האָט גאָר ס'מויל איינגעריכט! מער פעלט דאָך אים נישט נאָר גאַדעלע זאָל וויסן אַז ער איז געגאַנגען און האָט נישט געפּועלט!

7

גאָר אומגעריכט איז משה מרדכי געוואָרן באַלעבאָס איבערן

לייען שטיבל. און ווי זיין שטייגער האט ער אלעמען געלאזט פילן אז ער איז באלעבאס. קודם האט ער איינגעפירט נייע פאראנדקעס. אנ־שטאט יעדן אוונט האט ער איצט געעפנט דאס לייען שטיבל בלויז דריי מאל א וואך: מיטוואך, פרייטיק און שבת. ס׳שליסעלע האט ער קיי־נעם פון דער האנט נישט געטרויט. געהייסן כלומרשט האט דאס אז אזוי וויל די פאליציי. ער האט ערוב געוועזן אז מ׳וועט אין ביבליאטעק נישט טרייבן קיין פאליטיק, עפנט ער נאר דענצמאל, ווען ער קאן אליין דארטן זיין! דאס איז אבער גאר געוועזן אן אויסרייד! אינדעראמתן האט דאס משה מרדכי געטאן צוליב גאדעלען. זיין גאנץ דרייען זיך א קאפ מיט דער ביבליאטעק איז דאך געוועזן ער זאל קענען גאדעלען ארויסווארפן פון דאנען ווען אלע זען!

גאדעלע איז אבער נישט געקומען! געקומען איז גאר א מענטש אויף וועמען מען וואלט זיך קיינמאל נישט געקאנט ריכטן!

ס׳איז שוין געווען א שטיק אין ווינטער, אין א פרייטיק־צו־נאכטס. ס׳לייען־שטיבל איז געווען געפאקט מיט בחורים און מיידלעך. טייל האבן שטייענדיק איבערגעקוקט די צייטונגען. אנדערע זענען גע־זעסן ארום טיש איבער אפענע ביכלעך. משה מרדכי אליין, מעשה באַ־לעבאס, האט זיך געפארעט ארום ליי־העפט. זינט ער איז אין ביבליא־טעק מוז יעדער אפברענגען די געליענע ביכער אין צייט! ביי משה מרדכין דארף זיין ארדענונג! ער האט ערוב געוועזן דערפאר!

עפעס האט ער גאר געשיינט משה מרדכי! דאס שווארצע מיט וויים געשטרייפלטע אנצוג איז געווען פריש געפרעסט. די ברוינלעכע האר נאסלעך פארקעמט מיט א שארפן שרונט אין מיטן. אין ברוסטן קעשענקעלע האבן ארויסגעשטעקט די שפיצן פון א ניי, בלאַ זיידן טי־כעלע. ער האט זיך אויסגעפוצט, משה מרדכי, גלייך ער וואלט פארגע־פילט אז אן אומגעוואונטשענער גאסט דארף קומען.

פייגעלע קראקאווסקא דאגעגן איז געווען אנגעטאן אין איר גע־ווייגלעכן הולד. קיין סימן נישט פון איר סטודענטישקייט.

מיט פייגעלעס אריינקומען איז אין לייען־שטיבל אנגעשטאנען א פיינלעכע שטילקייט. דאס געוויינלעכע ביסעלע ביבליאטעקן שושקעריי האט אויך אויפגעהערט. אלעמענס אויגן זענען געבליבן צוגעשמידט צו דער טיר, וואו פייגעלע איז געשטאנען. עפעס האט זיך קיינער נישט געגלויבט אז דאס איז טאקע זי, פייגעלע קראקאווסקי!

פייגעלע האט זיך צוליב דער אנגעצויגענער שטילקייט גאר פאר־לוירן. איר בלאס פנים איז אנגעלאפן געווארן מיט אן אומנאטירלעכע

רויטקייט. זי האָט געהאַלטן די טיר קליאַמקע און נישט געוואוסט וואָס צו טאָן. זאָל זי גיין ווייטער אָדער זאָל זי צוריק ארויסגיין?

משה מרדכי, וואָס איז אליין אויך געוואָרן צעטומלט, האָט זיך באַלד געפונען. ער האָט געפילט אַז עס איז זיין חוב דעם גאַסט אויפצונעמען:

— פריילין קראַקאָווסקאַ, האָט ער מיט אַ שעמעוודיקן שמייכל געזאָגט, מ׳מעג נאָך צו אונז אריינקומען.

פייגעלע האָט גוט געפילט דעם לייכטן פאַרוואורף. זי איז אָבער געווען דאַנקבאַר דעם אומבאַקאַנטן יונגנמאַן פאַרן ארויסנעמען זי פון דער שטילער פאַרלעגנהייט:

— אוודאי מעג מען, האָט זי שמייכלדיק געענטפערט און זיך גענומען דערנענטערן צו דער ביכער פּאָליצע.

פייגעלע האָט זיך גענומען פאַרען ארום די ביכער כדי צו אַנטרינען פון די באַהאַלטענע, נייגעריקע בליקן. עס האָט אָבער נישט געהאָלפן. בלויז לפנים איז די אָנגעצויגנקייט אָפּגעפאַלן. פּאַקטיש האָט זיך פייגעלע געפילט דאָ ענג. יעדנס בליק האָט זי באַגלייט וואו נאָר זי האָט זיך געטאָן אַ קער.

נאָך אַ קורצער ווילע האָט פייגעלע ארומגענומען דאָס נאָכגעלאָזטע לאַקירענע רימענטל ארום דער טאַליע און זיך געקליבן גיין. משה מרדכי האָט אויפסניי דערפילט אַז עס איז זיין חוב איר ארויסצואווייזן גאַסט־פריינטלעכקייט. פייגעלע קראַקאָווסקאַ איז נישט אַבי ווער, וואָס קומט און גייט!

זייער עלעגאַנט האָט ער געעפנט פאַר איר די טיר אין פּעדערהויז אריין. דאָרטן איז ער איר פאַרלאָפן דעם וועג ארויס אין דרויסן. ארויסקומענדיק פון פּעדערהויז איז ער אריינגעפאַלן אין אַ געדיכטע פינצטערניש. עס איז געווען אַזוי פינצטער אַז עס איז געווען אוממעגלעך אָפּצושיידן דעם הימל פון ארום. נישט מען האָט געזען אַ שטערן אויבן און נישט קיין ליכט־פונק אונטן. די נידעריקע הייזלעך, אין ביידע זייטן גאַס, זענען געווען ווי איינגעשלונגען אין דער געדיכטקייט, ווי פאַרשוואונדן. דערצו נאָך זענען די בלאָטעס געווען טיף, איבער די קנעכלען.

משה מרדכי האָט געקוקט צו פייגעלען, וואָס איז געשטאַנען לעבן אים, אין דער פּעדערהויז־טיר. עפּעס האָט ער נישט געקאָנט פועלן ביי זיך זי צו לאָזן אוועק אליין, אין דער פינצטערניש. ער האָט אָבער נישט געוואוסט צי די סטודענטקע וועט גערן זען ער, אַ פרעמדער בחור,

זאָל זי אַפּפירן. זי קאָן זיך נאָך באַליידיקן פון אזא פאַרשלאָג. זי קאָן אים נאָך האַלטן פאַר אַ פּראָווינצער חיה! פונדעסטוועגן אַז פייגעלע האָט געזאָגט אַ גוטע נאַכט און געוואָלט נעמען גיין, האָט ער זיך אונ־טערגעשטעלט און אַ פרעג געטאָן:

— פאַננאַ קראַקאָווסקאַ, מעג איך אייך אַרויסבאַגלייטן צו דער לאַמטערן אין מאַרק?

— איר גייט דאָך אַבער אַן מאַנטל.

— דאָס איז אַ קלייניקייט, האָט משה מרדכי שוין דרייסט געענט־פערט.

— אַז איר ווילט, האָט פייגעלע געזאָגט, האָב איך גאַרנישט קעגן!

8

מיט אַמאָל האָט משה מרדכי אָנגעהויבן האָבן צייט. מיט איינ־מאָל האָט ער אָנגעהויבן צו עפענען דאָס לייען שטיבל יעדן אויפּדער־נאַכט. נאָך מער, ער האָט זיך אויפגעהערט צו צאַפּלען איבער דעם שליסעלע. אדרבה, ער האָט עס אַליין פאַרגעלייגט פייגעלען, זי זאָל דאָרטן קומען ווען נאָר זי וויל און טאָן דאָרטן וואָס זי וויל.

משה מרדכי האָט געוואוסט אַז דאָס יונגוואַרג סודעט זיך איבער זיין פּלוצימדיק האָבן צייט... אַז אין דער שטיל לאַכט מען וואָס ער איז אַזוי פאַרכאַפּט געוואָרן פון קראַקעווערס אייניקל. אים האָט דאָס אָבער נישט געאַרט. אדרבה ער האָט געוואָלט מען זאָל וועגן דעם רעדן פראַנק און פריי. אַליין האָט ער נישט געוואָגט פייגעלען צו מאַכן אַן אַנצוהערעניש. פון דער זייט אָבער, האָט ער געוואָלט זאָל עס איר יאָ גרייכן. זאָל זי וויסן וואָס ער פילט וועגן איר. און די שטאָט? ווייל מען מיינט אַז עס איז נישט מעגלעך, וועט ער אַלעמען ווייזן אַז עס איז יאָ מעגלעך! כאָטש צוריקגעשמועסט, פאַרוואָס זאָל עס נישט מעגלעך זיין? משה מרדכי איז דען היינט עפּעס סתם אַ שניידער־יונג? אזא גע־שעפט ווי ער האָט שוין איצט, בחור־ווייז, וואָלטן זיך אַנדערע, אַלטע, איינגעפונדעוועטע מיינסטער געוואונטשן צו האָבן! בפרט נאָך ווען דער אַלטער קראַקעווער איז נישט מער וואָס אַמאָל! ווי מען שמועסט אין שטאָט האַלט שוין דער אַלטער ביים פאַרקויפן ס׳הויז און ערשט נאָך דעם איז נאָך אַ סברא צי ער וועט אַרויס נקי. און זי אַליין, פיי־געלע? וואָס קאָן זי איצט שטיין אין גרויסן? זי איז דאָך אַפילו נישט קיין געענדיקטע סטודענטקע. פאַרוואָס זאָל זי אים איצט נישט ווילן?

משה מרדכי האָט זיך איצט געפילט גאָר האַפּערדיק. מיט אומגע־דולד האָט ער געוואַרט אויף די אָוונטן. דערנאָך האָט ער מיט נאָך מער אומגעדולד געוואַרט מען זאָל פאַרמאַכן די ביבליאָטעק ער זאָל קאָנען פייגעלען אָפּפירן אהיים. און נאָך יעדן מאָל אָפּפירן איז ער געוואָרן אַלץ דרייסטער. איינמאָל האָט ער זי אפילו גענומען אונטערן אָרעם. ער האָט דאָס נישט חלילה געטאָן גלייך, ווי א גראָבער יונג! פריער האָט ער פאַר איר געצויגן דעם הוט און געבעטן דערלויבעניש, פּונקט ווי די פּריצים טוען עס. און אַז פייגעלע האָט מיט א שמייכל אים גע־זאָגט: „אוושעם", האָט ער דערפילט ווי ס'האַרץ קערט זיך אים איבער פון פרייד. טאַקע דענצמאָל האָט ער איר געוואָלט זאָגן ווי ליב ער האָט זי, ווי ער טראַכט שטענדיק פון איר, ווי זי איז אים אַריין אין האַרץ גלייך ביים ערשטן מאָל זי זען אין ביבליאָטעק. ער האָט אָבער נישט געוואוסט ווי אַזוי מ'הייבט אָן מיט א סטודענטקע אַזאַ געשפּרעך. מיט אַן אַנדער מיידל, זיינס גלייכן, וואָלט ער שוין געוואוסט. אַזאַ איינע טוט ער א נעם אַרום, אַ קונצן, און טוט איר א קוש אפילו ווען זי וויל נישט. פייגעלע איז אָבער עפּעס אַנדערש. האָט ער מיט איר גערעדט וועגן אַנדערע זאַכן, וועגן זיין געשעפט, וועגן די אַפּיצערן וואָס טוען זיך אָן ביי אים.

פייגעלע האָט גוט געוואוסט פון משה מרדכים טראַכטעניש. דאָס, וואָס דער קאַוואַליער געדענקט זיך אַלעמאָל אָפּצושטעלן מיט איר פאַר זיין געוועלב, אונטער דער שילד, וואו עס איז אויסגעמאָלט אַן אַפּיצער־סקע מונדיר מיט גענעראַלסקע בארשטן שליפעס, און אונטער דעם שריפט אַראָפּ זיין נאָמען מ. מ. שיינפעלד, ווי ער וואָלט איר שטענדיק אָנגעוויזן: „זעסט ווער איך בין? נישט משה מרדכי טשואיש, נאָר מ. מ. שיינפעלד!" אָט דאָס אַלץ האָט פייגעלען קלאָר געזאָגט וואו זי האַלט מיט דעם יונגן!

פייגעלען האָט די גאַנצע מעשה שטאַרק אַמוזירט. אין איר רעדן צו אים האָט זיך געפילט אַ געוויסע איראָניע, ווי ביי א דערוואַקסענעם, ווען ער ווייזט אַרויס איבערטריבענע ערנסטקייט אין געשפּרעך מיט א קינד. משה מרדכי האָט אָבער די איראָניע נישט געפילט. ער איז געווען אַזוי זיכער מיט זיך אַז אים האָט גאָרנישט געקאָנט איינ־פאַלן אַז זי לאַכט פון אים ווען זי זאָגט אַז א מיידל דאַרף זיך פילן גליקלעך צו קריגן אַזאַ בחור און נאָך מיט אַזאַ געשעפט דערצו. בפרט ווען זי טוליעט זיך דערביי אַזוי צו אים אַז עס פאַרכאַפּט אַזש דעם אָטעם.

ווען מען פרעגט פייגעלען פארוואס זי טוט דאס וואלט זי זיכער נישט געוואוסט וואס צו ענטפערן, סיידן אט אזוי, א שפאס, א שפיל! און עס איז טאקע געווען פאר איר אן אנגענעמער שפאס און א נאך אנגענעמענערער שפיל.די פרוי אין איר האט זיך געפילט זייער צופרידן וואס דער בחור איז אזוי אפגעקאכט געווארן. אין איר איצטיק כמור־נעם לעבן, אין דעם קליינעם שטעטל, איז אזא שפאס ממש אן אפפרי־שונג, ווי אן אומדערוואַרט ביסל זון־שיין.

9

גאדעלע האט דורך זיינע מענטשן גוט געוואוסט וואס איז לייען־שטיבל קומט פאר. מ'האט אים נאך באצייטנס אפגעטראגן אז נישט משה מרדכי איז דארטן איצט באלעבאס, נאר פייגעלע טוט דארט וואס זי וויל. נישט נאר לייען און שפיל־אוונטן ארדנט זי איין, נאר זי האלט אויך גאנץ אפט לעקציעס אויף פויליש און אויף יידיש. גאדעלע איז דעריבער געווען זייער נייגעריק צו גיין א קוק טאן וואס דארטן הערט זיך.

פייגעלע האט גאדלען נישט געקאנט. זי האט בלויז געוואוסט אז אין שטאט געפינט זיך איינער, א גאדעלע מעבליעס, אויף וועמען דער זיידע אירער האט אמאל געזאגט אז אזא קאפ, אזא עלוי דארף מען וויט זוכן! געזען אבער האט זי דעם גאדעלען קיינמאל נישט! דאך, ווי נאר גאדעלע האט געעפנט די טיר פון ביבליאטעק, האט פייגעלע גלייך דערפילט אז דאס מוז ער זיין. עפעס האט איר געטאן א קלאפ אין הארץ, ווי דער מענטש וואלט איר עפעס אנגעקערט, ווי ער וואלט מיט איר געווען פארבונדן דורך אומזעבארע פעדעם.

שוין אין זיין ארייַנקום האט די סטודענטקע דערפילט אז אזא איי־נער וואלגערט זיך נישט אין אלע ווינקעלעך! עפעס האט אן אומגע־וויינלעכער כח געוויעט פון דעם ציגיינער בחור. זיינע דינע, פארשלא־סענע ליפן האבן געברענט מיט עקשנות. קיינער וואלט דאכט זיך אזא עקשנות נישט געקאנט איבערוועלטיקן. זיינע שווארצע, גליאיקע אויגן האבן געקאנט דאס קאלטסטע הארץ צעשמעלצן.

כאטש פייגעלע איז געווען זיכער ווער דאס איז האט זי דאך זיי־טיק א פרעג געטאן משה מרדכין:

— איז דאס נישט אמאל גאדעלע?

משה מרדכי האט נישט באלד געענטפערט. ער איז געזעסן ווי צע־

מישט. זיין גראָב, פֿאַרריסן נעזל איז פּלוצים געוואָרן ווייס. די זומער־שפּרענקעלעך אויף זיין פּנים, וואָס בליִען שטענדיק געדיכט און טונקל, זענען מיט איינמאָל ווי אויסגעלאָשן געוואָרן. גאָדעלעס פּלוצימדיק אריינשטעלן זיך אין ביבליאָטעק האָט אים ממש פּאַראַליזירט. דער עיקר דאָס, וואָס ער קאָן איצט, צוליב פייגעלען, גאָרנישט טאָן דעם בית מדרשניק!

א צוויייענדיקע איבערזיכט האָט משה מרדכין איצט געריפּעט. אים האָט געברענט די פריי̆ד מיט וואָס די לייענער האָבן גאָדעלען באַגעגנט. אָבער נאָך מער האָט אים געשטאָכן דאָס, וואָס פייגעלע איז אזוי היגנעריסן געוואָרן, ווי נאָר זי האָט אים דערזען. נאָך איצט נעמט זי פון אים קיין אויג ניט אראָפּ און אויך ער, כאָטש ער קוקט דאַכט זיך אין אַ ביכל אריין, האַלט ער גאָר אַ ממזרש איינגל אויף פייגעלען.

— יאָ, דאָס איז ער. האָט זיך משה מרדכי ענדלעך דערמאָנט.

פייגעלע האָט אין דעם זאָג דערפּילט אַ געוויסע ביטערקייט געמישט מיט בטול. זי האָט פאַרשנדיק אַ קוק געטאָן אויף משה מרדכין. זי האָט געוואָלט דערגיין פון וואַנען ביי אים אזא בטול און ביטערקייט צו גאָדעלען?

— באַקאַנט מיך מיט אים, האָט זי שטיל צו אים געזאָגט.

משה מרדכין האָט אזש אָנגעהויבן שטיקן אין האַלז. וואָס וויל דאָס מיידל פון אים. ער האָט נעבעך געזוכט זיך ארויסצודרייען פון דעם קנויל וואָס זי וויקלט אזוי נישט ווויסנדיק ארום אים. פייגעלע האָט אים אָבער נישט אָפּגעלאָזט. זי האָט זיך נישט געקאָנט העלפן. שוין דאָס אָטעמען די זעלבע לופט וואָס גאָדל אָטעמט האָט זי געמאַכט אומרואיק. זי האָט געפילט זי מוז מיט אים רעדן. זי מוז אים קאָנען. זי מוז פילן די וואַרעמקייט פון זיין האַנט!

משה מרדכי האָט געזען אז פייגעלע הויבט אים עפּעס אָן פאַרדעכטיקן. ער האָט גיך געטאָן אַ צי ארויף אויף זיין פּנים אזא תמעוואַטע שמייכעלע ווי ער וואָלט גאָרנישט פאַרשטאַנען וואָס זי האָט דאָ אין דעם בית מדרש'ניק דערזען און אַ רוף געטאָן:

— גאָדל! פּאַננאַ קראַקאָווסקאַ וויל זיך מיט דיר באַקאַנען!

גאָדל איז צוגעקומען צום קליינעם טישעלע, וואו פייגעלע איז געזעסן. ער האָט צו איר אויסגעשטרעקט די האַנט און אַ זאָג געטאָן:

— איך האָב אייך געקאַנט.

— און איך אייך נישט, האָט פייגעלע זיך געוויטלט.

משה מרדכי האָט זיך דערפּילט איבעריק. פייגעלע האָט אים מער

נישט געזען. פאר גאַדעלען האָט ער במילא נישט עקזיסטירט. ווען ער שעמט זיך נישט וואָלט ער זיך גלייך אַנגעטאָן און אוועק. ער האָט אָבער געמוזט זיצן, כלומרשט מיט א ביכל אין האַנט, און צוקוקן ווי די צוויי נאַרוואַס באַקאַנט־געוואָרענע האָבן זיך ארומגעכאַפּט איינער מיטן אַנדערן גלייך זיי וואָלטן זיך שוין געקאַנט פון לאַנג נאָר האָבן זיך פּונקט אַזוי לאַנג נישט געזען! אין זייער הינגעריסנקייט האָבן זיי גאָר פאַרגעסן אַז עס איז אַ ביבליאָטעק און מען טאָר דאָ נישט רעדן. אַפילו ווען זיי האָבן זיך אַז דעם דערמאָנט האָבן זיי אויך נישט אויפגעהערט, נאָר רעדנדיק געכאַפּט די מאַנטלען און ארויס אויף דער גאַס. פייגעלע האָט אַפילו יאָ געדענקט אים א רוף צו טאָן:

— קומט שיינפעלד, איר גייט? דאָס איז אָבער געווען פון יוצא וועגן, וואָרים זי האָט זיך אַפילו נישט אומגעקוקט צי ער גייט יאָ אָדער נישט. א טאַנצנדיקע איז זי ארויס און גאַדעלע גלייך נאָך איר.

דרויסן איז געלעגן א פרישער אויסגעפאַלענער שניי. א ווייסקייט האָט געבלענדט ארום און ארום. די לבנה, א פולע, א ווייסע איז געשוואוֹמען און געשפּרייט אַזאַ זעלטענע רו. און עס איז געווען אַזוי שטיל! און די לופט אַזוי לויטער, און דער גאַנג אַזוי גרינג, כאָטש שפּרייט אויס די הענט ווי פליגל און פלי! און גאַדלען און פייגעלען האָט זיך טאַקע געדאַכט ווי זיי פליען. זיי האָבן גאַרנישט געזען ווי זיי זענען אריבער דעם קראָקעווערס הויז און געשפּאַנט ווייטער, ארויס אין דער כשופדיקער נאַכט אריין.

אויף דעם גאַנג האָבן פייגעלע קראַקאָווסקאַ און גאַדל סאַמעט זיך געפונען. אויף דעם גאַנג האָבן ביידע דערזען ווי זיי זענען געשמידט צום זעלבן גורל. זי צו איר יחוס און ער צו זיין עלוישקייט. פּונקט ווי זי, קאָן ער אויך נישט טראַכטן פון נעמען זיך צו נאָדל און פינגערהוט. ער? דער עלוי פון שטאָט? ווער וועט דאָס וועלן אים אוועקנעמען פון דער גמרא און זיך מיט אים שאַפן ווי מיט א לער יינגל? סיידן אוועקפאָרן אין ווייטע לענדער אריין. האָט ער אָבער נישט מיט וואָס און ער האָט אויך נישט דאָס גליק צו האָבן ערגעץ וועמען, וואָס זאָל אים אויסשטרעקן א האַנט און אים העלפן זיך ארויסראַטעווען פון דאַנען.

פייגעלע האָט זיך איינגעהערט אין זיינע רייד נישט נאָר מיט אויערן נאָר מיט אַן אָפן האַרץ. זי האָט זיך אין אים געטוליעט ווי זי וואָלט געוואָלט מיט איר סאַמע וועזן אים העלפן אין זיין הילפלאָזיקייט. איר איינענע הילפלאָזיקייט האָט זי גאָר פאַרגעסן. זי האָט נאָר געדענקט אים, זי האָט נאָר געזען אים, אָט דעם, וועמען נעכטן האָט זי אַפילו

נישט געקאָנט און איצט וואָלט זי גרייט געווען אוועקצוגעבן אים איר גאַנץ לעבן אויב ער זאָל עס נאָר וועלן!

שפּעט ביינאַכט האָבן זיי גענומען גיין צוריק אין שטאָט אַריין. גייענדיק האָט פייגעלע אוועקגעלייגט איר קאָפּ אויף גאָדלס אַקסל. גאָדל האָט זי אַרומגענומען. ער האָט געפילט איר הייסן אָטעם אויף זיין פּנים.

ביים קראַקעווערס הויז זענען זיי געבליבן שטיין. זי איז אויפן וועראַנדע בריקל און ער — אין שניי. פייגעלעס באַקן זענען געווען אָנגעפרוירן, רויט. אירע ווייכע, בלאָנדע האָר — צעווינטלט. זי האָט געשוויגן. ער האָט געשוויגן. די לבנה האָט געשוויגן. די ווייסע נאַכט האָט געשוויגן.

פייגעלע האָט אַ ציטער געטאָן. זי האָט אויסגעשטרעקט איר האַנט. עס איז געווען אַ קליין, ווייס הענטל. גאָדל האָט דאָס הענטל גענומען אין זיינע מענערשע, טונקל־הויטיקע הענט. אַ זיס, נאָגנדיק געפיל האָבן ביידע איבערגעלעבט פון דעם דאָזיקן לאַנגן האַנט־דרוק.

פייגעלע איז אַריין אין שטוב. דורכן פענצטער האָט זי געזען ווי גאָדל גייט אַוועק. זי האָט געזען ווי דער שוואַרצער שאָטן זיינער, ציט זיך אים נאָך איבערן ווייסן שניי. זי איז אַריין צו זיך אין צימער. אין אַנטועכץ האָט זי זיך אַרויפגעוואָרפן אויפן בעט. אַ בענקשאַפט און אַן אומעט איז זי באַפאַלן. איר האָט זיך איצט געדאַכט אַז עס איז אַזוי לאַנג, אַזוי ווייטיקדיק לאַנג ביז פרייטיק, ווען זי וועט ווידער קאָנען זען גאָדל סאַמעט.

10

יענע נאַכט איז משה מרדכי גאָר געווען צערודערט. ווי נאָר פייגעלע און גאָדל זענען אוועק האָט ער זיך אַרויסגעשליכט פון לייענשטיבל. אַ קורצע ווײַלע איז ער געשטאַנען פאַר דער טיר. ער האָט געקוקט אויף די פרישע טריט, וואָס גאָדל און פייגעלע האָבן נאָרוואָס געלאָזן נאָכזיך אין שניי. פייגעלעס קליין טריטל האָט זיך נאָכגעצויגן אַזוי זיג־זאַגיק נאָך די גרעסערע טריט פון בית מדרשניק.

ביזן מאַרק האָט משה מרדכי נאָכגעפאָלגט די דאָזיקע שפּורן. אין ראָג, לעבן זיין געוועלב, איז ער געבליבן שטיין. ער האָט זיך אַרומגעקוקט. עס איז געווען שטיל. אַ מין ווייס־בלענדנדיקע שטילקייט! די הייזער זענען געשלאָפן אונטער ווייס־פּוכיקע צודעקן. קיין לעבעדיקן דור האָט מען נישט געזען. בלויז אַרויף, ביים וועג, האָט זיך געזען

אַן איינציק שליטעלע און דער אויסגעצויגענער שאָטן פון פערד. יע־דערסמאָל ווען דאָס פערד האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ האָט זיך אין דער שטילקייט צעטראָגן אַ דין געקלאַנג פון קליינע גלעקעלעך.

משה מרדכי איז אַריין צו זיך אין ווערקשטאָט. ער איז לאַנג גע־זעסן אויפן בעטל. דער שטאָט זייגער האָט געשלאָגן צוויי, דריי און אים האָט די נאָגעניש אין האַרץ נישט נאָכגעלאָזט. דער ווערקשטאָט איז געווען פול מיט פייגעלעך. ער האָט זי געזען אין סטודענטן היטל מיטן לאַקירענעם דאַשיקל. ער האָט זי געזען אין ווייסע זומער־קליי־דער, אַזאַ ווי זי פלעגט קומען אויף וואַקאַציע און אַט, איצט, מיט גאַ־דעלען! אַך, ווי זי האָט דאָס פריידיק געלאַכט ביים אַרויסלויפן מיט אים פון לייען־שטיבל!

אַוודאי וואָלט ער געקאָנט מיט איין פּיפּס פאַרמאַכן דאָס לייען־שטיבל און אויס מיט גאַדעלען! וואָס וועט אָבער פייגעלע זאָגן? אַט הערט ער זי דאַכט זיך לאַכן אויס אים. וואָס איז דער מער? אַז מ׳גייט מיט אַ מענטש אַ פּאָר טריט איז שוין? געקויפט? וואָס מיינט ער, זי האָט פאַרלוירן דעם קאָפּ? ווי קומט זי צו אַזאַ צלאָפּ? ער האָט דען אויף אַ פּאַפּיראָס דער גרויסער עלוי?

משה מרדכי איז ענדלעך איינגעשלאָפן.

צומאָרגנס איז ער געקומען אין ביבליאָטעק אַריין גאָר אַן אַנדער מענטש. דעם ווידערווילן צו גאַדעלען און די האַרטע טראַציקייט האָט ער איצט פאַרשטעקט, באַהאַלטן. ער האָט זיך איצט נישט אָוועקגע־רוקט ווי נעכטן, אַ ברוגזער. ער האָט אויך היינט נישט געוואַרט פייַ־געלע זאָל אים רופן און ער זאָל איר געבן אַן אָנגעבלאָזענעם דאַנק. אַ, ניין! ער האָט היינט פריער אונטערגעטראָגן פייגעלען דעם מאַנטל און זיך אַליין געגרייט זי אָפּצופירן. אויב עמעצן מיט־רופן, זאָל זי מיט־רופן גאַדעלען. אויב עמעצער דאַרף אָפּטרעטן, זאָל גאַדעלע אָפּטרע־טן!

משה מרדכי האָט געמיינט אַז אַזוי אַרום וועט פייגעלע אַליין דער־ווייטערן דעם בית מדרש׳ניק. ווערים, וואָסער פּנים האָט דאָס אַרומ־שלעפּן זיך מיט צוויי בחורים אויף אַמאָל? צום סוף האָט ער אַליין זיך געמוזט דערווייטערן. פייגעלע האָט אים חלילה גאָרנישט געזאָגט! אדרבה, זי שענקט אים נאָך מער אויפמערקזאַמקייט ווי פריער. ער זעט אָבער אַז ער איז דאָ בלויז אַ צוגעטשעפּעט פערד צו אַן איינגע־שפּאַנטן וואָגן. ווען נאָר ער וויל אַריינשטעלן אַ וואָרט, פאַרפירן אַ שמועס וועגן ערנסטע זאַכן, וועגן פּרנסה, טוט אים פייגעלע גלייך אַ

האק אָפּ: „שיינפעלד, שוין ווידער מיט אייער שניידעריי?" גאָדלעז זאָגט זי קיינמאָל נישט: „סאַמעט, שוין ווידער מיט אייערע ביכער!"

מילא, וואָלט זי אים, משה מרדכין, איינמאָל פאַר אַלעמאָל גע־זאָגט: „הערט, שיינפעלד, שלאָגט זיך ארויס דאָס נאַרישקייט פון אייער קאָפּ". טוט זי דאָס אָבער נישט! פאַרקערט, נאָך יעדן מאָל איבער־שלאָגן אים אין געשפּרעך טוט זי אים אַ נעם אונטער דעם אָרעם און דריקט אים צו זיך, עפּעס ווי זי וואָלט אים געוואָלט איבערבעטן פאַר איר נאַרישן זאָג.

פאַרוואָס טוט זי דאָס? איז דאָס דערפאַר ווייל מיידלעך האָבן ליב צו זיין אַרומגערינגלט פון אַ סך בחורים? משה מרדכי האָט אָבער נישט ליב צו זיין איינער פון אַ סך! אַפילו נישט איינער פון צוויי! בפרט אַז דער צווייטער איז גאָדלעז!

משה מרדכי האָט איינגעזען אַז מיט אַזאַ נאָכשלעפּן זיך וועט ער פיינעלען נישט געוואונען. גאָדלעז קאָן שענער רעדן פון אים. ווען ער האָט געשוויצט איבער די שווערע פּרעס־אייזנס האָט דער בית מדרש'ניק פאַרט געפּוסטע־פּאַסעוועט איבער ביכער און ספרים. ער האָט דעריבער שטילערהייט זיך גענומען דערווייטערן פון דער ביב־ליאָטעק און זיך דערנענטערן צום אַלטן קראָקעווער. ביים אַלטן זענען דאָך ביכער און שיינע רייד געווים פון קנאַפּן יחוס! זאָל נאָר דער אַל־טער קראָקעווער מסכים זיין וועט שוין פיינעלע מוזן וועלן!

דערווייל איז דער ווינטער אוועק. עס איז געוואָרן פּסח, פרילינג! לינדע ווינטן האָבן צעשמאָלצן ס'אייז. פעלדער האָבן זיך אָפּגעדעקט. פריש גראָז האָט אַרויסגעשפּראָצט, ביימער האָבן זיך צעגרינט. פּונקט אַזוי האָט געגרינט משה מרדכים האָפנונג אויפן אַלטן. כאָטש די שלוחים, וואָס ער האָט אַלעמאָל אונטערגעשיקט, זענען צוריקגעקומען מיט דעם אייגענעם פּזמון, ער זאָל זיך דאָס משוגעת אַרויסשלאָגן פון קאָפּ, דער אַלטער וויל אַפילו נישט הערן דערפון, האָט דאָך משה מרדכי זיין אַמביציע נישט אויפגעגעבן, גאָדלעז אויף צעלאָכעס!

איינמאָל האָט זיך משה מרדכי אונטערגעשטעלט אויף אַן אומ־געוויינלעכער זאַך!

דאָס איז געווען אין אַ שבת פאַרנאַכט, אַ שטיק נאָך שבועות. משה מרדכי, ווי זיין שטייגער, איז געשטאַנען אַן אויסגעפּוצטער אויפן בריקל פון זיין געוועלב. פאַרביי אים, אויף ביידע זייטן גאַס, האָבן גע־צויגן יונגוואַרג, בחורים און מיידלעך, אויסגעפּוצטע, שבתדיקע. מיט טייל האָט ער זיך געגריסט. טייל האָבן אים גערופן:

— קום מיט, שיינפעלד, פייגעלע גייט האלטן א פארלעזונג.

משה מרדכי האט נישט געוואוסט פון דער פארלעזונג און עס האט אים נישט אינטערעסירט אויך. ער וואלט אבער געוואלט גיין. שוין אזוי לאנג ווי ער האט נישט געזען פייגעלען פון דער נאנט! אדרבה, זינט ער האט אויפגעהערט צו קומען אין דער ביבליאטעק, פילט ער ווי ער ווערט אלץ מער דערווייטערט פון איר! פון די שלוחים האט זיך גארנישט אויסגעלאזט. דער אלטער איז איינגעשפארט. עס שטייט אים נישט אן דער יחוס. משה מרדכים הארץ וויל אבער נישט וויסן פון קיין יחוס! דער אומעט, די נאגעניש, וואס איז אים באפאלן יענעם אוונט, ווען פייגעלע איז ס'ערשטע מאל אוועק מיט גאדלען, וויל אים נישט נאכלאזן.

משה מרדכי איז אראפ פון בריקל. ער האט גענומען גיין, כאטש ער האט נישט געוואוסט וואוהין ער גייט. ער האט געוואנדערט סתם אזוי דורך זייטיקע געסלעך. ס'קאן זיין אז געוואלט גיין האט ער איז ביבליאטעק אריין, נאר פארקראכן איז ער גאר אויסער דער שטאט, דארט וואו עס געפינט זיך דעם קראקעווערס הויז.

משה מרדכי האט זיך געדרייט פון דערווייטנס. ער האט גע־קוקט צו דעם קליינעם האלטאנקעלע מיט דעם רויט־געפארבטן בריקל. אהער האט ער אזויפיל מאל אפגעפירט פייגעלען, דא איז ער מיט איר געשטאנען שפעט אין די נעכט, און איצט?

עס איז געווארן פינצטער. אין טונקל בלויען הימל האט א שטערן אויפגעבליצט. אין קראקעווערס הויז האט א ליכט אויפגעלויכטן. אין דער ליכטיקער שטוב האט זיך געזען די געשטאלט פון אלטן. א ווייסע בארד און א סאמעטענער קאשקעט איז געגאנגען הין און צוריק איבער דער גרויסער שטוב און געברומט שבתצונאכטסטיקע זמירות. באלד איז אריינגעקומען פון קיך די אלטע קראקעווערן. זי האט גע־האלטן אן אנגעצונדענע הבדלה אין איר קליינעם הענטל. פאוואליע האט זי זיך צוגעשארט צום טיש. דער אלטער איז צוגעקומען. ער האט אנגעגאסן א בעכער וויין און זיך גענומען שאקלען צוזאמען מיט דעם גרויסן שאטן אויף דער וואנט. דורך די אפענע פענצטער, ווייט אין די זומערדיקע פעלדער אריין, האט זיך צעטראגן א שטיל און לויי־טער זאגן: „הנה אל ישועתי אפחד ולא אפחד!"

משה מרדכי האט זיך לאנג געדרייט פאר דעם קראקעווערס טיר. ענדלעך האט ער זיך שטילערהייט אריינגעשליכט:

— גוט־וואך, האט ער זייער נישט דרייסט געזאגט.

דער אלטער איז אין דער מינוט געווען פארנומען מיט גלייך לייגן דעם שבתדיקן טלית. ער האט געהאלטןביידע טלית־עקן אין די צע־שפרייטע הענט און דעם מיטן אונטער דער בארד. אט אזוי האט ער זיך אויסגעדרייט צו דער טיר.

דער אלטער קראקעווער האט לאנג געזשמורעט מיט די אויגן. עפעס האט ער זיך ניט געוואלט גלויבן אז משה מרדכי האט זיך אונ־טערגעשטעלט אליין אהער צו קומען.

— גוט יאר, האט ער ענדלעך געענטפערט און זיך צוריק אויסגע־דרייט צום טיש.

ר׳ ישראל קראקעווער געהער חלילה נישט צו די מענטשן וואס זע־נען יענעם מבייש. ער איז אבער א האנאראווער ייד! ער גלויבט נישט אין קיין באהעלטעלעך. אויב ער האט עמעצן פיינט, לאזט ער דאס יענעם פילן. און משה מרדכין האט ער גאר פיינט! ערשטנס ווי נעמט דאס א יונג און גייט אזוי רציחהדיק אויף יענעמס פרנסה? וואסי, די וועלט איז קליין? מילא, אים האט א גוי צוגענומען דאס שטיקל ברויט. אבער א ייד זאל קאנען אזעלכעס טאן! און נאך אז אייגענעם מיינסטער, וואס האט דיך אראפגענומען פון מארק און גע־מאכט פון דיר א מענטש! חוץ דעם, וואס האט זיך דער יונג אויף אים אנגעזעצט מיט שדכנים? דער סמארק מיינט אוודאי אז ישראל קראקעווער האט פארלוירן ס׳ברויט האט ער שוין אויך פארלוירן דעם האנאר? אויב אוים פאדראטשיק, וועט ער נעמען פייגעלען און זי אי־בערגעבן צו א ליאדע לאבוז, צו רויזעלע טשואישס זינדל? נאר מילא, א מענטש טאר מען דאך נישט מבייש זיין:

— וואסטו זאגן גוטס, האט ער, נאכן צולייגן דעם טלית, זיך צו־ריק געווענדט צו משה מרדכין, דערביי האט ער ארויסגערוקט א רויט־פליושענע שטול: — זיץ, מילא, עמע הערן וואס האסט צו זאגן.

משה מרדכי האט אייננטלעך בדעה געהאט פראסט און פשוט צו עפענען ס׳הארץ פארן אלטן. ער האט געוואלט איבערשמועסן מכח דעם, וואס מישטיינסגעזאגט איז דען היינט יחוס? און וואס איז ער דען שולדיק אז זיין טאטע איז נישט געווען קיין קראקאווסקע? אבער ער, משה מרדכי, גייט אין גלייכן וועג? פייגעלען וועט ער ערלעך האלטן? און דער עיקר, ער איז דאך גרייט זי צו נעמען אפילו אין איין העמד! און זאל האלטן דערביי וועט ער אפילו זען מ׳זאל נישט דארפן פארקויפן ס׳הויז...

אט, מיט דעם איז ער אייגנטלעך אהערגעקומען. נאר דערזעענדיק

ווי דער אלטער מעסט אים אזוי קאלט אפּ, ווי ער זשמורעט אויף אים מיט די אויגן, האָט ער ממש פארלוירן ס׳לשון! ער האָט גאר גענומען רעדן וועגן גאָדלען. דאכט זיך א בית מדרשניק, א צדיקל, א יחוס, פונדעסטוועגן שלעפּט ער ארום פייגעלען גאנצע נעכט איבער די פעל־דער, הינטער די גערטנער...

דער אלטער קראַקעווער איז געוואָרן אַ אנגעצונדענער! די ווייַסע באָרד האָט אזש ביי אים אָנגעהויבן צו ציטערן. הא, אזא שייגעץ! בילבולים גאר? משה מרדכילע זוכט חטאים אויף פייגעלען?

— ארוים פון מיין שטוב דו לאַבוז־יונג!

11

עס קאָן זיין אז משה מרדכי וואָלט דעם פּאַטש אין פּנים ארונ־טערגעשלונגען און פארגעסן. אפשר וואָלט ער אַלץ געהאַפּט אויף פייגעלען און אפשר נישט. האָבן אים אָבער פייגעלע און גאָדעלע נישט געלאָזט פארגעסן!

דורך דער צייט וואָס ער האָט אויסגעמיטן ס׳לייען שטיבל האָט גאָדעלע זיך גאָר צעפירט די הענט. צוזאמען מיט פייגעלען האָט ער שטילערהייט געגרינדעט א פאראיין. אויבן אויף האָט דער פאראיין קיין שייכות נישט געהאַט מיט דעם לייען שטיבל. גאָדעלע איז געווען פּאַרזיכטיק גענוג צו רופן די געהיימע זיצונגען ביים דענטיסט אין הויז. דאָס האָט זיין קעפּעלע אזוי אויסגעפּלאַנעוועט. צום דענטיסט מעג קו־מען יעדער איינער. קיינעם וועט דאָך נישט איינפאלן אז עמעץ קומט דאָרטן צוליב עפּעס אנדערש ווי זיך היילן די ציין.

דורכן זומער האָט דער פאראיין זיך גוט איינגעפעסטיקט. פאר די יום טובים האָבן זיך אָנגעהויבן סטרייקס. גאָדעלע האָט דאָס פון באהעלטעניש־אויס געמאַכט שאַ־שטיל. די פּאָליציי זאָל נישט ווערן אויפפאַלנד האָט ער די סטרייקס גערופן איינציקווייז. די באַלעבאַטים האָבן זיך נישט געקאָנט העלפן. ערב יום טוב! ס׳ביסל ארבעט ברענט! האָבן זיי געמוזט נאָכגעבן.

משה מרדכי האָט עפּעס יאָ געוואוסט פון דער מעשה. ער האָט זיך אָבער געמאַכט נישט וויסנדיק. ערשטנס: וואָס גייט עס אים אָן? צווייטנס, ווען ער זאָל עפּעס זאָגן וואָלטן די גוים אין מאַגיסטראַט אים אויסגעריסן די אויגן. אזוי האָסטו ערוב געווען, שיינפעלד? אויף דיין גוט־זאָגן האָט מען דאָך געלאָזט די לאַבוזעס זיך צונויפקומען!

משה מרדכי האָט אָבער נישט געקאָנט שווייגן ווען גאָדעלעס פאַראיין האָט זיך צו אים א נעם געטאָן. גאָדעלע און פייגעלע האָבן ווייזט אויס זיך נישט גערעכנט מיט דעם וואָס ער איז משה מרדכי. א באַלעבאָס איז ביי זיי א באַלעבאָס! זיי האָבן בלויז געוואָרט אַז ביי אים זאָל אויך ווערן ערב יום טוב.

טאַקע פּונקט פאַר די חגאות, ווען ער איז געווען פאַרוואָרפן מיט אַרבעט איבערן קאָפּ, האָבן זיך אַריינגעיאָוועט צוויי פרעמדע יונגען, נישט אַפילו זיינע געזעלן, מיט דעם באַקאַנטן פּזמון: „אַזוי און אַזוי, לאַנגע שטונדן, קנאַפּע שכירות, דעריבער, נו, ער ווייסט דאָך, משה מרדכי, וואָס? מ'דאַרף אים לייגן א פינגער אין מויל אַריין?"

אין אַן אַנדער צייט וואָלט משה מרדכי אויסגעהערט אַזאַ שפּרוך אויף זיין שטייגער, מיט א וויץ, מיט א קלאַפּ איבער דער פּלייצע. ער וואָלט מסתם זיך געמאַכט תמעוואַטע: „וואָסי, מיינע געזעלן זענען חלילה שטום? זיי דאַרפן פרעמדע פירשפּרעכער?" דעריבער וואָלט ער זיך געדינגען, א גילדן אַראָפּ, א גילדן אַרויף ביז ער וואָלט מיט זיי מושווה געוואָרן. דער עיקר אָבער, מ'וואָלט ביי אים נישט גע־סטרייקט. בפרט ערב די חגאות! איצט אָבער איז געווען עפּעס אַנ־דערש! משה מרדכין איז נאָך נישט פאַרגאַנגען דער פּאַטש, וואָס ער האָט געכאַפּט פון אַלטן קראַקעווער, אָט דאָס אַזוי מיאוס אַרויסגעוואָר־פן ווערן פון אַלטנס הויז. די טיפע וואונד אין האַרץ, וואָס פייגעלע האָט ביי אים געלאָזן, איז נאָך אויך נישט געווען פאַרהיילט. ער האָט נאָך אַלץ נישט געקאָנט שלום מאַכן מיטן געדאַנק אַז גאָדעלע זאָל אים אַזוי מיאוס באַזיגן, פייגעלע זאָל אַפילו נישט וועלן קוקן אין זיין זייט אַריין, נאָך די אַלע שלוחים, וואָס ער האָט אונטערגעשיקט, נאָך דעם גאַנצן דערנידעריקן זיך אין אירע אויגן! דערפאַר האָבן די צוויי יונ־גען פון פאַראיין ביי אים איצט אויסגעזען אינגאַנצן אַנדערש. זייערע טענות האָבן אים געקלונגען ווי א מלחמה דערקלערונג, א מלחמה פון פייגעלע מיט גאָדלען קעגן אים, משה מרדכין! נו, אויב מלחמה, איז מלחמה!

משה מרדכי האָט גראָד געהאַלטן אין מיטן צושניידן א מונדיר, ווען די יונגען זענען צוגעקומען צום גרויסן שניידער־טיש. אויסהערנ־דיק זייערע טענות האָט ער אַרויסגעלייגט די גרויסע שער פון האַנט, אַראָפּגעשלעפּט דעם צענטימעטער פון קאַרק און זיך געטאָן א שטעל אָפּער פון הינטערן טיש מיט אַזאַ רוגזה אַז ער האָט אַזש געציטערט:

—און אַז כ'על נישט נאָכגעבן, וואָס עט עץ מיר טוען? הייסן

גאָדלען מיר אַראָפּטרייבן דעם קאַטער פון דאָרך?
נאָך דעם זאָג איז ער צוגעפלויגן צו די מאַשינען און גענומען רייסן די אַרבעט פון די געזעלנס הענט:

— אַרויס, אַרויס! האָט ער געשריגן, עס קאָנט שוין סטרייקן!

די געזעלן זענען געוואָרן צעטומלט, בלאַס. זיי האָבן זיך איבערגעקוקט איינער מיטן אַנדערן. איין געזעלן, אַ ייִנגל נאָך, האָט געבעטן געוואָלט איבערבעטן דעם דערצערנטן מייַנסטער. ער האָט געפּרוואָווט צוריק נעמען דאָס שטיקל אַרבעט אין האַנט אַריין. משה מרדכי האָט עם אָבער גלייך געטאָן אַ ריס אַרויס:

— איך האָב געהייסן גיין!

די יונגען האָבן זיך אויפגעשטעלט. נישט דרייסט האָבן זיי אַרויפגעצויגן די פּאַלטנס און איינער הינטערן אַנדערן אַרויס פון װערקשטאַט. די צוויי פרעמדע געזעלן האָבן אויך גענומען גיין. ביי דער טיר שוין האָט איינער אַ זאָג געטאָן:

— משה מרדכי, וועסט דאָס באַדויערן. אַרבעטאַרער רופן אַזעלכעם לאָקאַוט!

— פון מייַנעטוועגן קאָנסטו דאָס רופן „יאַנטשע באַנדע", האָט משה מרדכי זיי געענטפערט און פאַרהאַקט נאָך זיי די טיר.

12

משה מרדכי האָט זיך איצט אַ נעם געטאָן צו דער מלחמה נישט נאָר מיט פאַרביטערטקייט, נאָר אויך מיט אַן אויסגערעכנטן פּלאַן. די יונגען סטרייקן? געזונטערהייט! ער וועט זיך גאָרנישט וויסנדיק מאַכן! זאָלן די שררות פון פעסטונג און פון מאַגיסטראַט זיך זאָרגן. זאָלן זיי נאָר קומען נאָך די יום טובדיקע מונדירן! דערווייל האָט ער זיך גענומען איבערדעקן די מאַשינען, פאַרהענגען די צונויפגעסטריגעוועטע שטיקלעך אַרבעט. אז אַן אָפיציר וועט אַריינקומען זאָל עס מאַכן אַן איינדרוק, יום טוב! נאָך דעם אַלעמען איז ער זיך אַרויסגעגאַנגען אויפן בריקל. ס'זאָל אים גאָר אָנהויבן אַרן!

צומאָרגנס האָט זיך צו משה מרדכין אַראָפּגעלאָזט אַ שררה פון פעסטונג. דאָס איז געווען אַ הויכער, שוואַר־לייביקער גוי מיט אַ גרויסן קאָפּ, מיט דיקע, בעזעמדיקע ברעמען און גראָבע, אַראָפּהענגענדיקע וואָנצעס. צוליב דעם וואָס דעם גוי פלעגט אָנקומען שווער דאָס גיין, פלעגט ער שטענדיק זיין אין כעס. צוליב דעם שטענדיקן כעסן זיך

פלעגט ער נישט קאָנען כאַפּן דעם אָטעם און פּראַכן ווי א גאַנז.

משה מרדכי האָט פאַר דעם שרדה ברייטלעך אַז עפּן געטאָן די טיר. די יום טובדיקייט פון ווערקשטאָט האָט דעם גוי א שלאָג געטאָן אין פּנים. נאָך איידער ער האָט אנידערגעלייגט דאָס שווערע געזעם אויף דער שטול, וואָס משה מרדכי האָט אים גיך אונטערגערוקט, האָט ער א פרעג געטאָן:

— מוישע מאַרדעק, וואָס איז דאָס? ערב יום טוב?

משה מרדכי האָט אזוי אומשולדיק געשמייכלט. אָט דאָס האָט ער געוואָלט! איצט וועט מען זען ווער עס וועט אויספירן די מלחמה, ער אָדער פייגעלע מיט גאַדעלען? פּאַוואַליע און רואיק האָט ער זיך צו־גערוקט א שניידער טאַבערעטקע נאָענט לעבן גוי און אים זייער געמיט־לעך פאַרטרויט:

— אונדזער פאַן קאָמענדאַנט האָט געמיינט אַז ער איז באַלעבאָס אין שטאָט! גאַדל סאַמעט און זיין ליובאַוויניצע, פייגע קראַקאָווסקאַ, זאָגן, אַז זיי זענען די באַלעבאַטים! אַז זיי הייסן אוועקלייגן די אַר־בעט, לייגט מען אַוועק אפילו ערב חגא!

דער גוי האָט געפינגלט מיט די קליינע אייגעלעך פון אונטער די שווערע ברעמען־בעזעמס אפער דאָ אויף משה מרדכין, דאָ אויף די צו־געדעקטע מאַשינען. עפּעס האָט דער גרויסער קאָפּ זיינער נישט גע־קאָנט גלייך באַנעמען: „וואָס הייסט עס דער קאָמענדאַנט איז נישט דער גאַנצער באַלעבאָס אין שטאָט?" פון גרוים רציחה האָט ער אָנגע־הויבן פּראַכן נאָך שווערער. ער האָט קוים געקאָנט ארויסהוסטן:

— אָט אזעלכע קאַנאַליעס! אָט דאָס איז זשידאָווסקע חוצפה! אונטער אונזער נאָז?

משה מרדכי האָט דעם צערייצטן גוי גענומען באַרואיקן. ער האָט מורא געהאַט טאָמער לויפט דער אויפגערעגטער גוי און הייסט שוין איינזעצן די גנזעלן אין חד גדיא אריין. דאָס וואָלט זיכער נישט גע־טויגט! נאָך אַלעמען מיינט ער דאָך נישט די גנזעלן. מיט זיי דאַרף ער דאָך אַרבעטן! פאַר זיי וועט געננוג זיין מענדל „סטאַטעק". ער וועט זיי שוין לערנען סטרייקן!

— מיינסט פּריצל, די גנזעלן זענען, גאָט באַהיט, שולדיק? האָט משה מרדכי נאָך נענטער זיך צוגערוקט צום גוי. חלילה! דאָס איז אַלץ גאַדל סאַמעט מיט זיינע ארויסהעלפער.

משה מרדכי איז אריין אין דער פּאַרע. זיצנדיק לעבן דעם מעכ־טיקן גוי מיט דער עלעגאַנטער שווערד ביי דער זייט האָט ער געמיינט

די וועלט איז זיין. ער האָט אַנגערופֿן און אויסגערעכנט אַ גאַנצע רייע מיט נעמען פֿון די אַלע וואָס האָבן אַ שייכות געהאַט מיט די לעצטע סטרייקן. פּונקט ווי דער גוי האָט געבראַכט הערנדיק, אַזוי האָט ער געסאַפּעט דערציילנדיק. אויך ער האָט געזאָטן פֿון כעס. דאָס איז אייגנטלעך געווען דער האָס צום אַלטן קראַקעווער פּאַר דער בושה, וואָס ער האָט אים אָנגעטאָן און אים ארויסגעטריבן פֿון שטוב. דאָס איז אויך געווען דער האָס צו גאַדעלען, וואָס איז דער וויכטיקסטער שלאַכט, האָט ער אים באַזיגט. נאָר דער עיקר איז דאָס געווען יענער האָס, וואָס קומט געוויינלעך צו פֿאַרליבטע ווען זייער ליבע ווערט אַזוי אָפּן צוריקגעוואָרפֿן!

דער גוי מיט דעם נאָטיץ ביכל אין האַנט האָט הערנדיק זיך אַזש באַלעקט פֿון דעם גרויסן פֿאַנג, וואָס וועט דאָ באַלד צו אים אריינפֿאַלן. אין זיין פּאָליצייסקע פֿאַנטאַזיע האָט ער זיך שוין געזען שטיין פֿארן קאָמענדאַנט, ווי יענער קלאַפּט אים איבער דער פּלייצע פֿאַר זיין גע־טריישאַפֿט צו דער „אויטשיזנע", פֿאַר זיין העלפֿן אויסרוימען די רויטע קאַנאַליע! ער האָט אויך שוין געזען דעם מעדאַל, וואָס מען וועט אים אוודאי צושפּילען צו דער ברוסט!

נאָכן פֿאַרשרייבן פּאַרזיכטיק יעדן נאָמען האָט זיך דער גוי ענד־לעך אויפֿגעשטעלט אַ פֿראַכטנדיקער און צופֿרידענער. ער האָט ארויפּ־געלייגט זיין מעכטיקע האַנט אויף משה מרדכים אַקסל:

— נישט געזאָרגט, מוישע מאָרדעק! מ'וועט שוין ביי דיר אַר־בעטן!

נאָך דעם גוים אוועקגיין האָט ערשט משה מרדכי אָנגעהויבן איינ־זען וואָס ער האָט דאָ אָפּגעטאָן. איצט, אַז דער כעס איז אים אוועק. האָט ער זיך אָנגעהויבן באַרעכענען. ער האָט זיך דערפֿילט שולדיק. און פּונקט ווי יעדער איינער, וואָס וויל פֿאַרטויבן אין זיך אַ נאַגענדיק שולד געפֿיל, זוכט זיך גערעכט צו מאַכן, אַזוי האָט איצט משה מרדכי געזוכט זיך צו געבן גערעכט: „זיי האָבן דאָך געוואָלט מלחמה, איז אינדערערד אריין מיט די קעפּ!"

משה מרדכי האָט גענומען שפּאַנען איבערן וועריקשטאָט. ער איז געווען זייער צערייצט. אים האָט גערייצט די אָנגעוואָרפֿנקייט, די בערג אָנגעהויבענע ארבעט, די צוגעדעקטע מאַשינען און דער עיקר די געזעלן, וואָס הערן נישט אויף צו פּיקעטן היז און צוריק הינטער די פֿענצטער.

משה מרדכי האָט געפּרוּווט נעמען אַ שטיקל ארבעט אין די הענט

אריין. זיינע הענט האָבן זיך אָבער נישט געלייגט צום טאָן. די הענט האָבן איצט געוואָלט עפּעס אנדערש טוען, ווערגן, שלאָגן, רייסן פּאַסן! ער האָט זיך אויפגעשטעלט און געכאַפּט אויף זיך אַ קורצע ווינטער מארינארקע. ער האָט גיך פארשלאָסן דעם ווערקשטעל. פאַר אַ ווײַלע איז ער געשטאַנען אויפן בריקל און געקוקט אויף די גאַסן, וואָס זע־נען געווען געפּרוירן פון דרייען זיך הין און צוריק אין דער קעלט. ער האָט זיי געוואָלט זאָגן אַז זיי וואָלטן זיך געמעגט שעמען! זיי, וואָס האָבן נאָך געאַרבעט מיט אים צוזאַמען ביי יענעם באַלעבאָס, זאָלן זיך לאָזן אָנרעדן פון גאַדעלען און אים אָפּטאָן אַזאַ מעשה. וואָסי, זיי האָ־בן נישט געקאָנט צוקומען ווי „פּשיאַטשעלעס" און בעטן נאָך אַ פּאָר גילדן? ער האָט זיי צוגעוואָרפן אַ בייזן, זייטיקן בליק און איז גיך אריין אין דער גויאישער שענק.

אין דער דאָזיקער שענק זיצט שטענדיק מענדעלע „סטאַטעק". דאָרטן פירט ער טיש מיט זיינע אונטערטאַנער. דער מענדעלע איז אַמאָל געווען משה מרדכים אַ רבי. גאָר אַמאָל, ווען משה מרדכי האָט געשטעקט די קליינע הענטלעך אין פרעמדע פעסער אויבסט, איז מענ־דעלע שוין געווען אַ פאַלנער באַלמעלאָכע! ארויסציען אַ טייסטער געלט פון עמעצנס אַ בוזעם איז ביי אים געווען ווי טוען אַ ווייטן שפּיי! שפּעטער, ווען משה מרדכי איז געוואָרן אַ שניידער איז מענדל געוואָרן גאָר אַ לייט. ער איז געוואָרן גאַנצער באַלעבאָס איבערן באַר־דעל און געהאַט זיין אייגנס אַ גאַנצע גווארדיע מיט כלות! אוודאי וואָלט משה מרדכי דערנצמאָל זיך נישט צוגעזעצט אַזוי אָפּן צו מענ־דעלעס אַ טישל ווי ער טוט דאָס איצט. דאָס איז אָבער געווען דענצ־מאָל! היינט איז מענדל „סטאַטעק" אַ שיינער ייד צוגלייך מיט משה מרדכין. זיינע דריי אויטאָבוסן לויפן צווישן ווארשע און לובלין יעדן טאָג אין דער וואָך. טאַקע פון דער שענק ארויס פירט ער דאָס אַז זיינע אויטאָבוס געשעפטן וואָס גערונגענע יונגען טרייבן פאַר אים.

משה מרדכי איז איצט געקומען צו מענדלען ווי צו אַן אלטן „פּשיאַטשעל". ער האָט זיך נעבעך פאַר אים אראָפּגערעדט פון הארץ ווי פאַר אַן אייגענעם מענטש.

מענדעלע איז זייער גערירט געוואָרן פון דעם וואָס די „ממזרים" די שניידערוקעס, האָבן אָפּגעטאָן „ אַ נאַשבראַט"! ער האָט אַ פּאַטש געטאָן אין טישל אריין אַזש די ביר גלעזער האָבן זיך צעקלונגען:

— אוי קינדער, איך האַלט דאָס נישט אויס! און אַלץ גאַדעלע? דאָס צדיקל?

מענדל סטאַטעק איז שוין גרייט געווען זיך אַרויסצולאָזן מיט זיין חברה און גלייך זיך צעפּירן די הענט איבער די שניידערוקעס, וואָס מאַרשירן אים דאָ הין און צוריק הינטער די פענצטער. דערנאָך האָט ער שטאַרק חשק געהאַט זיך אוועקצושפּאַצירן צום בית מדרשניק און אים אַרויסשלעפּן ביים קערנל ווי אַ הערינג און שלאָגן מיט אים כפּרה אין מיטן מאַרק! און זי, „די וואַרשעווער פּאַנפּאַראַנקע", דעם קראַ־קעווערם איי‌ניק, איר וואָלט ער כאַטש אַ בעלן געווען אַ שמיר צו טאָן מיט אַ היטל סאַזשע איבער איר איידל, ווייס פּנימל.

משה מרדכי האָט דעם „סטאַטעק" קוים אָפּגעהאַלטן. אוודאי דאַרף מען די ממזרים אָנלערנען! ער, משה מרדכי, דאַרף אָבער פריער אוועקגיין פון שענק. עס וועט בעסער זיין אַז מען וועט נישט וויסן פון וואַנען דער ווינט האָט אָנגעיאָגט...

13

דער שטאָט קאָמענדאַנט האָט זיין שטיקל אַרבעט גאָר גיך אָפּגע־טאָן. דעם זעלבן פרייטיקצונאַכטס, ווען די יידן זענען רואיק געשלאָפן נאָך דעם שבתדיקן מאָלצייט, האָבן זיינע פּאָליציי־לייט זיך צעלאָזט אי־בער די הייזער און אַרויסגעשלעפּט פון די בעטן וואָס נאָר אַ אונטער־געוואַקסענער בחור אָדער מיידל. אפילו פּערצן־פופצן יעריקע קינדער האָבן זיי מיט זיך פאַרנומען.

בעת דעם איבערפאַל, אין מיטן דער נאַכט, האָבן די איבערגע־שראָקענע טאַטע־מאַמע נעבעך געמיינט אַז נאָר אויף זיי האָט זיך גאָטס צאָרן אַראָפּגעלאָזט. באַגין אָבער, ווען מען האָט אָנגעהויבן אַרויסצו־קריכן פון די פאַריתומטע שטובן, האָט ערשט יעדער איינגעזען אַז, דאַנקען גאָט, מען איז חלילה נישט אַליין. דאָס אומגליק האָט ב"ה נישט אויסגעמידן אַנדערע טאַטע־מאַמע אויך.

דער שבת באַגין איז גיך געוואָרן ווי אַ תשעה באב פאַרנאַכט. פון אַלע זייטן זענען יידן און יידענעס געקומען אָנצוקריכן אין בלויזע דרויסן אַרוים. איינגעהילטע, אַרומגעוויקלטע אין וואַכיקע שמאַטעס. אין טיכער, איינגעבויגענע אונטער דער שווערער לאַסט, וואָס האָט זיך אַזוי אומגעריכט אויף זיי אַראָפּגעלאָזט, זענען זיי געקומען אין מאַרק אַריין אויסדערציילן דאָס אומגליק פון לעצטער נאַכט. שטומערהייט האָבן זיי זיך באַגעגנט. אַז אַ גוט־שבת, בלויז מיט אַ קרעכץ: „ני? אַזאַ בראָד? אַזאַ אומגליק! דערביי האָבן זיי אַזוי הילפלאָז זיך גע־

בראכן די הענט, געקנאקט די דארע, ביינערדיקע פינגער. וואס א מי־נוט איז דאס געקרעכצעריי געווארן גערדיכטער ביז עס האט אויסגע־בראכן א געוויין, א געיאמער, וואס האט זיך צעטראגן איבער דעם שטילן פרימארגן דרויסן און אויפגעוועקט קינד און קייט.

איידער מען האט זיך ארומגעקוקט איז די גאנצע שטאט געשטא־נען אויף די פיס. ווי בשעת א שרפה האט יעדער געכאפט אויף זיך וואס מען האט געקאנט און גיך ארויס פאר דער טיר. דער ווייס־פאר־שנייטער מארק איז מיט איינמאל געווארן שווארץ פון די אנגעלאפענע מענטשן.

די געטראפענע טאטע־מאמע האבן זיך נעבעך געטוליעט איינער צום אנדערן, ווי נאר זיי וואלטן זיך נאנט געווען, בעת די אנדערע טא־טע־מאמע, וועמענס זין און טעכטער מען האט נישט געטשעפעט, וואל־טן געווען פרעמדע, שונאים. אין דער פארלוירנקייט האט יעדער געגעבן אן אנדער עצה. איינער האט געהייסן קלאפן א טעלעגראמע צו די יידישע סיים־דעפוטאטן קיין ווארשע. אן אנדערער האט געהייסן שוין, אום שבת, פארן קיין לובלין צום וואיעוואדע. נאר פון די אלע עצות האבן די יידן געטאן דאס, וואס זיי טוען אלעמאל. זיי האבן זיך צונויפגענומען און אוועק, ווי א שווארצע, וויינענדיקע כמארע אין אנדערן עק שטאט, צום אלטן קראקעווער.

אין דעם גיין צום קראקעווער איז געווען מער געוואוינהייט, רגילות איידער אויסזיכט אויף עפעס א הילף. גאנץ פשוט, פון יארן און יארן איז די שטאט געוואוינט צו לויפן מיט יעדער צרה צום אלטן קראקעווער. אמאל, פארן רוסישנס צייטן, האט טאקע ר׳ ישראל קרא־קעווער געקאנט פועלן א ישועה. אמאל, אז דער קראקעווער פלעגט אנ־טאן דעם סויבלנעם פעלץ, אז ער פלעגט פארוויכערן דעם בלא־פאר־צעלייענעם ליולקע ציביק, א נעם טאן דעם טייערן שטעקן מיטן העל־פאנט־ביינערנעם קאפ און טאן א גיי, האבן שררות פאר אים געעפנט טיר און טויער. היינט אבער? בפרט זינט מ׳האט אים ארויסגע־ווארפן פון זיין לעבנס־לאנגער פרנסה, געמאכט אים אוים פאדראטשיק, האט זיך דער גאנצער כח פון אים אפגעטאן. אוים ר׳ ישראל קראקע־ווער!

אויך אים, דעם אלטן, איז מען די נאכט געקומען מקבל פנים זיין! אויך ער, ווען די רוצחים זענען אין מיטן נאכט באפאלן זיין הויז און ארויסגעשלעפט פייגעלען פון בעט, האט געמיינט אז בלויז אים האט אן אומגליק געטראפן. א גאנצע נאכט האט ער שוין מער קיין אויג

נישט צוגעטאָן. די אַלטע האָט געוויינט, זיך געשלאָגן קאָפּ אָן וואַנט, געשריגן צו אים, וואָס שווייגסטו ,ישראל, וואָס לויפסטו נישט, וואָס טוסטו נישט עפּעס. נאָר ער האָט געשוויגן. איינגעהילט אין בלאָ־געבלימטן שלאָף־ראָק, אין די ווייכע, לאַקיר־געזוימטע שטעק־שיך מיטן סאַמעטענעם קאַפּל אויפן קאָפּ, איז ער געגאַנגען הין און צוריק איבער דער פינצטערער שטוב. אַלעמאָל זיך אָפּגעשטעלט, אַרויסגעקוקט אין שטילן, טונקל־בלויען דרויסן און ווייטער געגאַנגען הין און צוריק. בלויז איינמאָל האָט ער אַרויסגעברומט: „יידענע, ס׳שבת! מ׳טאָר דעם שבת נישט פאַרשטערן!"

ווי נאָר דער אַלטער האָט דערזען די עדה יידן דורכן פענצטער האָט ער שוין פאַרשטאַנען אַז דאָס וואָס האָט אים געטראָפן איז נישט בלויז זיין צרה. עס איז נעבעך אַ צרות־רבים!

ווי זיין שטייגער, ווען עמעץ קומט צו זיין טיר, איז אויך איצט דער אַלטער אַרויס אַקעגן די אָנקומענדיקע יידן. ער איז געבליבן שטיין דרויסן ,אויף דער שוועל. ער האָט אפילו נישט באַדאַרפט עפענען די טיר פון האַלטאַנקעלע. די רוצחים, ווען זיי זענען אַוועק מיט פייגעלען, האָבן געלאָזן די טיר אָן אָפענע זיך וויגן אין ווינט הפקר, הין און צוריק.

— גוט שבת יידן, האָט דער אַלטער באַגעגנט די אָנקומענדיקע מחנה.

די יידן האָבן נישט געענטפערט. וועמען ליגט דער שבת אין זינען? זיי זענען גאָר גרייט געווען אַרויסצופאָרן מיט זייער מענה לשון: „ר׳ ישראל, פאַר גאָט דערנאָד איר!" זיי זענען אָבער געבליבן ווי פאַרשטומט! דער צער, וואָס האָט אַראָפּגעוויינט פון אַלטן, די איינגעבויגנקייט, די פאַרקאַלטנטקייט פון זיין אייביק זויבער־צעקעמ־טער באָרד, האָט זיי ווי שטום געמאַכט. אָן רייד האָבן זיי אויך איינ־געזען אַז די נאַכטיקע מגפה האָט דעם קראַקעווערס הויז נישט אויסגע־מידן.

— וואָס טוט מען ר׳ ישראל, האָט איין ייד דאָך אַרויסגעשריגן.

דער אַלטער האָט געשוויגן. וואָס זאָל ער נעבעך די יידן זאָגן? אַז אַן איבערקערעניש איז דאָך נעבעך אויף דער וועלט געקומען. מוסרים, לאַבוזעס זענען געוואָרן קהלס דעה זאָגער. אַ משה מרדכילע איז געוואָרן אַ בטוח ביים מלכות!

— יידן, גייט אהיים, האָט דער אַלטער שטיל געזאָגט. זאָל אונז גאָט העלפן!

14

משה מרדכי האָט זיך יענעם שבת אינדערפרי נישט געאײַלט אַרויסצוקומען אין גאַס. ער האָט גראָד גוט געהערט די בהלה, די געוויינען פון די ווײַבער. ער האָט זיך אָבער מורא געהאַט צו רירן. חוץ דער מורא האָט אים אויך ס'געוויסן געפּלאָגט: „משה מרדכי, וואָס האָסטו געטאָן? ווער ווייסט וואָס פון דער קאַשע וועט נאָך ווערן?" דאָס געפיל אָבער אַז ער האָט דאָך גאַדעלען און פייגעלען פאַרפאַקט איז שטאַרקער געווען פון געוויסנדל. נאָר אינגאַנצן זיך נישט ווייזן טויג אויך נישט! עס קאָן נאָך ווערן פאַרדעכטיק. די טאַטעס קאָן נאָך אײַנפאַלן אַז זיין האַנט שטעקט דאָ. נו, נו, מער פעלט אים נישט! מען וואָלט אים צעטראָגן מיטן ווערקשטעטל!

משה מרדכי האָט זיך ענדלעך אָנגענומען מיט מוט. ער איז אַרויס פאַר דער טיר. ער האָט זיך כלומרשט אַרומגעקוקט זייער איבערראַשט וואָסער סומאַטאָכע אין שטאָט איז אָנגעשטאַנען. באַלד אָבער איז אין אים אויפגעגאַנגען אַן אומרואיקייט. עפּעס האָט ער פּלוצים אָנגעהויבן זיך שרעקן: טאָמער האָט זיך גאַדעלע גאָר אַרויסגעדרייט? אויף גאַדעלען איז אַלץ צו גלויבן. ער קאָן דעם טייוול אויך בייקומען! משה מרדכין האָט אָנגעהויבן זעצן ס'האַרץ. אויב גאַדעלע איז פריי, איז ביטער! ער וועט זיך גלייך דערוויסן וועמענס האַנט דאָ שטעקט. ער, משה מרדכי, מעג זיך דענצמאָל אָפּטראָגן פון שטאָט. גאַדעלעס חברותא פון די אַנדערע שטעט וועלן דאָס נישט שווייגן!

משה מרדכי האָט גאָר געפיבערט. זיינע אויגן האָבן געגנישטערט צווישן די בינטלעך איינגעטוליעטע ווייבער, ווי ער וואָלט געוועזן אַ טרונקענדער, וואָס זוכט אין מיטן ים אַ שפּענדל כאָטש אַז עפּעס זיך צו ראַטעווען. אים איז איצט קלאָר געווען: אויב גאַדלס מאַמע, מעבליע ,איז דאָ נישטאָ, איז אַ סימן אַז גאַדעלע איז אינדרויסן!

די ווייבער און יידן האָבן נעבעך נישט געוואוסט וואָס אין משה מרדכין קומט איצט פאָר. ווי נאָר זיי האָבן אים דערזען זענען זיי אים באַפאַלן מיט אַ געוויין:

— משה מרדכי קרוין, דו ביסט דאָך עפּעס אַן אייגענער מענטש ביי די פּריצים, דערבאַרעם דיך, טו עפּעס, ראַטעווע!

משה מרדכים פּנים איז טאַקע איצט נעבעך געווען זייער פאַר־

צונט. דאס איז אבער נישט געווען חלילה צליב די ווייבערס געוויי־
נען. ווי האט ער געקאנט טראכטן פון זייער אומגליק אז ער זעט נישט
מעכליען! ער האט נעבעך איצט אויף אן אמת מיטגעקרעכצט מיט די
מאמעס:

— אלץ גאדעלע, אט דאס שטילע צדיקל! ער איז שולדיק אין
גאנצן אומגליק! ווער האט דא באדארפט א ביבליאטעק מיט לעקציעס,
מיט סטרייקן, מיט רויטע אויף זיין וויסטן קאפ!

משה מרדכי האט מיט דעם נייעם מסירהלע נעבעך געוואלט פאר־
ריכטן די אלטע מערכה. א פשוטער חשבון. אויב גאדעלען איז גע־
לונגען זיך אויסצובאהאלטן פון דער פאליציי, וועט ער זיך אבער נישט
קאנען אויסבאהאלטן פון די אלע טאטעס און מאמעס. זיי וועלן אים
שוין אויסגעפינען און אים ארויסשלעפן פון באהעלטעניש ווי מען
שלעפט ארויס א געפגרטן שטשור. דענצמאל וועט שוין דער מאגים־
טראט אים פאקן!

די פארוויינטע מאמעס, די צעוויטיקטע טאטעס, האבן איצט
בלויז באדארפט אז ווען צו קאנען זיך אנכאפן, אויף ווען אויס־
צוגיסן די אנגעקליבענע גאל, דעם שארפן ווייטיק. זיי האבן זיך נעבעך
גלייך אנגעכאפט אז משה מרדכיס רייד: „אוודאי גאדעלע! שטילער־
הייט, כלומרשט לערנענדיק אין בית מדרש האט ער אפגעשאכטן די
שטאט!”

די יידן און יידענעס האבן זיך גלייך געטאן א לאז צו מעכליען.
אין די צעפלויגענע טיכער, אין די צעווינטיקטע פאלעס האבן זיי אויס־
געזען ווי א מחנה שטורעם פייגל!

— אזא ממזר, האבן זיי געשריגן. אויסגעריסן האט ער בא־
דארפט ווערן אין דער מאמעס בויך!

צוקומענדיק צו מעכליעס קאלך געוועלבל האבן זיי גענומען רייסן
און שטורעמען די חרובע טיר, וואס די פאליציי האט ביינאכט נישט
באוויזן איינגאנצן צו צעברעכן. ווי א ווינט זענען זיי ארויף אויפן
בוידעם שטיבל, אומגעווארפן מעכליען, וואס איז א דערשראקענע זיי
אקעגן געקומען און גענומען נישטערן אין די בעטן און אונטער די
בעטן. ניט געפונען גאדעלען, זענען זיי צוריק אראפ אין געוועלב אריין
שטילן דעם כעס איבער דעם ארעמען ביסל קאלך. זיי האבן געטראטן
דעם קאלך אונטער די פיס און אים געמאכט מיט בלאטע צוגלייך. איין
יידענע האט א כאפ געטאן פון דער פאליצע אן ערדענעם טאפ מיט
בלאעכץ, וואס האט אוודאי אנגעטראפן מער ווי דער קאלך און אים

געטאָן אַ זעץ אַן דער ערד. דער טאָפּ איז צעפאַלן געוואָרן אויף פּיץ־פּיצלעך און דאָס בלאַעכץ־שטויב האָט זיך צעטראָגן אין דער לופט, געריסן אין די העלזער, געקיצלט די נאָז־לעכער און באַדעקט אַלעמען מיט אַ דיקער בלאַקייט, פּונקט ווי קוימען קערער מיט אַ בלויער סאַזשע.

מעבליע איז נעבעך געשטאַנען אין אַ ווינקעלע אַ צונויפגעקוור־טשעטע פון דעם נייעם איבערפאַל. איר האַרץ האָט נעבעך געפּלאַ־טערט טאָמער דערהערט גאָדל אַז מ'איז זי אַזוי באַפאַלן, אַז מ'מאַכט חרוב ס'ביסל פּראַצע, קאָן ער נאָך פאַרגעסן אַן דער סכנה וואָס לויערט איבער אים און ער וועט קומען אַראָפּ פון באַהעלטעניש אין געוועלב אַריין. כדי צו ראַטעווען די מאַמע פון די יידישע גזלנים, קאָן ער נאָך אַריינפאַלן און פאַרפוילט ווערן אין קרימינאַל ביי די גוייִשע גזלנים. חוץ דעם האָט נעבעך איר פרום און כשר האַרץ געוויי־טיקט אויף דעם טאָפּלטן חילול השם. לאָ די וואָס יידן מאַכן חרוב אַן אָרע־מע אַלמנהס האַרעוואַניע, זענען זיי נאָך מחלל שבת אויך!

גאָדעלע האָט אין זיין באַהעלטעניש גראָד געהערט פון דעם נייעם איבערפאַל. ס'בלוט האָט טאַקע אין אים געקאָכט פון רציחה, ער איז אָבער נישט געלאָפן דער מאַמען צוהילף. אדרבה ער איז געווען צו־פרידן וואָס די מאַמע איז דאָרטן אונטן פאַרנומען מיט דער נייער סו־מאַטאָכע. איצט האָט זי נישט אין זין צו היטן אים ער זאָל זיך נישט אַרויסרירן פון ביידימל. און ער האָט גראָד פון אינדערפרי אַן זיך געוואָלט אַרויסכאַפּן פון דאַנען. ערשטנס איז די סכנה דאָ גרעסער. צווייטנס, ביים דענטיסט קאָן ער זיך גרינגער אויסבאַהאַלטן ביז ביי־נאַכט און ער וועט אויך געוואויער ווערן וואָס איז שטאָט הערט זיך, דער עיקר, וואָס איז מיט פייגעלען, איז זי פריי אָדער זיי האָבן זי איינ־געזעצט!

גאָדל האָט גיך אויסגענוצט דעם טומל אונטן. ער איז אַראָפּ פון בוידעמל און געכאַפּט אויף זיך דער מאַמעס אַן אַלט קלייד. ס'פּנים האָט ער פאַרבונדן מיט אַ גרויסער רויטער פאַטשיילע, גלייך ס'גאַנצע מויל ציין וואָלט אים ווי געטאָן. איבער דעם פאַטשיילע קנופּ, אויפן קאָפּ, האָט ער אָנגעטאָן דער מאַמעס אַ קופּקע מיט אַ טשיפּיקל, מיט טיולענע פּרענזלעך. דערנאָך האָט ער זיך איינגעהילט אין דער מאַ־מעס אַ טוך און זיך שטילינקערהייט אַרויסגערוקט דורכן פענצטער אויפן האַלב־שיפן דעכל פון פּעדער־הייזל. פון דאָרטן איז אים שוין גאַנץ לייכט אָנגעקומען זיך אַראָפּצוגליטשן אין בלינדן געסעלע אַריין און פון דאָרטן, מיט הינטער וועגעלעך, אַוועק צו ראַדאָמסקין.

15

לעאָן ראַדאָמסקי, דער דענטיסט, ביי וועמען די אַלע געהיימע זי־צונגען זענען פאָרגעקומען, האָט אויך געהאַט ביי זיך די פּאָליציי צו־גאַסט. ער האָט זיך נישט באַהאַלטן און מען האָט אים אויך נישט פאַר־נומען. נאָך דעם ווי מען האָט ביי אים איבערגענישטערט אַלע שופ־לאָדן און אַלע שענק האָט אים איינער פון די עלטערע פּאָליציי־לייט שטילערהייט איינגערוימט אין אויער ער זאָל זיך בעסער נישט מישן אין די דאָזיקע זאַכן... אויב מען פאַרפּאַקט אים נישט איצט האָט ער דאָס צו פאַרדאַנקען זיינע פריינט און דער עיקר דעם קאָמענדאַנט אַליין.

ווען גאָדעלע האָט אָנגעקלונגען אין גלאַנציקן, מעשענעם גלעקל, איז דער דענטיסט נישט געווען אין שטוב. פונקט ווי יעדערער איז שטאָט האָט ער זיך אַרומגעשלייעט אין גאַס צווישן די רעדלער מענטשן, געהערט וואָס דער זאָגט, וואָס יענער זאָגט. ער האָט גע־וואָלט דערגיין וועד אַלץ זיצט. אַז פייגעלע זיצט דאָס האָט ער שוין געוואוסט. ער האָט אָבער נישט געוואוסט וואָס איז מיט גאָדל סאַ־מעט. זיצט ער אָדער ער איז נעלם געוואָרן?

פרוי ראַדאָמסקאַ, אין ברייטן, גרינעם קימאָנאָ־שלאַפראָק, אַ בליי־כע פון דער אומדערוואַרטע וואַך־נאַכט, האָט געעפנט די טיר. נאָך דעם ווי זי האָט די אַלטע יידענע, מיט דעם פאַרבינדענעם פּנים אַריינגעלאָזט אין מאַנס קאַבינעט, איז זי אַוועק אין קיך אַראָפּשיקן די דינסט רופן דעם מאַן: אַ פּאַציענט איז דאָ...

דער דענטיסט איז אַריינגעפאַלן אין קאַבינעט אַ צעטראָגענער. ער האָט אַפילו דעם פּאַציענט אין פּנים נישט געקוקט. מעכאַניש האָט ער גענומען די דענטיסטישע כלים, זיי סטערעליזירן כדי צו קאָ־נען קריכן דער אַלטער יידענע אין קראַנקן מויל אַריין.

גאָדעלע האָט אָבער נישט קיין געדולד געהאַט. ער האָט זיך אומ־געקוקט אויב די טיר איז פאַרמאַכט און אָוועקגערוקט די פאַטשיילע פון פּנים.

ראַדאָמסקי איז געבליבן אָן לשון:

— סאַמעט, איר זענט דאָ? אויסגעצייכנט!

— איר האָט זיך נישט גערעכנט אויף מיר. האָט גאָדל געזאָגט.

— אָט דאָס טאַקע וואָס כ׳האָב געוואָלט זיך דערוויסן, האָט ראַ־דאָמסקי אים איבערגעשלאָגן און דערביי פאַרשלאָסן די טיר.

איצט ערשט איז גאָדל געוואויער געוואָרן וואָסער רייניקונג די „שפּיקעס" האָבן בײַנאַכט דורכגעפירט. פון דער גאַנצער פּאָליטישער גרופּע איז געבליבן דרויסן בלויז ער און ראַדאָמסקי. פייגעלע זיצט און די גאַנצע גרופּע זיצט, חוץ אַזויפיל אומשולדיקע בחורים און מיידלעך, וועמענס גאַנצער חטא איז, וואָס זיי באַלאַנגען צו דער ביבליאָטעק.

גאָדל האָט דער ערשטער איינגעזען אַז דאָ שטעקט משה מרדכים האַנט. אויך ראַדאָמסקי האָט דאָס געמוזט איינזען. דאָס וואָס זיינע געזעלן, די סטרייקער זענען אָפּגעקומען מיט אַ בלויזן תשעה קבין פון מענדל סטאַטעק, איז פאַר זיי געווען אַ קלאָרער סימן אַז עס איז משה מרדכים מלאכה. דאָס האָט ער אויסגעפּלאַנעוועט צו האָבן די יונגען אויף דער פריי כדי צו קאָנען מיט זיי אַרויספּאַרטיקן די אַרבעט אויף די חנאות!

גאָדל, אַן איינגעהילטער אין דעם באַרג שמאַטעס, מיט דער קופּקע טיף אין די אויגן, איז געזעסן אין דער דענטיסטן־שטול זייער דערשלאָגן. נאָך מער דערשלאָגן איז געווען ראַדאָמסקי. ביידע האָבן זיך אָנגעקוקט. עפּעס האָבן זיי נישט געקאָנט באַנעמען ווי דאָס איז מעגלעך! מילא, אונטערשטעלן דעם סטאַטעק, אויף דעם איז ער אַ באַלעבאָס! אָבער מוסרן צו דער פּאָליציי?

גאָדל איז דער ערשטער געקומען צו זיך. אָפּהענטיקייט ליגט נישט אין זיין טבע! דאָס בלויזע דערוויסן זיך ווער עס שטעקט הינטער דעם איבערפאַל האָט אים שוין אָנגעפילט מיט ענערגיע, מיט אַ טראַציקייט גלייך צו נעמען צוריק שלאָגן. און ער האָט שוין טאָקע גענומען פּלאַנעווען ווי אַזוי צוריק צו שלאָגן סיי דעם „סטאַטעק" סיי משה מרדכין. אונטער דער פּאָליציים נאָז, אין דער מאַמעס יאַקעס, האָט ער שוין אָנגעהויבן די מלחמה! ראַדאָמסקין האָט ער שוין געהייסן זיך אַרויסגאַנוועגען אין דער דערבייאיקער שטאָט זיך צו זען מיט די דאָרטיקע פּאַרטיי חברים. דעם סטאַטעקס אויטאָבוסן דאַרפן בייַנאַכט דאָרטן דורכפאָרן קיין וואַרשע, זאָלן זיי אים צעשניידן די גומע־רעדער פאַר מישן זיך אין פרעמדע געשעפטן. דער עיקר אָבער זאָלן גלייך אַראָפּקומען עטלעכע יאַטן פון דאָרט זיך צו זען מיט משה מרדכין ער זאָל שוין צערייבן דעם עסק, נאָך איידער מען פירט אַרויס די אַרעסטירטע פון שטאָט. טאָמער נישט זאָל מען אים לאָזן וויסן אַז זיין לעבן וועט נישט ווערט זיין אַ גראָשן!

גאָדל האָט זיך נאָך דעם וויזיט ביים דענטיסט צוריק פאַרשטעקט

אין א קאמער אריין, ווארטן אויפן אוונט ער זאל זיך קאנען אפטראגן פון שטאט. דערווייל איז דער טאג געווען אזוי לאנג און ער האט נישט געהאט מיט זיך וואס צו טאן. ער האט געשריבן צעטעלעך צו פייגעלען און זיי באלד צעריסן. אד, ווען ער קאן זי איצט זען! ווען ער קאן איר כאטש זאגן זי זאל זיך נישט פארלירן, זי זאל לייקענען איר אנגעהעריקייט צו דער פארטיי. נאד אלעמען איז ער דאך שולדיק. ער האט זי דאך אריינגעצויגן. זי איז דאך געווען פאראינטערעסירט בלויז אין איר פריוואט לעבן איידער זי האט אים דערקאנט! און אויף איר לויערט דאך איצט די גרעסטע סכנה. אלעמען וועט מען געווים ארויסלאזן, זי אבער, א סטודענטקע, אויף איר וועט מען ארויפלייגן דעם גאנצן פאק! ווען דער אלטער זאל נאר מסכים זיין זיך צו זען מיט משה מרדכין, וואלט מען זי געווים געקאנט ארויסראטעווען נאד איידער די פאפירן ווערן אפגעשיקט קיין לובלין. וועט אבער דער אלטער מסכים זיין? וועט ער פארבייגן זיין כבוד?

גאדל האט זיך קוים דערווארט עס זאל נאכט ווערן. פון איין זייט האט ער זיך געוואלט אונטערגאנווענען הינטערן מאגיסטראט, כאטש א קוק טאן אויף די פארגראטעוועטע פענצטער. אפשר וועט ער זען פייגעלען, כאטש בלויז א בליק טאן אויף איר. פון דער אנדערער זייט האט עס אים געצויגן וואס גיכער צום אלטן. כל זמן די פאפירן זענען נאד אין שטאט, קאן מען נאד עפעס פועלן!

דער אלטער קראקעווער האט נישט געהערט נישט גאדלס עפענען די טיר און נישט זיין אריינקומען. ווי יעדן שבתצונאכטס איז ער אויך היינט געווען פארטאן מיט ארויסבאגלייטן דעם הייליקן שבת און באגעגענען די אנקומענדיקע וואך מיט געזאנג און מיט זאגעכץ.

עס איז געווען נאד הבדלה. אויפן אפגעדעקטן, וואכעדיקן טיש האט געפלעמלט דאס פארגאסענע ביסל ספירט. דער אלטער האט געטונקען די פינגער אין דעם בלויליכן פלאם, געווישט זיך די אויגן און געטראגן אין די קעשענעס אריין, א סגולה צו פרנסה אויף דער פולער וואך. פלוצים האט ער דערהערט הינטער זיך א שטילן גוט וואך. ער האט זיך אומגעקוקט און געבליבן איבערראשט. א יידענע מיט א מאנצבילש קול! ער האט זיך אבער באלד געכאפט וואס דא איז, דער אלטער. אויף זיין ווייס פנים האט זיך צעלייגט א גרימאסע ענלעך צו א שמייכל, עפעס ווי אינווייניק, אין אים, וואלט עפעס אויפגעלויכטן. „געלויבט איז גאט", האט ער געזאגט און געלאפן פארמאכן די טיר, וואס פירט אין די אנדערע שטובן אריין. זאל נאר די

אלטע און דער עיקר די שיקסע להבדיל, נישט הערן ווער דא איז דא.

דער אלטער האט זיך דערפרייט מיט גאדלען פונקט ווי ער וואלט זיך דערפרייט מיט פייגעלען אליין. כאטש ער האט שטארק פאריבל געהאט אויף גאדלען, וואס ער איז אזוי אראפ פון וועג, האט ער אים אבער שטארק גינציק געהאט און שטילערהייט האט אים הנאה געטאן, וואס פייגעלע פלעגט זיך טרעפן מיט אים און פארבעט אים אין שטוב אריין.

דער אלטער האט זיך אפילו געקליבן גאדלען אויסצומוסרן: וואס האט ער טאקע פייגעלען אריינגעוויקלט אין אזא אומגליק? ער האט אבער נישט געקאנט עפענען ס'מויל. נאך אלעמען איז עס דען זייער שולד? יונגע מענטשן, טוען לאזט מען זיי גארנישט, אוועקפארן קאנען זיי נישט, גייען זיי אראפ פון גלייכן וועג, לייענען זיך אן מיט ביכער און נעמען באגערן אראפצוווארפן ס'מלכות...

— ני, וואס טוט מען גאדל? האט דער אלטער עפעס פארלוירן געשטאמלט.

גאדלען האט דעם אלטנס שווייגן, אט דאס ארויסשטאמלען „וואס טוט מען" מער געבריט ווי די הייסטע פעטש, וואס ער וואלט דא גע־קראגן. דעם אלטנס צעבראכנקייט האט אים דערשלאגן. אזא צע־בראכענעם האט ער נאך דעם אלטן נישט געזען! ער האט זיך גע־ריכט דער אלטער זאל אים אנזידלען און אפילו אים ארויסטרייבן פון שטוב. צום סוף אזא שווייגן! פונדעסטוועגן איז גאדל דאך עפעס צופרידן געווען פון דעם אלטנס געבראכנקייט. גוט וואס דער קרא־קעווער האט פארלוירן אביסל האנאר! איצט וועט ער געווים מסכים זיין זיך צו זען מיט משה מרדכין. משה מרדכי קוקט מסתמא נאר אויס דער אלטער זאל אים קומען בעטן. ווארים ס'איז דאך נישט מעגלעך דעם יונג זאל נישט ארן וואס פייגעלע זיצט!

— ני, גאדל, וואס וועט איצטער זיין? האט דער אלטער ווידער א מורמל געטאן.

— צוליב דעם טאקע בין איך צו אייך געקומען, האט גאדל שוין דרייסט געזאגט.

— צו מיר? האט דער אלטער איבערגעפרעגט און אויסגע־שטרעקט די ווייסע הענט צו גאדלען, ווי ער וואלט זיך ביי אים גע־בעטן: „ווער אימשטיינס געזאגט בין איך דאס היינט?"

— יא, צו אייך, האט גאדל געזאגט. איר דארפט פארבייגן אייער כבוד. איר דארפט זיך זען מיט משה מרדכין. ער קאן ביים

קאַמענדאַנט אַליין פּועלן. ער קאָן ראַטעווען פייגעלען!

דעם קראַקעווערס פּנים איז מיט איינמאָל צוריק געוואָרן ווייס. ער האָט קענטיק געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר געטאָן אַ מאַך מיט דער האַנט און זיך אַוועקגעדרייט. אַן איינגעבויגענער איז ער אַזוי אַפּגעגאַנגען עטלעכע טריט. באַלד אָבער האָט ער זיך געטאָן אַ דריי אויס צוריק מיט אַזאַ אַנטשלאָסנקייט, אַז עס האָט זיך געדאַכט ווי די גאַנצע גע־בראָכנקייט איז פון אים אַוועק. אַ שטאָלצער, אַ גלייכער איז ער צו־געקומען צו דעם איינגעהילטן גאַדל, געקוקט אים שאַרף אין די אויגן אַריין:

— און דו, גאַדל, וואָלסט איצט געקאָנט קוקן דעם מסור אין פּרצוף אַריין?

גאַדל האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, ער האָט זיך געשעמט. פּונקט ווי דער אַלטער איז איצט געשטיגן, אויסגעוואַקסן אין זיינע אויגן, אַזוי איז ער ביי זיך אַליין אַראָפּגעפאַלן, איינגעשרומפּן, געוואָרן קליין. ער, אַ מאָדערנער מענטש, אַ רעוואָלוציאָנער, צו ראַטעווען פייגעלען איז ער גרייט אויף יעדער דערנידערונג. דער קראַקעווער, אַן אַלט־מאָדישער ייד, קאָן אַפילו פייגעלען צוליב נישט לאָזן זיך דערנידעריקן, ווייל אַפילו דעם אייגענעם קינד צוליב נישט קוקן דעם מסור אין פּרצוף אַריין!

גאַדל האָט נאָך געוואָלט עפּעס זאָגן. ער האָט געוואָלט איבער־פרעגן: „פון וואַנען איינגעטלעך ווייס גאָר דער אַלטער אַז משה מרדכיס האַנט שטעקט אין דעם איבערפאַל?" ער האָט אָבער גאָרנישט געזאָגט. זיין צונג האָט זיך נישט געלייגט און זיין מויל האָט זיך נישט געעפנט. ער איז אַזוי אָפּגעשטאַנען עטלעכע מינוט, נאָכגעקוקט דעם אַלטן ווי ער האָט זיך צוריקגענומען צו דער איבערגעריסענער עבודה זיינע פון אַריינפאַרבעטן די נייע וואָך מיטן געזאַנג פון אל תירא עבדי יעקב.

ענדלעך האָט גאַדל געזאָגט אַ גוטע וואָך און גענומען אַוועקגיין. דער אַלטער האָט זיך צוריק אויסגעדרייט צו אים, אים אויסגעשטרעקט אַ ווייסע האַנט:

— אַ גוטע וואָך, אַ גוט יאָר! ער האָט באַגלייט גאַדלען צו דער טיר מיט אַ „גיי לחיים ולשלום". אויף דער שוועל שוין האָט ער אים געזאָגט, איינגעטלעך מער זיך איידער גאַדלען: „כ'על ליבערשט לויפן צום וואָיעוואָדע קיין לובלין איידער זען דעם מסור!"

גאַדל איז אַרויס אין דרויסן. ס'איז געווען פינצטער. די פעלדער

זענען געלאָפן ווייט און אָפן. פון ווייטנס האָט זיך געזען א פלעמל פון א לעמפל אויף דער באַן ליניע, וואָס דאַרף אים באַלד נעמען קיין וואַר־שע. אָפּגייענדיק עטלעכע טריט האָט ער זיך צוריק אויסגעדרייט. ער האָט געזען ווי דער אַלטער גייט דאַרטן הין און צוריק איבער דער גרוי־סער שטוב. דער לאָמפּ אויפן טיש איז אָנגעצונדן. דורך די פענצטער ציט זיך א פּאַס ליכט, וואָס פאַלט ווייט אין חשכות אַריין. דורך דעם פּאַס ליכט טראָגט זיך דעם אַלטנס ברומען:

„הבאים ישרש יעקב, אל תירא עבדי יעקב!"

ב. ד—ן
בעריש וויינשטיין
ל. טרייסטער

ב. ד—ן

ברוך וולאַדעק

צוויי מאָל איז מיין לעבן האָט מיין האַרץ אין מיר אַזוי שטיל און אַזוי טרייסטלאָז געוויינט אויף דעם טויט פון נאָענטע, מיר טייערע מענטשן. און ביידע מאָל האָב איך נישט געקאָנט פאַרטראָגן קיין רייד, די פלאַכע רייד פון פלאַכע טרייסטער. און ביידע מאָל האָב איך געשאָלטן דאָס ליכט פון טאָג. און ביידע מאָל האָב איך געגאַרט די וועלט זאָל מיט מיר מיט־וויינען אויף מיין טיפן ווי, אויף מיין גרויסן בראָך:

— וולאַדימיר מעדעם און ברוך וולאַדעק!

גרויסע שריפטשטעלער?

גרויסע סאָציאַליסטן?

גרעסערע זענען געשטאָרבן.

אַוודאי איז וולאַדעק געווען אַ סאָציאַליסט, אַן אַגיטאַטאָר. אַוודאי איז ער „געזעסן". די צאַרישע מאַכט האָט אים פאַרפאָלגט. ער האָט עוקר געווען קיין אַמעריקע. אַלץ זייער וויכטיקע זאַכן. אָבער וואָס זאָגט דאָס אַלץ? גאָרנישט! וויניציק סאָציאַליסטן, אַגיטאַטאָרס, פייערדיקע רעדנער זענען געווען און וועלן נאָך זיין? קיין וולאַדעקס וועלן אָבער מער נישט זיין.

:: :: ::

צוויי מאָל איז דער יונגער ברוך נחמן טשאַרני געקרוינט געוואָרן. איין מאָל מיט דעם לעגענדאַרן נאָמען „דער יונגער לאַסאַל" און דאָס צווייטע מאָל, צוליב קאָנספּיראַציע, מיט דעם פּראָסטן, פּויליש־אַרעמאַנסקן, זאַמד־שייגעצדיקן נאָמען „וולאַדעק". און ביידע נעמען האָט ער געטראָגן מיט גלייכער ווירדע, מיט גלייכן גלאַנץ צו וואָס נאָר ער איז פּיאַיק געווען! אדרבה, דעם פּראָסטן, זאַמד־שייגעצדיקן „וולאַדעק" האָט ער דערהויבן צו אַ פּאַן, וואָס פלאַטערט און וועט נאָך פלאַטערן נישט נאָר אין דעם אַרעמאַנסקן ווינקל, פון וואַנען דער נאָמען שטאַמט, נאָר אויך און דווקא איבער די העכסטע הויכן פון דעם אַריסטאָקראַטישן אַמעריקע.

ווי אַזוי האָט דער בלאַסער אימיגראַנטן בחור דאָס געקאָנט דערגרייכן?

אין זיין בוך „וואלדעק אין לעבן און שאפן”, ארויסגעגעבן מיט צוויי יאר צוריק, צו זיין פופציקסטן געבורטסטאג, געפינט זיך א קליין בילדל, איינס פון פילע. ליעגט עס איבער. „אין דער גרויסער שול” הייסט דאס בילדל. נישט מחמת דאס איז אן אויסער געוויינלעך קונטס ווערק היים איך איך עס לייענען. מען דארף עס איבערלייענען דערפאר ווייל אין דעם קליינעם סקיץ איז דא דער גאנצער וואלדעק.

דער הויכער, דארער, בלאסער בחור, דער יונגער לאסאל אין די אגיטאטארישע יארן, איז אין מיטן פון דער רוסישער רעוואלוציע, אין ניינצן פינף אדער זעקס, געקומען אין א גרויסער שול האלטן א רעדע, מאכן א דעמאנסטראציע קעגן צאריזם. ער איז געקומען באוואכט פון אייגענע „פאטרולן”, באשיצט פון א גווארדיע מיט „אייגענע, שווארצע, שיינע בראונינגס”. עס איז א גרויסער מאמענט אין א יונגן־מענטשנס לעבן. א פארמעסט צווישן צוויי וועלטן! רעוואלוציע אנטקעגן זעלבסטהערשאפט! יוגנט קעגן אלטקייט! גרינע, אויסגעטרוימטע לאנקעס, קעגן באשיינפערלעכן, געלן שימל! אזא מאמענט קאן פארשיכורן און הינרייסן יעדן יונגן מענטש! פון וואס איז דער יונגער רעוואלוציאנער, דער יונגער לאסאל, אין מיטן פון זיין הינגעריסנקייט גערירט געווארן? נישט דער שוימיקער שטאלץ פון דעם שטיין אויבן אן, נישט די לאקנדע מאכט פון די אייגענע, „שווארצע, שיינע בראונינגס” האבן פארטויבט זיין אויער, האבן פארמאכט זיין הארץ צו דעם שטילן געוויין פון אלטן שמש אין ווינקל פון דער בימה. דאס עכטע, אין טיפן פיין געלייטערטע געוויין פון אן אלטן ייד, וואס קלאגט אין זיין אומשולדיקער נאאיוויטעט אויף דער פארשוועכונג פון דער שול, זיין הייליקטום, וואס יונגען, מחללי שבת זענען געקומען פאראומווירדיקן, נישט בלויז מיט רעדן נאר אויך מיט ברעכן שטענדערס און ווארפן אין די קעפ פון יידן אין טליתים מיט זיידענע עטרות. אט דאס לויטערע געוויין האט גערירט דעם יונגן לאסאל און געמאכט ער זאל אראפ פון דער בימה מיט אן אראפגעלאזטן קאפ.

— א קלייניקייט, וועלן טייל זאגן.

— פארראט, וועלן רעוואלוציע טומלער שרייען.

בלינדע! ווי אנדערש וואלט דער סאציאליזם אויסגעזען ווען יעדער סאציאליסט, יעדער רעוואלוציאנער וואלט, דוקא ווען ער איז געשיצט פון „שווארצע, שיינע בראונינגס” נישט פארהערט דאס שטילע געוויין פון יענע „שמשים”, אט די גרויע, שטילע יחידים!

פארוואס איז וואלדעק געווען אזוי אנדערש פון אנדערע רעוואלו־

ציאַנערן, אַגיטאַטאָרס, װאָס, װי נאָר זײ דערפֿילן זיך געשיצט פֿון „אײגענע, שװאַרצע, שײנע בראַונינגס", הערן זײ גלײך אױף צו פֿאַר־נעמען מענטשלעך געװײן, מעג עס זײן װי טיף, מעג עס זײן װי װײ־טיקדיק!

— פֿאַרװאָס? װײל:

„די שטים װאָס האָט גערעדט צו משהן און סאָקראַטן
אין װיסטעניש בײם באַרג און אױף די מערק פֿון אַטען
די שטים רעדט אױך צו מיר".

אַ סאָציאַליסט װאָס הערט זיך צו צו דער געטלעכער שטים, מוז דערהערן דאָס געװײן, אַפֿילו דאָס שטילסטע געװײן פֿון יעדן װאָס לײדט, פֿון יעדן װאָס װערט דערנידעריקט. און צו װלאַדעקן האָט דאָך די דאָזיקע געטלעכע שטים גערעדט אומעטום און אַלעמאָל. ער האָט געהערט די שטים בעת ער איז געשטאַנען אין יענער שול װי אַ יונגער העראָלד, אַרומגערינגלט פֿון אײן זײט מיט פֿאַרגעטערער מיט „שײנע בראַונינגס" און פֿון דער אַנדערער זײט מיט הילפֿלאָזע שטילע פֿאַראַכטער. פּונקט אַזױ האָט די געטלעכע שטים גערעדט צו אים װען ער איז געשטאַנען אַ געפֿלעפּטער, אַן אײנגעשרומפּענער פֿאַר דער גרױסער, געטלעכער אַנטפּלעקונג פֿון יעלאָסטאָן פּאַרק אָדער סאַן יאָ'קים. שטענדיק האָט אים די דאָזיקע שטים באַפֿױלן, שטענדיק האָט די שטים גערעדט צו אים.

:: :: ::

װלאַדעק איז דאָכט זיך געװען דער אײנציקער ייִדישער שרײַבער, װאָס האָט נישט געשריבן. האָט ער אָבער גענומען די פּען איז דאָס אױפֿגעשריבענע שטענדיק געװען עכט, שטענדיק דער אױסדרוק פֿון אַן איבערלעבונג, פֿון עפּעס װאָס האָט אים געקװעלט, פֿון עפּעס אַן אָנ־רעגונג. דערפֿאַר טאַקע איז געװען שװער צו באַשטימען צו װאָסער זשאַנער אין דער שרײַבער פּראָפֿעסיע ער געהערט. ער האָט געשריבן לידער װען די פֿאָרם איז אים געװען אַמנאַנטסטן צו דעם איבערגע־לעבטן. ער האָט געשריבן פּראָזע, בילדלעך, נאָטיצן, עסײען, טאָג־ביכער װען ער האָט אױף די אופֿנים געקאַנט זאָגן װאָס ער האָט גע־װאָלט. אָבער סײַ אין די לידער, סײַ אין דער פּראָזע, פּונקט װי אין זײַן דראַמע „משה רבינו" איז ער געװען דער פּאָעט, װאָס פֿאַרצערט נישט זײַן פּאָעזיע בלױז אין ליד אַרײַן, בלױז אױף דעם געשריבענעם װאָרט, נאָר דער פּאָעט, װעמענס גאַנץ לעבן, זײַן יעדער קער און װענד איז אײן גרױס ליד, אײן װאָונדערלעך שטיק געלײַטערטע פּאָעזיע.

:: :: ::

מען האט וולאדעקן ליב געהאט. נישט פארגינער זאגן: ער איז געווען א פאליטישן! דאס זאל הייסן: דורך טובות און טובהלער האט ער זיך די ליבשאפט איינגעקויפט.

ארימע, מיזערנע לייט! זיי זעען שטענדיק דאס מאטעריעלע, דאס גראבע, דאס מגושמדיקע! קיינמאל קאנען זיי נישט זען די לויטער־קייט פון דער טאט! קיינמאל קאנען זיי נישט זען די אידלקייט, די דינקייט, די ריין מענטשלעכע כונה וואס איז גורם די טאט.

אוודאי האט וולאדעק געטאן טובות! געווים זענען דא אויך אנ־דערע „בעלי טובות". מען האט אבער באדארפט קאנען וולאדעקן, דעם איידעלן ריטער, וואס איז שטענדיק גרייט געווען נישט בלויז צו „טוען א טובה", נאר צו דינען, צו העלפן יעדן איינעם, נאנטן אדער וויטן, פרעמדן אדער קרוב און אים פארגלייכן מיט יענע „בעלי טו־בות", וואס מעסטן זייער יעדן קער מיט „וואס וועט מיר דערפון ארויסקומען?"

וויפל מאל מיר איז אויסגעקומען צו זיין ביי וולאדעקן נאך הילף! אמאל פאר זיך און אמאל פאר א צווייטן, א פריינט, א חבר. יעדעס־מאל האט זיך מיר געדאכט אז עס איז אומווירדיק פון מיין זייט. וואס דול איך דעם מענטש א קאפ מיט אזעלכע נישטיקע קלייניקייטן? ער איז דאך אזוי פארנומען! אזעלכע גרויסע, וועלט וויכטיקע זאכן ווארטן אויף אים! איך האב אבער בלויז באדארפט זען וולאדעקס שמייכל איינצוזען אז ער טראכט נישט אזוי, אז פאר אים איז א שפיטאל פאר א קראנקן מענטש פונקט אזוי וועלט וויכטיק ווי יעדע „גרויסע זאך".

עטלעכע מאמענטן בלויז:

איך האב אנגעהויבן שטעלן מיינע ערשטע שרייבערישע טריט. מיין חלום, ווי ביי פיל אנהייבער: אפדרוקן א זאך אין דער „צוקונפט"! איך האב אבער נישט געוואגט צו גיין זען ליעסינען.

איינמאל בין איך געווען ביי וולאדעקן אין אפיס. דאס איז נאך געווען אין פינסטערן הינטער־טייל פון אונטערשטן שטאק. וולאדעק זיצט ביי זיין דעסק אביסל אנגעשפארט אויף אהינטער. איך זע די בערג פאפירן. איך ווייס אז ער האט קיין צייט נישט. פונדעסטוועגן פרעגט ער מיך אויס, ווי מיר גייט, צי איך ארבעט, צי איך שרייב עפעס, און פארוואס זעט מען מיך נישט. איך דערצייל אים און נישט ווילנ־דיק כאפט זיך ביי מיר ארויס א ווארט וועגן דער „צוקונפט". א שמייכל באווייזט זיך אונטער זיינע גרויסע ברילן. באטש ער ראט מיר

זיך צו זען מיט ליעסינען, זעט ער אָבער אַז איך וועל דאָס נישט טאָן, זיכער נישט באַלד.

— ווייסט איר וואָס, זאָגט ער מיר, גיט מיר די דערציילונג. איך וועל זי געבן ליעסינען.

עס איז אַוועק אַ שטיק צייט אין וואַרטעניש, ווי ביי יעדן יונגן שרייבער. דערווייל האָט זיך מיין לעבן פאַרוויקלט אין אַ טראַגי־קאָמישן פּלאָנטער, אפשר מער טראַגיש ווי קאָמיש. דאָס איינציקע ליכטל: שרייבן, האָט ביי מיר קוים געצאַנקט. ספיקות, אומצוטרויִ האָבן געגעסן ס'געמיט. אין מיטן דערינען קלינגט דער טעלעפאָן:

— העלאָ, וולאַדעק?

— איר ווייסט, זאָגט ער מיר דורכן טעלעפאָן, ליעסינען געפעלט אייער דערציילונג, ער וויל אייך זען!

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז וולאַדעק האָט געוואוסט וועגן מיין פאַרצווייפלטן צושטאַנד. זיכער האָט ער געוואוסט וואָס עס מיינט פאַר אַ יונגן שרייבער וואַרטן אויף אַ תשובה פון אַ רעדאַקטאָר. איז אַזוי גלייך ווי ער האָט געהערט אַ גוט וואָרט פאַר מיר האָט ער אַוועקגעלייגט אַלע גרויסע וועלט זאַכן און מיך געזוכט אויף אַ פרעמדן טעלעפאָן, גאָרנישט אויף מיין נאָמען כדי מיר אונטערצוטראָגן די גוטע בשורה. און ווי ער האָט זיך דאָס מיט־געפרייט מיט מיר!

אַ צווייט מאָל: וולאַדעק פאָרט קיין אייראָפּע. עס איז נישט לאַנג נאָכן קריג. לענדער, באַוועגונגען וואַרטן אויף זיין קומען. ער פירט מיט זיך אַ פולן קאָפּ מיט פּלענער און אַ פול האַרץ מיט הילף. יעדער טאָג פון זיין זיין דאָרטן איז אויסגערעכנט. יעדע שעה איז צע־טיילט. ער געזעגנט זיך מיט די אָנגעזעענסטע מענטשן. ביים געזע־גענען שטייט אַ חבר, אַ פּשוטער, איינער פון יענע אויף וועמענס פּלייצעס באַוועגונגען ווערן אויסגעשפּילט און מען זעט צומאָל נישט זיין נאָמען אין קיין צייטונג. אויך ער געזעגנט זיך מיט וולאַדעקן. וויל עפּעס בעטן ביי וולאַדעקן אָבער ער וואָגט נישט. ווי קאָן ער פאַר־לאַנגען פון וולאַדעקן, אויף וועמען עס וואַרטן וועלט־פירער, אויף וועמען עס קוקן אויס באַוועגונגען פון הונדערטער טויזנטער, ווי קאָן ער פאַרלאַנגען אַזאַ מענטש זאָל זיך פאַרנעמען מיט זיינס אַ קליין אומ־גליקל? דאָך שטאַמלט ער אַרויס זיין בקשה: אין יענעם און יענעם שטעטעלע פון געוועזענעם בעסאַראַביע און נאַרוואָס געוואָרענעם רו־מעניע, וואַרט אַז אַלטע מאַמע מיט אַ קליין מיידל אַרויסגעראַטעוועט צו ווערן, האָבן זיך אָבער די רעדער פון דער ביוראָקראַטישער מאַשין

פאַרהאַקט. אַנשטאָט אַרויסגעראַטעוועט צו ווערן, ווערן זיי גאָר צע־מאַלן. עס איז נויטיק אויפן אָרט א רוק צו טאָן א ראַד. אָבער ווי אַזוי קאָן דער חבר אַליין זיך דאָרטן ווייזן אַז ער איז קוים אַנטלאָפן מיטן ביסל רעוואָלוציאָנערן לעבן פון דאָרטן!

וולאַדעק טוט א שמייכל, דריקט אים די האַנט:— איך וועל דאָר־טן זיין!

און ער איז דאָרטן געווען!

אין מיטן די אויפנאַמעס אין די שטעט פון אייראָפּע, אין מיטן די קאָנפערענצן מיט קאַאוטסקין און וואַנדערוועלדן און פרידריך אַד־לערן, אין מיטן די פריידיקע באַגעגענישן מיט נחן און ערלעכן אין וואַרשע, אין מיטן די קאָנפערענצן מיט די פאָרשטייער פון „דזשוינט" און „הייאַס" און „אָרט" און די אַלע אַנדערע אָרגאַניזאַציעס און גע־זעלשאַפטן, וואָס ער האָט מיט זיך געטראָגן אויף יעדן טריט און שריט, האָט ער געדענקט אָן יענעם גרויען, נאָמענלאָזן חבר, מיט וועמען ער האָט אַמאָל צוזאַמען געקעמפט און געליטן, און פּונקט ווי פּאַריז און לאָנדאָן, בלום און די ציטרינס זענען געווען פאַרצייכנט אין זיין טאָג ביכל, אַזוי איז ביי אים געווען פאַרצייכנט דאָס קליינע שטעטעלע ער־גען אין בעסאַראַביע וואו אַן אַלטע מאַמע מיט א קליין מיידל האָבן געוואַרט אויף זיין וואַרעמער האַנט צו ראַטעווען זייער בידנע ביסל לעבן.

ביי זיין צוריק קומען האָט אים דער חבר געדריקט די האַנט:

— א דאַנק, וולאַדעק, וואָס איר האָט געדענקט אַן אַזא אומוויכ־טיקער זאַך!

וולאַדעק האָט אים געגעבן זיין כאַראַקטעריסטישן שמייכל און דערביי צוגעגעבן:

—וולאַדעק פאַרגעסט קיינמאָל נישט!

אָט אין די צוויי ווערטער: „וולאַדעק פאַרגעסט קיינמאָל נישט" איז געלעגן דער גאַנצער רייץ, די גאַנצע שיינקייט פון אָט דעם זעלטע־נעם, ריטערלעכן מענטש!

:: :: ::

ער האָט אָנגעהויבן ווי ברוך נחמן, א בלאָס בחורל פון דער יידי־שער, שטעטלדיקער אָרעמקייט. מיט דעם ברוך נחמן איז מיטגעגאַנ־גען די גאַנצע חנעוודיקייט פון דעם יידישן פאָלקס־לעבן. די הערצ־אישקייט פון תנך און דאָס פאָלקס־מעשהלע פון דער מאַמען, דאָס שאַרפע געפיל פאַר סאָציאַלע גערעכטיקייט און די שיינקייט פון דער

פֿאָלקס־עטיק: קיינמאָל נישט צו פֿאַרזען דעם, וואָס ביי דער טיר!

שפּעטער, ווען פֿון ברוך נחמן איז געוואָרן דער יונגער לאַסאַל, דער ליבלינג פֿון צענדליקער טויזנטער, און פֿון דער צווייטער זייט דער פּאַרקאָנספּירירטער וולאַדעק, דאָס געשפּענסט פֿאַרן צאַריזם, דער ציני־דער פֿון רעוואָלוציע, פֿון אומרו, האָט ער יענע ברוך נחמנדיקע אייגנ־שאַפֿטן נישט פֿאַרגעסן און נישט פֿאַרוואָרפֿן. אדרבה, ער האָט אָט די טויזנט חנען, געיאַרשנטע פֿון זיין מאַמען, די יידישע פֿאָלקסטימלעכע פּרוי אין וועמען אַזויפֿיל שעפֿערישע אייגנשאַפֿטן האָבן געטליעט, מיט־גענומען מיט זיך און זיי געטראָגן צו די צענדליקער טויזנטער, וועמען ער האָט אַזוי באַגייסטערט. ער האָט די הערצלאַישקייט פֿון תנך און דאָס אויג נישט צו פֿאַרזען דעם פֿאַרזעענעם. פּונקט ווי דאָס יידישע פֿאָלקס־מעשהלע געברענגט ווי דעם יידישן צושטייער צום מערב איי־ראָפּייאישן סאָציאַליזם. דערפֿאַר האָבן אים די מאַסן אַזוי ליב גע־האַט. דערפֿאַר איז זיין וואָרט אויפֿגענומען געוואָרן מיט אַזעלכע גאַרנדיקע הערצער.

און נאָך שפּעטער, ווען דער יונגער לאַסאַל־וולאַדעק האָט אָנגע־שפּאַרט אין פּאַלאַצן פֿון פּרעמיערן, אמת אייגענע, סאָציאַליסטישע פּרעמיערן, אָבער דאָך פּרעמיערן פֿון לענדער, אויך ווען ער האָט באַ־דאַרפֿט אָנטאָן דעם פֿאַרהאַסטן, דעם פֿאַראומווירדיקטן צילינדער, ווי עס פּאַסט פֿאַר דעם מערהייט־פֿירער פֿון דער גרעסטער שטאָט פֿאַר־וואַלטונג אין דער וועלט, איז ער נאָך אַלץ געווען יענער אַמאָליקער, פּשוטער, האַרציקער ברוך נחמן, מער נישט אביסל אומגעוואַנדלט, דורך „לאַסאַל" צו וולאַדעק־טשאַרני. אָבער דאָס תוכקע פֿון ברוך נחמן איז געבליבן, ווייל:

— וולאַדעק פֿאַרגעסט קיינמאָל נישט!

און איצט, ווען ער איז אַזוי יונג אוועק, ווי קאָן מען אים פֿאַר־געסן?

עס איז קאַלט געוואָרן אין אונזער אַזוי אויך קאַלט ווינקל! יענע וואַרעמע האַנט, וואָס איז אַזוי גרייט געווען צו העלפֿן, דאָס אויג וואָס האָט יעדן באַמערקט, דאָס האַרץ, וואָס איז געווען אָפֿן פֿאַר יעדנס ווײ, דאָס אַלץ איז מער צווישן אונדז נישטאָ! און קיין טרייסט וועט נישט טרייסטן און באַנאַלע רייד וועלן די וואונד נישט פֿאַרהיילן. פֿאַר־יתומטע שטייען מיר ביי דעם יונגן טייערן קבר.

בעריש ווײַנשטײן

גלות און וואָגל

בראשית: —
און עס איז געוואָרן טאָג, נאַכט, גלות און וואָגל
אויף די שטעגן וואָס ציען גישט פון קיין ווייט.
נאָר שטאַמען פון באַשאַפערס ערשטן אות;
דערפאַר זענען דאָס די וועגן פאַר נביאים.

און מיט מדבר זענען די שטעגן פון באַשאַף, —
אויסגעטראָטן מיטן וואָגל נאָך פון בבל אָן,
ווייל געוואַנדערט דערויף, האָבן גרויסע תנאים
מיט אַלע עלצטע נביאים פון די כתובים.
איצט לערנט מען דורך זיי די חכמה פון גלות.

און קומט אַמאָל אַ מענטש פון אַזאַ וועג אָן,
איז דאָס איוב, צי ר׳ עקיבא פונם פרק.
און קומט אַמאָל אַ מענטש פון אַזאַ וועג אָן,
איז דאָס רשי, דער רמב״ם, צי דער בעל־שם.
שפּינאָזאַ, הײַנע און מענדלזאָן קומען אויך אַזוי.

שפּעטער. — נאָנט. נאָנט — אין די צייטן פון רשי,
זענען פרעכע דורות די „נביאישע־שטעגן״ פאַרלאָפן
מיט אַ גרימצאָרן פון אַ געקרייציקטן מענטש,
און בייז געמאַכט די גאַנצע, גרויסע ערד.
איצט טראָגן מיר דעם בראַנד פון זייערנס דור.

רשי, דער רמב״ם און דער בעל־שם;
דריי פראָסטע יידן מיט היימישן פשטות,
גייען דורך גלות מיט ספרים אויף די רוקנס —
פאַרלוירענע, ווי נאָך פון באַרג סיני אָן,
און פון יעדערן פון זיי ווערט אַ שייד־וועג, אַ לאַנד.

אין ציענדיקן שפּאַן דורך הייסן זאַמד,
אויף אייזלען, קעמלען נאָך פון נבוכדנעצער אָן,
גייט מען אָנגעוואָגלטע צו האַפּנס אוועק
און מען זעגלט באַזונדערע אויף פאַרטריבענע ימען
ווער צו פּאָרטוגאַל, צו האַמבורג און צו אַמסטערדאַם.

און עס גייט רשי אין אַלטן פּראַג אַרום,
קליין-וואוקסיק מיט דער באָרד אין דורות גרוי,
דער גוף איינגענומען אין קעלט ווינטער-בײַנאַכט,
און שליסט אויף דאָס עלצטע בית־המדריש
כדי צו לייגן זיך, אַ בעל־ספר, אין אותיות אַריין.

אויף פּאַרמעט גלעט שריפט פון רשי׳ס האַנט.
ער טיפט אין חומש אַריין, אין גמרות אַריין
און קריצט זיין חכמה איין אין די גלות־ספרים.
רשי׳ס פינטלדיקער כתב אין איטלעכן חדר.
רשי׳ס גרויסקייט — די לעגענדע פון אַלטן פּראַג.

אַלץ אינם וואונדער פון פּראַג איז רשי!
רשי אין דער טיף פון די געטאָ־מויערן
און אין פלעמלדיקן טריב פון די חדרים־שטיבלעך:
ייִנגלעך בלויען בלייכער, הייסער איבער גמרות
מיט זייערע אויגן אין רשי פּאַרזונקען.

אין אַ יעדער שטאָט דער זעלבער אומעטיקער רשי,
דער זעלבער ברען איבערן טרויעריקן פּריפּיטשיק;
עס טריפט חלב פון שווערע לייכטער אַראָפּ,
פון בייזע ליכט אויף טונקעלן כתב אַראָפּ:
אזוי טריפט אומעטום — אין פּראַג און אין לייבציג.

2

בראשית — טאָג, נאַכט, גלות און וואָגל.
און יידן געבונדן, זענען ווי לעמער געגאַנגען,
מיט מאָגערע העלדזער פון צופיל רחמים;
שטאַרק, ווי קדוש־השם, איז זייער גאַנג געווען,
ווייל פון צופיל גאָט האָבן זייערע גופים געבלוטיקט.

גייערס מיט אײַנגעדעקטע שטערנס אינם של־ראש,
האָבן די רויטע שייטערס נישט געקאָנט פֿאַרצערן,
נאָר מער נאָך ילל'ה'דיקער מאַכן די יידישע מאַמעס;
אויפֿרײַסן דאָס אײַנגעגליווערטע געוויין פֿונם האַרץ
און לויה'דיקער מאַכן די פֿענצטער פֿונם געטאָ.

און דאָרט, העכער אין די קעניגלעכע קלויסטערס!
קינינט די קעניגן אין הייסן בליאַסק פֿון בורשטין
און אָטעמט אירע בייזע פּערל אויף הוילן בוזים;
איר שלעפֿ וואָרעם, לאַנג איבער די פּיס פֿאַרוואָרפֿן
ליגט מיט זילבערנעם העפֿט צו די הייליקע פֿונם הויף.

אָ, הייליקע! און זיי שבור'ן ביזן דיל אַראָפּ,
ציילן די נאַכט־ווייבער פֿאַר זיך, פֿאַר זייערע געלעגערס,
און ציען מיט די ליפּן צו דער קעניגנס זוים;
און בעטן צלמימ'דיק פֿון איר נאָך אַ שייטער אויס,
וואָרים צופֿיל יידן ווילן ווערן קדושים.

יובל, גאַסן, פֿאַקעלען סמאַליען אין די נעכט.
אויף רייטוואָגנס קלאַונס אין יידן פֿאַרקליידט
שלעפּן זיך מיט בערד ביז צו די רעדער אַראָפּ;
און נאָך די רעדער, נאָכן שלעפּ — מיטלויפֿערס
ציען באַזאָפֿענע מיט געלעכטער אין שפּאָט אַריין.

עס גליט דער הימל אויפֿגעפֿלאַטערט פֿון ברענענדיקע הויפֿנס.
און יידן אָנגעטריבענע אויף געהיליץ, שטיינער
ליגן שטילער, האַרטער מיט די פּנימער צום ברוק,
כדי נישט צו זען דעם צונטער פֿון אָוונטיקע פֿלאַמען,
און ציטערן ווי רינדער צווישן די אומות־העולם.

ברענענדיקע ליכטער, נאַכט און מאָנאַרכישער פּחד.
הויכע לאָמפּן אויף דער ברייט פֿון קעניגלעכן טויער
און פֿאַרן טויער — ליגט דער רמב"ם אײַנגעשריגן אין גענאָד,
רייסט זיך אין פּויסטן, ווי דער אויסגעפּרוואוטער איוב,
מיט זײַן גאַנצער קריעה צום בייז פֿאַרהאַקטן שלאָס.

אַ נישטאָ איצט די נביאים דעם רמב״ם צו שטאַרקן,
עפנט ער פון זיך זיין חסד דעם שייטער צו פאַרצערן
מיט דער גאַנצער פיינקייט פון זיין טיפער קבלה,
און עס שניידן זיך זיינע קליידער אין צופיל צער,
און שטויביק פאַלט זיין גוף אונטער ריטערישע רייטערס.

עס רעדן דעם רמב״מס בלאָע אָדערדיקע אָרעמס:
— אַ מעכטיק טויער! לייג אויף מיר ישראלס גורל,
וואָרים איך לייג פאַר דיר מיט אַזויפיל מעת־לעתן תעניתים
און מיט אַ געשלאָגענעם רוקן מלקות אויף זיך.
אַ באַשערים! וואָרים נישט לייג מיך אויך אין בראַנד. —

ניין, עס וויל דער רמב״ם אַזוי אינם געטאָ נישט אומקערן.
פון זיינע אויגן רינט אויס דאָס געוויין ביזן הארץ.
און פערדישער רייט דאָס קיניגרייך צו די שייטערס אוועק
און טראָגט זיך מיט גאַלאָפּ איבער זיין רוקן־מלקות אריבער
ביז עס פייערן אָפּ די קלאַענס אויף אַ חכם פון אַ דור.

3

פון אַזויפיל לענדער ווערן געטאָס, גלותן, —
יידן גייען אָפּגעטריבענער דורך דער וועלט
מיט געלע חתימות אין צעריסענעם שטויב,
מיט ספרי־תורות אונטער בערד פאַרשטעלט,
און וואַנדערן דורך שטעט. פוילישע, גערמאַנישע.

פייערלעך אויף טאַרבעס פירן די חכמה פון גאַנג
און באַלייכטן פאַר קינדער, אויף אַקסלען, דעם וועג.
אַזאַ טיפקייט גרימט פון וועלדער, פון וועלף.
ווייבער אינם הארבסט אויף אַלל׳דיקער ערד,
איבערגיבן זיך מיט תהלים צו גאָט.

דער בעל־שם פאַראויס — פירט אַלעמענס שוויינן
דורך פאַרכטיקע טעג, דורך שווערע נעכט.
די אין פחד, גייען הארטער נאָכן בעל־שם,
און קוקן קראַנקער אין זיין גרייז אריין;
שרעקן זיך פרעמדער, צאַפּלדיקער פאַר דעם וואָגל.

אויפֿן בעל־שם׳ס פּנים משה׳ס וואונדער פֿון מצרים,
אין זײַן שטעקן כּוח וואָס ווערט צו פֿײַער, צו וואַסער;
נאָך אים גייט דער לויטער פֿון חסידישן ברען —
און מיט דער פּשטות פֿון אַ ייִד אַ האָליז־העקער
שפּאַנט ער דורך פּוילישע בערג, דורך פּוילישע נעכט.

ווײַכער גרוי אויפֿן מילד־וואָקסיקן בעל־שם.
דורך זײַנע קליידער שפּאַרט דאָס געשטאַלט פֿון אַ פּויער.
ער שטייט אין סאַמע וואַלד מיט האַק אין האַנט
און בויגט זיך אונטער שווײַס פֿון הייסן שוואונג
איבער שטאַמען בוימער תּשרי פֿאַרטאָג.

שפּענער, קלאַפּטערס פֿון אַ פּויערישן בעל־שם,
פֿון אַ ייִד מיט רויע שטריק די לענדן געגורטן.
ער וויקלט דאָס האָלץ איבער זײַנע אַקסלען אַריבער,
און טראָגט עס נאָך נאָכן אייביקן גאַנג
דורך גריבער, דורך מדבר אין דורות אַוועק.

דער בעל־שם ווי אַ סופֿר, ווי אַ בעטלער, —
צי אַמאָל ווי אַן אורח ענלעך צו אַ פּרוטה,
גייט מיט קנייטשן חכמה פֿון דאָרף צו דאָרף;
און עס ווייסט נישט קיינער אַז ס׳איז אַ מענטש,
וואָס האָט נאָך זיך אַ מחנה ייִדן אין בטחון געפֿירט.

ביים חלב־טריף אין אַ שטאָטישער קלויז,
עס עפֿנט זיך פֿון אים דאָס ספֿר פֿון חסידית,
און ער מאַכט בלויער זײַן באָרד מיט חצות,
און מאַכט היימלעך זײַן גוף מיט אליהו.
פֿון צופֿיל גלות ווײַנט ער אין זײַנע פֿינגער אַרײַן.

אַ ווינטערדיקער, אַ שנייאיגער איז דער ייִד בעל־שם.
און ער האָט מיט „מן״ דורך לענדער דורך געוואָגלט, —
געצווינגן מיט האָלץ, מיט זעמלמעל פּאַר געשלאַפֿטע.
און פֿאַר די אַנגעשלעפּטע פּונים גאָט פֿון אומעטום,
האָט ער אָפּגעגעבן די ברכה פֿון זײַן שטילן גאָב.

אַ, עס גייט דער פּשטן נאָך אַלץ איבער די חדרים אַרום
און פּירט אַלעמענס תּלמודים אין זײַנע מעשׂות אַרײַן;
מעשׂות פֿאַרלאָפֿענע פֿון אומעטיקע דערפֿער און שטעט,
און פֿון גרויסע ייִדן אין פֿאַרשטעלטע פּויערים, —
אַ ייִדן ווי דער רמב״ם, ווי רש״י, ווי דער בעל־שם.

II

באַם באָרטן פֿון ים איז פֿאַרבענקטער דאָס גלות.
ייִדן אויף זעגל־שיפֿן דורך גרינלעכן האָגל,
טראָגן זיך בלויער צו אַ האָלענדישן האַפֿן,
און וואַרפֿן זיך אויפֿן פֿלאַך אין ווינט אַרײַן
מיטן גאַנצן וואָגל צו די ברעגן פֿון אַמסטערדאַם.

דאָ איז, פֿאַר זיי, גאָט אַביסל נאָענטער, הימלעכער.
כאָטש זיי שטייען אויף פֿרעסט און אויף שניי
אונטער אויפֿגעבלאָזענע לײַוונט פֿון קעלט בײַנאַכט,
און וואַרעמען אָפּ זייערע וואונדיקע וואָנדער־פֿיס
ביי די מיטגעפֿירטע לאָמטערנס פֿון פֿרעמדע ימען.

אויף וועגענער, בוידן אָפֿענע, אָן דעכער, אָן ווענט,
קינדער אַרויסגעפֿירטע פֿון בראַנדיקע שטעט,
זוכן אַרום די לבֿנה, די זון און די ערד.
די, וואָס זענען גראָ, זענען שטויביקער, דאַרער
און טראָגן די מידקייט פֿון לאַנגע ווײַטע מעת־לעתן.

אַזויפֿיל צער שטומט פֿון איטלעכנס באָרד אַרויס!
אַזויפֿיל קשיות שפּאַנט פֿון איטלעכנס טראָט אַרויס!
ביז הימלעכער ווערט שדי אין זייערע אָוונטיקע אויגן,
ביז גענאָדיגער ווערט גאָט ווי צו משהן — אַמאָל,
ווײַל אין אַמסטערדאַם איז די ערד פֿאַרטריבענער.

טרויעריקע דעכער אויף די מויערן פֿון אַמסטערדאַם.
בוידעמער שטייען מיט געצונדענע ברוינע שויבן
און דערציילן אַסך, אַסך פֿון דורכגעגאַנגענע לענדער,
פֿון גלות־פֿראַנקרײַך, גלות־שפּאַניע און נאָך...
און פֿון שטאַמלדיקע לשונות דורך ייִדיש בלום.

אויף די שפּראַכן אויפֿגעכאַפּטע אינם גאַנג,
ציט דער כּל־נדרי דורך דער וויסט פֿון גריבער,
און ס'ליגט דער תּנ"ך אַ מיטגענומענער אויף אַקסלען
און שפּאַרט מיט פֿאַרמעסט־חכמה פֿון די כּתובֿים אַרויס
פֿאַר שפּינאָזאַ און פֿאַר אַלע גרויסע טרוימערס.

שפּינאָזאַ אין טיפֿן טרוים ביים האָלענדישן ים,
ציט אַריין אין זיך די אָנגעזעגלטע שיפֿן,
מיט אַזאַ גלויבן וואָס זיכטיגט דורך אַלע הימלען.
פֿון צאָרן ווערט הייסער זיין שריפֿט פֿון „טראַקטאַט",
און ער טראָגט שוין מער נישט גאָט אין זיינע תּפֿילין.

ער שלייכט געשטאַלטיק צווישן די באָרטנס אום
און מאָגערט איין פֿון צופֿיל קבלה, פֿון צופֿיל וואָר.
דער שפּאָט וואָס בויגט דעם יידנס צער אַראָפּ,
און די אָנגעיאָגטע שרעק, וואָס שלאָגט פֿון זייערע פּנימער, —
מאַכט שטרענגער שפּינאָזאַ'ס פּעדער צו גאָט־ברוך־הוא.

העכער, אונטער אַ פֿאַרהוילענעם קראַנקן דאַך,
געלט שפּינאָזאַ אין פּראָך, אין גלאָזן־שלייף.
פֿאַר זיינע אויגן גרויסע וועלטלעכע ביכער
פֿאַרמישלען זיינע פֿינגער אין חרם אַריין
און רוקן פֿון אים אָפּ יידן אין פּחד צו די מויערן.

דורכן געטאָ. ער בלעטערט אַ ספֿר אין גאָט פֿאַרטראַכט,
און פֿון אַלעמענס שעלטונג ווערט ער אַ פֿרעמדער יונג,
אין אויסגעצערטער גוף אָן עמיצנס רחמנות צו זיך,
נאָר דרייסטער מיטן טראָט — אויף אָפּ — אין שפּינאָזאַ, פֿאַרטיפֿט;
טראָגט ער זיין גאַנג מיט זיך אין דורות אַוועק.

5

יידן איבער לערע שלאָכן גייען אַמה'דיקער אין ווינט,
ווי עס וואָלט די גאולה נאָר אינם ווינט געווען, —
שפּאַנען און שפּאַנען, קומען אינערגיץ נישט,
ווי עס וואָלט דער „ערגיץ־נישט" אַזאַ לאַנד געווען.
אַ אייביק צווישן הימל, ערד. צווישן טל און גשם.

אָפּגעשליסענע גייער טראָגן זיך אינם וואַנדער
מיט פּייערטעפּ דורך קעלט פון שבט, פון אָדר.
זייערע פּנימער בלויען שטענדיק צו דער הייך
און נעמען אין זיך אריין דעם שטילן בלאָען הימל;
און פירן מיט דעם בלוי אין זייער גאַנג דורך וועלט.

אין שבט זענען אלע ווייטן געל, אומעטיק און ווייס.
אָ, די ראַנדן פון דער יבשה וועט מען דאַרפן דערגיין...
אָבער וואָס פאַרא לאַנד איז דאָרט אזוי רויט?
און וואָס פאַרא שטאָט ווערט אזוי נענטער, היימישער?
איז עס אפשר גאָר דער שלאָס פון האָרבאַטן מענדלזאָן!

אָ אסך, אסך טראָגן צו אים זייער גנעטאָ־טרוים אהין, אהין:
איינער, מימון דער נאַר, ציט לאַנג שוין מיט נביאישן ברען
צום פּינטל־ייד פון „נתן דער חכם”. —
יאָ, מימון, דאָס ווייב און די היים פאַר׳שיכור׳ט,
קומט פּרואוון זיין קבלה אויף די שטיינער — בערלין.

און זע! ווי נאָבל עס קאָן זיין א שטאָט פון א טרוימער:
אָ ניין, אינם אָוונט־סאַלאָן פון בערלינער פילאָזאָף,
איז פונם גלות אפילו קיין שפּור נישט פאַראַן,
נאָר אזעלכע געמיטלעכע פּרויען אין ווייכן הייסן זייד;
און מענדלזאָן, לעסינג — רעדן הערשאַפטלעך ברייט.

בראָנדז, ליכט און ווייסע ווארעם שאָטנדיקע ווענט.
נישטאָ דאָ דער צער פונם געטאָ, פונם גאַנג.
און עס גיט צומאָל נישט קיין לאָמפּ א צאַפּל פון קעלט
נישט פונם ציטער פון בבל־אור, וואָס טרייבט ווי לעמער.
די יידן נאָך אזשע פון דור־הפלגה אָן.

דורך שויב קוקט מימון דער נאַר און וואַרט.
אינווייניק: נתן דער חכם פּרואווט זיך אויף שאָך —
פיגורן... מענדלזאָן ציט געל — ליעסינג... שוואַרץ,
און ליעסינג פאַרקלערט דעם הויקערס געזיכט.
מימון פאַרן פענצטער — איז אָבער קלוגער פון געל, פון שוואַרץ.

גייט דער נאַר וואו דערוויַיל נאָך אַ ביסל שכורית אוועק,
אָדער גאָר צו אַ בעטלער אוואו זיך לערנען בעטלען.
אין אַ שטאָט אַזאַ דאַרף מען קאָנען בעטן, בענטשן, שעלטן.
און סיווי זענען מימונס קליידער בעטלעריש קראַנק
דערצו נאָך קאָן ער שיכורן ביזן דנאָ אַראָפּ.

און עס וואַקלט זיך דער געפּרווירענער שיכור פאַרן חכם.
ער שטייט פאַר נתנ׳ן מיטן גאַנצן דרויסנדיקן גלות —
ליכט שווייבלט אויף מימונס העלע נאַרישער באָרד;
ביידע רעדן זיי בלשון קבלה אין דער גרויסער נאַכט אַריין
און ער, דער נאַר, ווערט פון גאָרנישט נישט נתפעל.

ווערט גיט נתפעל פון גרויס־שטאָטישן „נתן־דער־חכם"
און נישט פון דער העפלעכקייט פון די סאַלאָן־דאַמען.
ער איז אַליין אויפן העכסטן „אות" פון חכמה —
און ער קאָן אויך אַזוי פאַרגיין, ווי שפּינאָזאַ...
גייט מימון אין פריד פון נתנ׳ס הויז אוועק — שטאַרבן.

6

טרוימערס האָבן אַ טבע צו שטאַרבן אין פריד.
און נאָך איינער, היינע, ריכט אָפּ גלות אויף בוידעם.
אין סאַמע געטאָ שטאַמלט ער פון זיך אַרויס די חכמה,
און ער צעפּאַלט פון גסיסה איבערן בעט אַריבער
אָן ווידוי, אָן טויט, אָן גאָט.

פאַרלאָשענער, קראַנקער צום דיל אַראָפּ
דערשפּירט ער די ערד אַזש פון די ברעטער אפיר:
די זעלבע ערד וואָס האָט אפילו מימון פאַרדעקט,
און אין אַ פאַרשעמטן אַרון שפּינאָזאַ פאַרהדעקט.
און אויך היינע וועט זיך אין אַזאַ ערד איינדעקן.

היינעס „לאָרעליי" פאַרגלייזט זיך אין זיינע אויגן, —
אויגן וואָס בעטלען, אויגן וואָס קיניגן —
אָ, ווי טרויעריק עס זינגט עמיץ זיין ליד היינט!
און די געגנעדיקייט, ווי זיי ליבן דאָס די לאָרעליי,
נאָר ער, היינע, ווייל אונטערן גלח נישט אויסגיין.

פון זייַנע שלייפן שלאָגן אוים די לעצטע טראָפּנס שווייס.
און עס טראָגט די פרוי זיין שמד אין קלויסטער אַהין,
און ווייסט נישט פאַרוואָס ער מאָגערט איין אַזוי גרינלעך,
ווי די צעביסענע לבנה מיט איר צעביסענעם בלענד,
וואָס שפּאַרט דורך די בווידעם שייבלעך זיין געלענער אַנטקעגן.

יאָ, אַזוינאָך שטאַלטיקט אָפּ אַ טרוימער פאַרן שטאַרבן:
הימלדיקער אומעט ציט פאַרביי דורך זייַנע שייבלעך
און הייבט שלאָפער אַרויף צו זיך זייַנע טריבלעכע הענט,
ווי ער וואָלט וואו איצט אַ מידער הינטער וועגנס געלעגן
ערגעץ פון אַ מיטן־גאַנג צו מענדלזאָנס און רשי׳ס לאַנד.

און דאָס שטאַרבט ער אַזוי אונטערן געזימס ביים האַפן פון ים.
אַ שטאָט וואָס ווערט חשובֿ׳דיק ביז צו קבורה,
ווען אַ טרוימער ווייַנט פון חרטה, פון צער —
כדי צו פאַרגיין ווי די זיידעס פון זילבערנעם געטאָ,
וואָרים ער, הייַנע, שטאַמט אויך פון גרויסע חכמה־יידן.

כתובים פון זייַנע טאַטעס אין די בתי־מדרשים;
אַ סך פון זייערע פּסוקים זענען געוואָרן פּסאַלמען צום געוועלטיקער,
נאָר די היינע־ספרים, נאָט אַלמעכטיקער!
וועלן זיין גוף מיט אַ בייזן הויפן ערד פאַרלייגן
און מיט נאָכזאָגנדיקן קדיש אַ רידל אויף אים צעשיטן.

אַז עס קלאָגט הייַנע קלאָגט אין אים ירמיה.
ער רעדט צום רמב״ם, צו שפּינאָזאַ און צו בערלין.
און אויף אַלץ וואָס ער זאָגט ווידוי טרערט זיין גויש ווייב.
ער ווערט שטומער, טיפער — ווי אין ליים אַריין,
און לאָזט די געלעמטע הענט פון לעבן אַרויס.

הייַנעס לעצטע ליד אָטעמט ווילד פון האַרץ
מיטן גאַנצן פולן טרויער פון די גלות־טרוימער.
ס׳איז פּאַרמעט־כתב וואָס ער שרייבט איצט אויפן דיל:
—כ׳האָב חרטה. איצט קאָן איך שוין שטאַרבן..
און עס איז געוואָרן טאָג, נאַכט, גלות און וואָגל.

ל. טרייסטער

אויף פאַרווייטע וועגן

1.

פאַמעלעך און איינגעבויגן האָט זיך ר' עזריאל אַפּטער, אַ גרייז־גראָער, אין זיך פאַרשלאָסענער, פאַרדאַגהטער מאַן, אַרויסגעלאָזט פון זיין טאַבאַק־געוועלבל, וואָס אין גרויסן, געמויערטן הויז אין עק־מאַרק, און זיך פאַרנומען מיטן טראָטואַר, וואָס פאַרביי דער ווייס־געשאָברעוועטער פאַוויאַט־געביידע.

געווען איז עס אין מיטן טאָג. אין אַ וואַרעמלעכן טבת־טאָג. די טראָטואַרן, די הייזער־דעכער, די טעלעגראַף־סלופּעס — באַלייגט מיט שניי. די ביימער פאַר די הייזער — רואיק. די פענצטער־שויבן אַן אייז, דורכזיכטיק. די קראַם־טירן — עטוואָס אָפּגעעפנט.

ס'איז געווען — ווי אין פרילינג.

היןן־און־צוריק אויף די טראָטואַרן, פאַרביי די געוועלבער, די סקלאַדעס, די קריסטלעכע קאָאָפּעראַטיוון האָבן זיך געאיילט מענטשן — ווער האַפערדיק און ווער אומעטיק. אויך זענען געגאַנגען קינדער. טייל — פון פאָלקשולן־שקאָלעס. טייל — פון גימנאַזיעס. אַנדערע — פון פּריוואַט־קורסן.

ס'איז געווען אַ געשאַרכעריי פון טריט, ביכער, העפטן, גלייך דער שניי וואָלט זיך ראַשיק גענומען רירן פונעם אָרט.

ר' עזריאל אַפּטער, וואָס איז זיך געגאַנגען שטיל און איינגעבויגן, האָט זיך אָבער אויף קיין שום זאַך נישט אומגעקוקט. גאָרנישט. ער איז נאָר געגאַנגען אַ פאַרטראַכטער און אַ פאַרייאושטער, גלייך ווי ער וואָלט געווען איינער אַליין אין גאַנצן דרויסן. געגאַנגען איז ער איצט צו זיין טאָכטער, וואָס וואוינט הינטערן מאַרק, אויף אַ קריסטלעכע אַלייע, נישט ווייט פון פאַוויאַט־באַאַמטע, פון פאָליציי־נאַטשאַלניקעס, און וועט מיט איר איבעררעדן פונוועגן אַ געוויסן ענין, וואָס איז נוגע דער גאַנצער פאַמיליע.

נאָך מיט אַ לאַנגער צייט צוריק האָט מען אין שטאָט געשמועסט,

אַז זיין טאַכטער, ר׳ עזריאל׳ס, וואָס איז מיט אַ גאַר לאַנגער צייט צוריק געקומען פון אַ ווייטער שטאָט, ביי דער דייטשער גרעניץ, וואו זי איז געוואָרן אַן אלמנה, פּירט זיך נישט אויף אײַנאָרדע־נונג. נאָך אַמאָל האָט מען געזאָגט, אַז דער סטאַראָסטע איז אַן אַריינגייער צו איר אין הויז. אויך האָט מען געזאָגט, אַז דער פּאָלי־צײַ־נאַטשאַלניק. אויך — דער סאָציאַליסטישער, ענערגישער יונגער שטאַטראַטמאַן. אָבער סאַמע גאָר לעצטנס איז אַרוים אַ קלאַנג, אַז זי לעבט גאָר אַרום מיטן נישטלאַנגצוריק אויפגעקומענעם יידישן גביר, דעם פּרנס אָווּרעמעלע שידלע, וואָס איז באַלד נאָך דער מלחמה געוואָרן אַ פּריץ פון אַ פאַלוואַרק.

ר׳ עזריאל אַפּטער האָט דאָס קיינמאָל נישט געוואָלט גלויבן. נישט דערפאַר, וואָס זי איז זיין טאָכטער. אויך נישט, ווייל זי האָט זיך אין די יונגע יאָרן, ביז צו דער חתונה, צוגעזען אין הויז אָרנטלעכקייט, יידישקייט. ניין. דעם אַמאָליקן ארץ־ישראלדיקן כהן בילגה׳ס טאָכטער האָט זיך אויך צוגעזען נענוג יידישקייט, דעת־התורה און איז דאָך אַראָפּ פונעם דרך־הישר. ער האָט אָבער נישט געגלויבט, ר׳ עזריאל אַפּטער, ווייל זיין טאָכטער איז אַליין תמיד געווען אַן אָפּגעהיטענע, אַן אָרנטלעכע. אָבער נעכטן באַנאַכט, שפּעט באַנאַכט, ווען געוויינלעך ווייזן זיך שוין נישט קיין געסט, איז צו אים אַריינגעקומען אַ פאַרוויינטע פרוי. זי איז געווען איינ־געהילט אין עטלעכע שאַלקעס, פון צווישן וועלכע מ׳האָט אַרויסגעזען אונטערגעהאַקטע אויגן און אַ צעשלאָגענעם שטערן, און האָט זייער יאָמערלעך זיך צעקלאָגט, פאַרוואָס ער, ר׳ עזריאל, נעמט נישט אַוועק זיין טאָכטער פון איר מאַן, וואָס קומט נישט אַהיים צו גאַנצענע נעכט.

געווען איז זי — די פרוי פון דעם יידישן פּריץ אָווּרעמעלע שידלען.

די איבעריקע טייל נאַכט האָט ער, ר׳ עזריאל אַפּטער, שוין נישט געקענט שלאָפן. די פרוי זיינע, ר׳ עזריאלס, האָט אים עפּעס געפּרואווט באַרואיקן. אָבער ער זעלבסט האָט נישט געקענט קיין אויג צוטאָן. ער האָט נאָר געטראַכט.

איצטער אָבער, נאָך ישובן זיך אַ שטיק אינדערפרי וועגן יאָ אָדער נישט אַריינמישן זיך, האָט ער זיך אַרויסגעלאָזט פונעם טאַבאַק־געוועלבל, וואָס ר׳האָט אין זיין אַמאָל־געוועזענעם הויז, וואָס איז, צוליב אָרעמקייט, פאַרקויפט געוואָרן טאַקע צו דעם יידישן פּריץ,

און גייט איבערשמועסן מיט דער טאכטער, צי איז שוין נישטא פאר איר קיין יידישער גאט, וואס מאנט אמאל חשבון פאר אלץ, וואס מ׳טוט; צי איז שוין אלץ אזוי הפקר, אז זי מעג שוין טאן, וואס איר הארץ גלוסט, און צי דארף מען שוין גארנישט אינזינען האבן דעת־הקהל.

איז אט גייט ער.

2.

אמאל, מיט יארן צוריק, האט ער, ר׳ עזריאל אפטער, גע׳שמ׳ט פאר א גרויסן גביר. געווי וויפיל ער פארמאגט האט מען נישט גע־קענט אפשאצן. א טויזנטער מער, א טויזנטער ווייניקער — מ׳האט אבער געווי געוואוסט, אז ר׳איז שטיין־רייך. אין דעם הויז, וואו ר׳וואוינט איצט און וואס איז אמאל געווען זיינס, האט מען תמיד געזען א סך מענטשן. דא סחורים, דא גבאיטעס, דא שליחים אויף הכנסת־אורחים, דא אויף הכנסת־כלה, דא יידן למדנים צו שמועסן וועגן א בלאט גמרא, אדער סתם־אזוי זיצן ארום טיש און רעדן וועגן עניני־דיומא.

מ׳האט אים, ר׳ עזריאלן, געהאלטן פארן שיינדל פון שטאט.

היינט אבער איז ער גלייך מיט דער בלאטע. נישט מ׳האלט אים פאר א חשובן באלעבאס אין שטאט; נישט מ׳קומט צו אים נאך א נדבה; נישט נאך אן עצה; נישט סתם אזוי זיך אוועקזעצן ביי א גלעזל טיי, האבן א שמועס, א פלפול וועגן דעם אדער יענעם תנא, אדער הלכה — — — ניין! ווי עס וואלט קיין ר׳ עזריאל אפטער דער יחום שביחוס נישט געווען, נאר א וואסער אויף דעם ארט, וואו ער וואוינט.

און אנגעהויבן האט זיך אטדי ירידה אינאיינעם מיט דער מלחמה.

באלד ביים אויסברוך פון דער מלחמה האט ער, ר׳ עזריאל אפטער, וואס האט געהאט א ווייז־געשעפט, ס׳גרעסטע אין שטאט, אנגעהויבן צו ליידן. ראשית האט ער נישט געטארט מער פארקויפן קיין וויין. פארבאטן! ס׳האט געקענט דעם פשוטן מענטש און אי־בערהויפט דעם מלכות־מענטש, וואס גרייט זיך צו דער הריגה, אראפפירן פונעם דרך־הישר. שנית, איז אבער אויך אינעווייניק, הינ־טער די פארמאכטע געשעפט־טירן, נישט געגאנגען אינארדנונג מיטן פארבאטענעם געשעפט. מיטן אנגעלויף פון מיליטער האבן זיך טאקע

די קונים פאַרמערט, נאָכדערצו אַזעלכע, וואָס זענען נישט מקפּיד אויף דער פּרייז און נישט מפּונק אויפן איכות פון דער סחורה. אָבער אַלץ — אַז געלט. סוחרים אַז געלט!

די לעצטע שורה: מ׳האָט אים געלאָזט אַז אַ געשעפט.

נו, נאָכדעם האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה: עסן פונעם גרייטן. וואו נאָר אַ קערבל — אויפגעגעסן. דער קופערט, וואו מ׳האָט גע־האַלטן אַ שפּאָר ביסל מזומן, איז געוואָרן אויסגעליידיקט. די חובות, וואָס מ׳האָט געקענט דורך טענות און יסורים אַרויסקריגן פון בעל־חובות — פּטור געמאַכט. הלוואות, וואָס מ׳האָט דאָ און דאָרטן, צוליב דער אַמאָליקער שטעלע און יחוס, געקראָגן — פאַרשוואונדן.

מ׳האָט זיך געמוזט אַ נעם טאָן צום גאָלד און זילבער!

אָבער ווילאַנג סטייעט אַפילו אַ ברונעם, וואָס מ׳האַלט אין איין שעפּן פון אים?

קורץ: מ׳האָט זיך אַ ריר געטאָן צום הויז. און אַוורעמעלע שידלע, אַ פערד־יינג, וואָס איז אין דער מלחמה רייך געוואָרן פון צושטעלן אַ סך פערד צו דער מלחמה־פירנדיקער מלוכה, איז גע־וואָרן דער באַלעבאָס.

נו, אַטאַזוי איז אַוועק איין סדרה נאָך דער אַנדערער, ביז ר׳האָט זיך דערקייקלט צו אַטדעם היינטיקן קבצנותדיקן געשעפטל, טאַבאַק, וואָס איז אים, אגב, אויך אַז חיבוט־הקבר נישט אָנגעקומען.

איינער אַ גוישער שוסטער־יינג, וואָס איז געווען אין דער פּויליש־באָלשעוויסטישער מלחמה און אַהיימגעקומען מיט אַ מום, האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ קאָנצעסיע, אַלס מלוכה־שכר, אויף אַ טאַבאַק־געשעפטל, וואָס ר׳האָט זיך אַליין דערצו נישט אויסגעטויגט, און ברייטלעך אָנגעבאָטן צו פאַרקויפן. קיין קונים האָבן נישט גע־פעלט. איטלעכער איינער האָט געוואָלט האָבן אַ מלוכהש־דערלויבטע יניקה. אָבער זי איז געווען ווי מיט רענדלעך צוגלייך. מ׳האָט זיך נעדאַרפט אויסטאָן ביז צום לעצטן העמד.

אָבער — — — נו. קיין טענות האָט ער נישט, ר׳ עזריאל אַפּטער. חס־וחלילה. ווען נישט די צרות איבער דער טאָכטער, וואָלט ער אַלץ אָנגענומען באהבה. קיין שום זאַך וואָלט אים נישט גע־אַרט. נישט די אויפגעקומענע פּרנסים, וואָס זענען נישט קיין למדנים, נאָר גרויסע הפקרדיקע בריות, תקיפים אין שטאָט, אין דער קהילה. נישט דאָס פאַרגעסן אים, ר׳ עזריאלן. אויך נישט דאָס נישט־אָפּגעבן קיין כבוד, מחמת ער איז שוין נישט מער אויף דער מדרגה

פון אמאָל. עס וואָלט אים אָט־אָ־דאָס גאָרנישט נישט געאַרט. לחלוטין נישט. ווען נישט די דאגות איבער דער טאָכטער.

אָבער דעסטגלייכן: קיין ייאוש וועט דאָ גאָרנישט נישט מתקן זיין. איז דעריבער גיין צו איר, רעדן און זען עפּעס צו פּועלן דורך גוטן. אַם מאָקע ווי ער גייט עס איצטער טאָן. אָט־מאָקע גלייך איצטער.

.3

געוואוינט האָט די טאָכטער אין אַ וואוינונג, וואָס איז געווען מיט אַ גרויסן שויפּענצטער און אַ גרויסער שויבנטיר צו דער אַלייע.

אויף דער גרויסער שויפּענצטער־שויב זענען געווען אויסגעמאָלן צוויי קעפּ: אַ מאַנסבילשער און אַ ווייבלעכער. ביידע — שיין פּאַרקעמט, לויט אויסלענדישע מאָדע־זשורנאַלן. און צווישן די קעפּ — הענט מיט אויסגעצויגענע, שמאַלינקע פינגער, וואָס די נעגעלעך פון זיי זענען געווען אי מאַניקורט און אי לאַקירט. העכער, איבער די קעפּ און פינגער, איז געווען אויפגעמאָלן דער נאָמען פון דער פּראָפעסיע און פון דער אייגנטימערין — ר׳ עזריאל אַפּטערס טאָכטער.

איטלעך מאָל, ווען ער, ר׳ עזריאל אַפּטער, דערזעט אָט דעם נאָמען פון דער פּראָפעסיע און פון זיין טאָכטער — גיט אים אַ שטאָך אין הארצן. אויך אַזוי איצט. אָבער מער ווי אַ שעפּטש צו זיך האָט ער נישט געקענט אַרויסברענגען.

— הלוואי נישט געווען דערלעבט עס...

געווען איז זי, די טאָכטער, ווען־נאָמען ס׳איז געווען באַלטשע, אַ מאַסאַזשיסטקע און אַ מאַניקורערין. זי האָט געהאַלטן דאָס געשעפט, אָדער דעם „סאַלאָן", ווי מ׳האָט עס גערופן, אָפן אפילו אום שבת און געוואַשן, געפּריזירט די קעפּ, אָדער געפיילט, געפּאַרבט די מענערשע און דאַמען־פינגער הינטער דעם גרויסן שויפּענצטער, וואָס גייט אַרויס צו דער אַלייע, וואו ס׳שטעלן זיך אָפּ, אָפּטמאָל באַטאָג און אין די אָוונטן, זייער אַ סך מענטשן צו טאָן אַ קוק אויף דעם נייעם גרויסשטאָטישן פּאַד.

געקומען איז זי צו אָט דער פּרנסה — נישט מיטן אייגענעם ווילן.

מיט אַ יאָר צוויי צוריק, ווען זי איז אַהיימגעקומען פון איר וואוין־שטאָט צו בלייבן ביי די עלטערן אין „הויז", האָט מען איר דורך הינטער־ווערטלעך געגעבן אָנצוהערן, אַז זי קען נישט מיט אַ

קינד, אין דער היינטיקער צייט, אין דער פּאַלאַזשעניע, וואָס זיי זענען, זיך לייגן אויף די אָרעמע עלטערנס פּלייצעס. פּשוט: זי דאַרף זיך נעמען ס׳פּעקל און זען צו טאָן פאַר זיך עפּעס, וואָס זי קען.

נאָך אַ וואָך, צוויי, דריי אין מאַטערניש און אין הילפלאָזיקייט איז זי טאַקע אַוועק פון הויז. אָבער אַוועק נישט מער צוריקצוקומען קיין געפּאַלענע. זי איז אַוועק קיין וואַרשע!

דאָרטן, אין וואַרשע, איז זי אַפּגעווען אַן עטלעכע חדשים און נאָכדעם צוריקגעקומען מיט אַ פּאָר, וואָס האָט איר געגעבן אַ קיום און, איבערבויפּט, אַן אייגענעם, פון קיינעם נישט אָפּהענגנדיקן, וועג אין ווייטערדיקן לעבן.

נאָך אַן עטלעכע חדשים אַפּוואוינען אין אַטדער וואוינונג, וואו זי איז איצטער, איז זי אין שטאָט געוואָרן אַזוי מפורסם, אַז פיל מאָל אין דער וואָך, און איבערהויפּט שבת, ווען מ׳שפּאַצירט דאָ אויף דער אַלייע, זענען נייגעריקע אומישנע צוגעקומען אַנצוקוקן דאָ ס׳פּלאַץ, וואָס איז פאַר גרויסשטאָטישע קערפּערלעכע מאָדעס.

— אַ גאָלדן געשעפט! — האָט מען זי מקנא־געווען.

— דאָס קאָן נאָר אַ געוועזענע רייכע טאָכטער.

— דידאָזיקע גבירישע בלוטן האָבן שטענדיק שכל.

— וואַרף זיי פונעם דאַך, פאַלן זיי אויף די פיס.

— קעץ...

— זיי גייען קיינמאָל נישט פאַרלוירן.

— אַזאַ שמאַלץ־גרוב!

— זעט נאָר ווי געפּאַקט...

— יידן און קריסטן.

— גאָרנישט קיין אויפהער.

— אַריין און אַרויס.

— ווי נאָך מצה־וואַסער.

— איי, סאַראַ גאָלדן געשעפט!

ווען מען אָבער עס האָט נישט געלאַקט, נאָר נאָך מבייש־געווען, איז געווען אים, ר׳ עזריאלן דעם פאָטער.

און נישט איבער איר ניט־יידישן, עפּעס אומפאַרשטענדלעכן פאַך, נאָר פּשוט איבער איר בפרהסיאדיקן מחלל־שבת־זיין. אַזאַ זאַך האָט זיך אים קיינמאָל נישט פאַרגעשטעלט.! אָבער נאָך אַ לאַנגער צייט מחלוקות, שפיכת־דמים איז ער דערפון מיד געוואָרן. פונקט ווי פון זיין אינעוויייניקסט־עסנדיקן קרענקעניש איבער די

נייע נאָך־מלחמהדיקע רעדל־פירער אין שטאָט, און אָנגענומען, אַ פול מויל מיט וואַסער. ער האָט גענומען שווייגן און פאַרשווייגן.

— זאָל דער רבונו־של־עולם זיך מרחם־זיין איבער דער וועלט...

— האָט ער געטראַכט. — סי איבער די מענטשלעכע כחות צו ווערן זיך קעגן אַזאַ קרומען דרך...

איז אַטאַזוי שווייגנדיק און פאַרשווייגנדיק איז ער אַרומגע־גאַנגען אַ גאַנצע צייט — — — ביז נעכטן באַנאַכט, ווען ר'האָט אומגעריכט צוגעקראָגן איבערמענטשלעכע כחות, און גייט דאָס איצטער אַריין צו דער טאָכטער באַלטשען פונוועגן איבעררעדן אַ נייעם ענין.

.4

אַריינגעקומען אין פראָנט־„סאַלאָן", וואו די גאַנצע פּראָפּעסיע גייט אַן, האָט ער, ר' עזריאל אַפּטער, געטראָפן אַ פּאָרל, אַ מאַן און אַ פרוי, וואָס זענען געזעסן ביי אַ טישל אין אַ ווינקל און האָבן זיך געפּאַרעט מיט די פינגער.

געווען איז דער מאַן — אַ הויכער, שמאַל־פּלייציקער, מיט אַ פּאָר זינגעריש־אָפּלאַכערישע בלאָע קאַץ־אויגן, וואָס זענען, ווי ביי אַן אָנגעשוואָלענעם שיכור, געווען אָנגעגאָסן מיט פּרעכערישן און נבזהדיקן בלוט. זיין פּנים — רונדיק, ווי אַ לבנה. און זיין מויל — אַ לאַנגס, ווי ביי אַ ביק, האָט זיך איטלעכע פּאָר ווײַלעס געטאָן אַן עפן מיט צוויי שניי־ווייסע רייען ציין און, ווי פון אַ שיגעונדיקן איינפאַל אין מוח, אַ זעץ אַרויס געגעבן מיט אַ הילכיקן געלעכטער, ווי עס וואָלט זיך אים עפּעס אַ וואַרעמע זאַך געקייקלט אין בויך.

— הי, הי, הי... הו, הו, הו... קי, קי, קי...

געווען איז אַטדער מאַן — טאַקע דער יידישער פּריץ אוורעמעלע שידלע, וועמעס פרוי איז נעכטן באַנאַכט, מיט אונטערגעהאַקטע אויגן און אַ צעשלאָגענעם שטערן, געווען ביי ר' עזריאל אַפּטערן אין הויז.

געזעסן איז ער איצטער, דער געוועזענער פערד־יינג, אוורעמעלע שידלע דער פּריץ, ביים טישל. ער איז געזעסן ברייטלעך, ווי די גאַנצע וועלט וואָלט געווען אין זיין קעשענע, און האָט געהאַלטן אַ ברוינלעך־האָריקע האַנט מיט ברייטע פינגער אין די דלאָניעס פון דער פרוי.

געווען איז ער דאָ, דער אוורעמעלע שידלע, נישט בלויז צוליב

רעם נעגל־פוץ. נאָך נעכטן באַנאַכט, נאָכן אַנטרייבערן די פרוי, איז ער דאָ אַריינגעקומען און גרייט זיך ערשט אוועקצוגיין נאָך מיטאָג.

בעתן פאַרען זיך מיט זיינע פינגער הערט זיך טאַקע אַ דערמאַנונג־קול פון אַ גאַנצן צימער:

— פּאַני גרינבערגאָווא! אַביאַד גאָטואָוו...1)

געווען איז דאָס קול פון אַ יונגן, קריסטלעכן דינסטמיידל, וואָס האָט זיך דערנענטערט פון דער קיך.

— יעדנאַ כווילעטשקאַ...2) — האָט זיך אַ דריי־אויס געטאָן די פרוי, וואָס איז געזעסן ביים טישל, פאַרענדיק זיך מיט מאַניקור־כלים איבער דעם פריץ שידלעם פינגער, און גענומען קוקן אויף דעם פלאַקסיק־האָריקן מיידל — זאַ כווילעטשקען...3)

געווען איז דידאָזיקע פרוי — ר׳ עזריאל אַפּטערס טאָכטער, -אַלטשע.

ר׳ עזריאל אַפּטער, וואָס איז געשטאַנען ביי דער טיר, האָט איצט געוואָלט געבן אַ געשריי, ווי ער וואָלט, פּלוצים אַ באַפאַלער פון עפּעס אַ צערייסנדיקער חיה, געוואָלט רופן די גאַנצע וועלט צוהילף.

— טרפות!!!

אָבער ער האָט דעם קוויטש אין זיך צוריק געלאָזט און געפילט, ווי אַ סך בלוט גייט פון אים אותו רגע אָפּ. ער האָט געפילט ווי ער בלייבט הויל.

דאָך האָט ער געשוויגן.

אגב, שוין לאַנג ווי ער האָט געוואוסט, אַז דאָ אין הויז עסט מען נישט קיין כשרס. זי, די טאָכטער באַלטשע, האָט נישט קיין צייט דערצו. איבעריקנס, זי האָט נישט ליב קיין יידישע דינסט־מיידלעך. „זיי באַרעדן צופיל — האָט זי איינמאָל געלאָזט פאַלן אויף זיין תרעומותדיקער פראַגע — זיי קוקן צופיל נאָך, וואָס ס׳טוט זיך ביי יענעם אין דער שיסל...״ אָבער נאָך קיינמאָל האָט זיך אין אים דער פאַרדראָס נישט געגעבן זיך אַזאַ ריס אין האַרץ, ווי איצט. דאָך: אַלצייַנס ניט אַרויסגעקומען. ער איז צוריק געבליבן דאָרטן, פון וואַנען ער האָט זיך לכתחילה אַ ריר געטאָן, אָבער גענומען פאַרשפּרייטן אינעם גוף אַ היץ, ווי דעם קערפּער צו פאַרברענען.

1.) אַביאַד גאָטואָוו... — דער מיטיק איז פאַרטיק.
2.) יעדנאַ כווילעטשקאַ... — איין סעקונדע.
3.) זאַ כווילעטשקען... — אין אַ וויילע...

ר׳ עזריאל אפטער האט איצטער לפנים בלויז געגרייזשעט מיט די דינע ליפּן אין די באָרד־און־וואָנצעס. געגרייזשעט — ווי ער וואָלט געוואָלט פון אַ האָר פּטור ווערן. זיינע אויגן — גראָ־באַברעמטע — האָבן אָבער עדות־געזאָגט, אַז עס שטייט דאָ נישט קיין פאַרליב־נעמער, קיין פאַרגעבער, נאָר אַ נוקם־ונוטר, וואָס אויב ער קען נישט אין אָראָפּגעפירטן צו נקמה־נעמען, טוט ער עס אויף זיך־זעלבסט.

באַלטשע, ר׳ עזריאל אַפּטערס טאָכטער, האָט זיך איצט אויפגעשטעלט.

— וואָס ווילסטו ? טאַטע...

ר׳ עזריאל אפּטערס פּנים איז געוואָרן בלייך. זיינע אויגן — קליינע שוואַרצע קאַרשן — האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט. זיינע ליפּן האָבן געוואָלט זאָגן :

— הלוואי נישט דערלעבט דאָס...

אָבער נישט מוציא־פּה געווען.

ער האָט בלויז אַ ברום־געטאָן :

— צו זיין אַ פּרנס, אַ דאָזאָר אין שטאָט און אין דערזעלבער צייט אַ אשת־איש, אַ זנות־טרייבער, איז נישט לויטן דעת־התורה און דעם דרך־הישר...

באַלטשע האָט געוואוסט, וועמען ער מיינט. זי האָט גיך אַ לייגאַוועק געגעבן דאָס מאַניקור־געצייג, וואָס געהאַלטן אין האַנט, און אַ קוק־געטאָן אויפן פאָטער מיט אָנצינדנדיקע אויגן :

— שוין פאַרלאָז מיין הויז !...

געווען איז זי, באַלטשע, אַ הויכע, אַ שמאַלינקע, מיט אַ שוואַרצער, געוויקלטער פריזורע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן פון טיף אין שטערן, איבער די אויגן, און פאַרענדיקט זיך פון הינטן, ביי די עטוואָס נאַקעטע אַקסלען. זי האָט געטראָגן לאַנגע אויערינג מיט גאָלדענע רינגלעך ; אַ ווייס קייטעלע אויפן מאַרמאָר־ווייסן האַלדז ; אַ ווייסע בלוזע, דורך וועלכער מ׳האָט דורכגעזען דאָס ראָזע סטאַניקל מיט די אויסגעניייטע שפּיצעלעך ; אַ ציגיינעריש־קאָלירט קלייד, וואָס לויט דער מאָדע — קורץ, ביז צו קניען, און אַ פּאָר ווייכע, סאַמעטענע, שוואַרצע לעטשלעך, אַקעגן וועלכע דאָס ווייס־הויטיקע פּנים זאָל זיך שאַרפער אָנזען.

איצט, אין איר גאַנצן מאַניענדיקן אויסשטאַט, איז זי, די אַמאָ־

ליק־צניעהדיקע טאָכטער, געשטאַנען, ווי אַ צערייצטע טיגערטע, און האָט געקוקט אויפֿן פֿאָטער מיט פֿייערדיקע אויגן, וואָס האָבן אויס־געזען, ווי סמאָלע אין פֿלאַם.

איר עטוואָס לענגלעך, נאָגיש פּנים איז געווען בלייך. אירע דינע, רויט־געפאַרבטע ליפּעלעך — פֿאַרביסטרעוועט. די הענטלעך, וואָס זענען שטענדיק אויס זייער שיין, דעליקאַט און ווייס־פֿליגלדיק, זענען איצט געווען פֿאַרביילט אין פֿויסטן, און אַנגעשפּאַרט נישט אויף פֿאַרנט, נאָר אויף הינטן, ווי צו טאָן מיט זיי אַן אומגעריכטן זעץ.

ר' נזריאל אָפּטער האָט איצט נישט דערקענט די טאָכטער. איז עס דאָס, וואָס מגושמדיקע תאווה צו אַ פֿרעמדן קען מאַכן פֿון אַ קינדעם דרך־ארץ צום שורש? איז דאָס כיבוד־אָב? ער האָט אין איר איצט געזען נישט קיין יידישע נשמה, נאָר אַ מרשעת, אַ מכשפה, אַ שד. ער האָט נישט געוואָלט איצט רעדן דאָס, וואָס ר'האָט נאָך אינזינען געהאַט, און אויך נישט דאָס, וואָס ס'וואָלט געדאַרפט קומען אַלס תשובה אויף איר אַלצמיטאַנאַנד. ער האָט זיך אָבער יאָ געגנו־מען רוקן צו דער טיר. בעת דערנענטערן האָט ער געהאַט במחשבה: אויב זיין ענטפֿער מוז פֿירן נישט צו שכל־הישר, נאָר צו כעס, רוגזה, ווייל ער בעסער נישט רעדן. מחמת כעס איז מחייב צו עברה. און קיין עברה וויל ער נישט באַגיין. איבעריקנס, ער וויל אויך נישט, אַז זי, די טאָכטער, זאָל דאַרפֿן נאָכאַמאָל עובר־זיין אויף כיבוד־אָב, וואָס דאָס אַליין איז פֿאַר איר אויך אַ גרויסע עברה. אחוץ וואָס ער זעלבסט וואָלט אויך פֿון איר נישט געווען פּטור, מחמת ער וואָלט לכתחילה גורם־געווען דערצו. ער איז דעריבער צו צו דער טיר אַהיימצוגיין און צו וואַרטן מיטן שמועס אויף אַן אַנדער מאָל, ווען זי, די טאָכטער, וועט זיך אָפּקילן און מיישב־זיין, וואָס זי טוט.

בעתן אַרויסגיין האָבן אים אָבער באַגלייט צוויי נישט קיין כבוד־אָפּגעבנדיקע שטימען. איינע — דער טאָכטערס. די צווייטע — דעם יידישן פּריצס, אוורעמעלע שידלעס.

— געוואָלט נאָכאַמאָל זען, זאָלסט מיר דאָ אַריינקומען מיט מוסר... — האָט די טאָכטער באַלטשע אים נאָכגעוואָרנט מיט כעס און רוגזה — אַ סך האָסטו מיר געגעבן, ווען געקומען צו דיר נאָכן מאַנס טויט?...

— הי, הי, הי! קי, קי, קי!! — האָט הילכיק נאָכגעלאַכט דאָס לאַנג־ביקישע פּריץ־מויל פֿון דעם אַמאָליקן פֿערד־יינג, אוורע־מעלע שידלען, וואָס איז איבערן געדודער אויך שוין געשטאַנען —

אַז צאַר ניקאָלאַי איז טויט, טרענט זיך עפּעס די וועלט? טאַ, וואָס קען ער נישט פאַרגעסן זיין אַמאָליקע גדולה?

פון הינטער דער זיך־פאַרמאַכנדיקער טיר האָט זיך אָבער נישט געהערט קיין שום ענטפער. נישט קיין ברום און אַפילו נישט קיין שעפּטש.

ער, ר׳ עזריאל אַפּטער, איז זיך געגאַנגען אַהיים אַ ייאוש־דיקער, כאָטש אין דערזעלבער צייט נישט געפאַלן ביי זיך.

5.

אין טאַבאַק־געוועלבל, וואו ר׳איז אַריינגעקומען, ר׳ עזריאל אַפּטער, איז געזעסן זיין פרוי: פאַניע.

געווען איז זי, פאַניע, אַ מיטלוואוקסיקע, אָבער האָט אויסגעזען העכער ווי זי איז אינדעראמתן געווען. איר גוף — אַן אויסגעפּיל־טער, אָבער נישט צעשפּרייט, ווי ביי טייל מענטשן, פון עסן. אויך נישט אַפּגעלאָזט פון די עלטערע יאָרן. ניין. לויט איר אויסזען און קערפּערלעכן שיק וואָלט מען זי אָנגענומען פאַר אַ פּערציק־, עטלעכע און פערציק־יעריקער, כאָטש אינדעראמתן איז זי שוין געווען קרוב צו די שישים. זי איז געווען סיי אין האַלטן זיך און סיי אין איר רעדן זייער עלעגאַנט, יונגטלעך, קאָקעטיש און מיט ברען — תאווה־פלאַם. צו מאַכן אַן אייגל צו אַ שיינעם יונגנמאַן — איז ביי איר געווען אַזוי לייכט און אַזוי זעלבסטפאַרשטענדלעך, ווי פאַר אַן אַרויסרופנדיקן, לעבן־באַגערנדיקן יונגן מיידל. און אין פוצן זיך, סטראָצן, איז זי נישט אָפּגעשטאַנען פון צוואַנציקיעריקע מיידלעך. איז אַ מאָדע — זאָקן מיט גרויסע לעכלעך, טראָגט זי זיי גלייך מיטן גאַנצן נישט אָפּגעשטאַנענעם טייל יונגוואַרג. איז אַ מאָדע — לעטשלעך, וואָס מ׳זעט פון זיי אַרויס זייער אַ סך דעם „פּאַדביטש" ביז צו די פינגער, איז זי אין גאַנג גלייך מיט אַנדערע. איז אַ מאָדע — צו טראָגן די האָר מאַנספּאַרשוויניש: פאַניע, ר׳ עזריאל אַפּטערס פרוי, איז נישט פויל און גלייך מיט מיידלעך, מיט יונגע ווייבלעך האָקט זי זיך אָרום די האָר, וואָס זי האָט קיינמאָל, אַפילו נישט צו דער חתונה, אַ פּיצל נישט געמינערט פון זיי, כאָטש זי קומט אַרויס פון חסידישן „פּער".

זי איז שטענדיק געווען מיט דער נייער צייט, אַ חילוק פון איר עלטער. און ס׳רוב מאָל — אַפילו זי איז געווען אין דער מינ־

דערהייט. זי האָט זיך אַלעמאָל געריסן צום לעבן, צו געניסן פון די אַלצפרישערע און פרישערע שטראָמען; צו האָבן הנאה פון דער וועלט, אויף וועלכער מ'לעבט נישט קיין צוויי מאָל. זי האָט נישט געוואָלט וואַרטן אויף קיין ניסים, אויף קיין צוזאָגן, נאָר נעמען (אויב מ'קען נישט כאַפּן!) פון דעם, וואָס לאָזט זיך שווין, אָט די אותו־רגע.

— ניע סטראַטש טשאַסו!...1) — האָט זי ס'רוב מאָל געפּלעגט זאָגן צו זיך און צו אַנדערע אין פּויליש, וואָס איז געווען אירס אַ טייל פון דער יוגנט־פאַרשאַפענדיקער גאַרדעראָבע — שקאָדאַ כווילעטשקי...2)

אָבער אין איין זאַך האָט זי געהאַט אַ דורכפאַל, וואָס זי וועט עס זיך קיינמאָל נישט פאַרגעבן. און געווען איז עס אין איר שידוך.

ווען זי איז נאָך געווען אַ מיידל פון אַ יאָר פערצן, פופצן, האָט מען איר גערעדט אַ שידוך מיט אַ געוויסן יונגמאַן פון אַ נישט־ווייטער שטאָט, וואו זי האָט מיט אירע עלטערן געוואוינט ביז צום שפּעטערדיקן חתונה־באַגרעבעניש. אָבער זי האָט נישט געוואָלט, נאָר געטראַכט וועגן עפּעס אַ גראַף אָדער וועגן עפּעס אַן אומגעריכט־אַנקומענדיקן, פאַרכישופנדיקן יונגנמאַן, אין אַן אויסלענדישן קאָסטיום, אַזאַ ווי עס איז צוויבערדיק באַשריבן אין „פּאַן טאַדעאוש", אַ בוך, וואָס זי האָט אין די יונגע יאָרן ליב געהאַט צו לייענען פאַרן שלאָף, און באַהאַלטן עס אונטערן קישן אויף צומאָרגנס, ווען זי וועט, נאָכן איבערוועקן זיך, נאָך צוליגן אין בעט.

אָבער דאָך איז זי דורכגעפאַלן. נישט ביים ערשטן מאָל שדכענען, נאָר ביים צווייטן מאָל. און געווען איז עס, ווייל מ'האָט זי געפּאַקט שיר־נישט אַן אַראָפּגעפירטע דורך אַן אַפּיצער פון אַ רוסישן פּאָלק, וואָס איז צו יענער צייט, מיט איבער אַ פערציק יאָר צוריק, געשטאַנען אין דער שטאָט. אָט דעמאָלט האָט זי זיך געמוזט אונטערגעבן צו אַ נייעם שידוך, וואָס די עלטערן האָבן איר אויפדערגיך אונטערגעשאַנצט...

און געווען איז עס, אָט־דער שידוך, מיט דעם איצטיקן מאַן, ר' עזריאל אַפּטערן, מיט וועמען זי וואוינט אין געהאַקטע צרות, זינט יענער אַרויפגעצוואונגענער בראָך.

אָבער קיין פרייען בליק, קיין ליבלעכן שמייכל גיט זי אים סיי־ווי־סיי נישט, כאָטש זי איז געצוואונגען געוואָרן צו הויזן מיט אים.

— חצופה! — האָט דער חסידישער פאָטער שטילערהייט זי געפּלעגט רופן, ווען ר'איז אַהערגעקומען פון דער שטאָט, וואו ר'האָט

1.) ניע סטראַטש טשאַסו... — פאַרליר נישט קיין צייט.

2.) שקאָדאַ כווילעטשקי... — אַ שאָד די רגע...

געוואוינט, און צונעזען ווי זי פירט זיך אויף אקעגן אים, דעם ר׳ עזריאלן. — מיינסט, דער צלם־גוי, דער אפיצער, וואלט דיר שוין אויף אייביק געווען דערפילט אלע טייוולשע באגערן?... אפילו מיט אים וואלט זיך דיר נישט געווען אויסגעלאזט אינגאנצן כשורה...

אבער זי האט אים געהערט ווי דעם קאטער. זי האט ווידער געטאן, ווי פריער. האט ער, ר׳ עזריאל, דער מאן, געזאגט דאס, האט זי געזאגט עפעס אנדערש. האט ער געזאגט עפעס אנדערש, האט זי געזאגט פונקט דעם היפוך. און דאס נישט דערפאר, ווייל ער איז קיינמאל נישט גערעכט. ניין. ווען אפילו זי זעט, אז ר׳איז טיילמאל יא גערעכט, קען זי אים אויך נישט נאכגעבן. פשוט. זי קען נישט אים זען א גערעכטן. זיין גערעכטיקייט שווידערט זי אויף.

— וויאזוי קענסטו זיין גערעכט, — האט זי אים סרובמאל געזאגט — אז אפילו גאט האט דאך דיך באשאפן אן אומגערעכטן, א באעוולטן... זע! האסטו כאטש אביסל לעבן אין דיר? ביסטאך א געשטארבענער!..

אויבאזוי פארקערט איז זי געווען צו אים — איצט.

ער קומט אריין פאמעלעך, ר׳ עזריאל אפטער. א דערשלאגענער קומט ער אריין און שטעלט זיך אוועק אין מיטן געוועלבל, א שפאן פונעם מסחר־טישל, ביי וועלכן עס זיצט זיין פרוי, און טוט זיך א שטילינקן ברום, גלייך ער וואלט שוין פריער געוואוסט, וואס די פרוי וועט אים ענטפערן.

— געטראפן דעם בעל־דבר אליין... — זאגט ער — אים אליין, דעם אשת־איש... אבער זי, דאס אייגענע בלוט־און־פלייש, האט נאך מיר געוויזן דעם דרך...

פאניע, די פרוי, וואס איז געזעסן ביים „קאנטאר־טיש“, ווי זי האט, גרוים זיך־פארנעמענדיק, גערופן ס׳מסחר־טישל, האט געהאלטן די הענט אויפן ברוסטקאסטן, אין וואלענע הענטשקעס, איבער דער קעלט, וואס בלאזט אריין דורך דער נישט גוט־אוואווירטער טיר. געהערט אבער זיין קרעכצן, האט זי זיך האסטיק געטאן א שטעל־אויף און א ברען־אריין געגעבן אירע צוויי קוילן־שווארצע אויגן אין דעם פארקנאדערטן, בטלנישן און שברי־כלידיקן מאן, ווי א רויבערישער פלי פון צוויי קראען צו א נבלה, וואס מ׳קען צעטראגן אן שטער. אירע ציין האבן אזא שטשירע־געטאן, אזש ס׳איז אים א שוידער אדורך.

— א שיינע ריינע כפרה, מאנסיער... — טוט זי אים אויף

ניד־ביטולדיק אַ באַטיטל אויף פראַנצויזיש — נאָכאַמאָל שטעק נישט דעם שנאָבל אין פרעמדע טעלערס...

נאָך פריער, איידער ר׳איז אַראָפּ צו דער טאָכטער, האָט זי אים געוואָרנט, אַז ר׳זאָל נישט גיין, נישט וואָגן אפילו אַ פּיפּס טאָן. זי האָט רעכט צו טאָן, — האָט זי געזאָגט וועגן דער טאָכטער — וואָס זי וויל, און ער, דער פאָטער, דאַרף זיך נישט אַריינמישן. אפילו במחשבה נישט. און געפילט האָט זי בעתן רעדן, אַז הלוואי וואָלט זי זעלבסט, די יונג זיך־פילנדיקע מוטער, נישט געווען געפּטערט אירע בעסטע יאָרן. הלוואי וואָלט זי געהאַט דעם ווילן צו טאָן דאָס, וואָס זי האָט געפילט. הלוואי וואָלט זי נישט געווען קיין מורא געהאַט פאַר דעם, וואָס מענטשן וועלן זאָגן און טראַכטן וועגן איר. אָבער ווייל די טאָכטער גייט אויף דעם וועג, וואָס זי, די מוטער, האָט אויף אַזעלכן אויך געדאַרפט גיין, נאָר, צוליב מענטשלעכער נאַרישער שוואַכקייט צו רעכענען, וואָס אַנדערע וועלן זאָגן, נישט געגאַנגען, פילט זי, ווי זי, די מוטער, וואָלט פלוצים אין אַלעמען נקמה־גענומען. נקמה אין אירע אומגערעכטע, פאַרשטאַרבענע עלטערן, אין איר מאַן, אין די מענטשן, פאַר וועמען זי האָט אַלע אירע בעסטע יאָרן מורא־געהאַט. זי פילט, אַז זי איז גרייט זיך אַקעגנצושטעלן איטלעכן איינעם, וואָס וועט וואָגן צו זאָגן מוסר אויף איר טאָכטער.

אויבאַזוי איצט.

געהערט אויפסניי זיינע תרעומות, האָט זי אים מיטאַמאָל געגעבן אַ מעביר־נחלהדיקן פּסקן־אַוועק און אָפּגעשניטן מיט דער וואָרנונג: שטעק נישט דעם שנאָבל אין פרעמדע טעלערס...

איי, זי, באַלטשע, איז זיין טאָכטער ,איז נישט קיין פרעמדע? דאָס איז ביי איר, פאַניען, דער מוטער, געווען נישט אַזוי דער אמתער אמת, ווי אַ תירוץ, הינטער וועלכן זי האָט זיך געוואָלט אויסטענהן, נישט פאַר דער טאָכטער, נאָר פאַר זיך. וואָרים ווען נישט ער, אַלס נישט־געוואונטשטע, פרעמדע צוטשעפעניש, וואָלט זי דאָך נישט געדאַרפט אַזויפיל יאָרן אָפּפינצטערן!

— איבעריקנס, — טוט זי נאָך אַ זאָג צום שברי־כלידיקן מאַן — אַ פרוי איז אפשר נאָך מחויב צו ליידן, אָבער אַ טאָכטער?... זי איז סיי־ווי־סיי נישט ענלעך צו דיר. זי גראָט אינגאַנצן אַריין אין מיר...

געמיינט האָט עס: פאַרשטיי, אַז ביסט אונדז ביידן פרעמד.

ר׳ עזריאל אַפּטער האָט שוין נישט איין מאָל געהערט אירם אַ פּסק. און אויך שוין נישט איין מאָל פאַרגעבן. אָבער איצט האָט ער געפילט, ווי נישט צו רירן זיך פונעם אָרט, ביז ער וועט נישט האָבן אָדער אייגענע יציאת־נשמה, אָדער אין נאָמען פון גערעכטיקייט, צדקות און דעת־התורה מאַכן אויפן אָרט אַ תל פון דער פרוי.

נאָך עטלעכע ווײַלעס אַזוי צושטיין, האָט ער אָבער זיך גערירט און איז אַרײַן אין צימערל — הינטערן געוועלבל.

— אשקא דריספּק חרב ביתר... — האָט ער, ר׳ עזריאל אַפּטער, בעתן אַריינגיין געהאַט במחשבה — איבער אַ שלעכטער מינוט, רחמנא־לצלן, קען חרוב ווערן אַ וועלט...

ער האָט אָבער נישט געוואָלט נישט חרוב־מאַכן. אפילו נישט קריגן זיך. ער האָט בלויז געוואָלט שלום און דת. און דאָס, מיט השי״תם הילף, וועט ער, גלויבט ער, טאָן אויף אַן אַנדערן אופן. יאָ, ער׳ט זיך נישט מייאש־זײַן. ניין. באַין אופן נישט.

פאַניע איז אָבער געשטאַנען נאָכאַלץ נאָכבערענענדיק מיט אירע צוויי קוילן־שוואַרצע, רויבערישע קראַעז־אויגן און האָט נישט אויפ־געהערט צו גריזשען מיט די ציין :

— און מיט דעם־אַ דאַרף איך נאָך אפילו מײַן עלטער אַפּפינצ־טערן... אַ, ווי אַכזריותדיק עס איז סרובמאָל דער מלאך־המות !

6.

דעם איבעריקן טאָג און די גאַנצע נאַכט האָט ער, ר׳ עזריאל אַפּטער, שוין פאַרבראַכט אין שטיבל, הינטערן טאַבאַק־געוועלבל.

דאָרטן אין שטיבל האָט ער געהאַט זײַנע ספרים — די חומשים, דעם תלמוד־ירושלמי ,דעם תלמוד־בבלי, דעם מורה־נבוכים, דעם זוהר, די יורה־דעה און נאָך אַנדערע ספרים, וואָס פון מישלען און סרובמאָל צוליב דעם איינדרימלען ,אָדער איינשלאָפן אויף זיי, אין דער שפּעטער נאַכט, ביים צווייטן, אָדער דריטן משמר, זענען זיי געל געוואָרן.

דאָרטן, אין שטיבל, האָט ער אויך געהאַט אַ טישל, וואָס געשטאַ־נען לעבן די פאָליצעס מיט ספרים, און אַ בעטל, וואו ער האָט זיך סרובמאָל צוגעלענט, אָדער, צוליב דעם שפּעטן לערנען, שוין אינ־גאַנצן נישט געוואָלט אַריינגיין אין שלאָף־חדר, וואו ס׳שטייען דער פרוים און זײַן בעט. ער האָט שוין דאָ צוגעלייגט דעם קאָפּ ביז אינ־דערפרי.

דאָס דאָזיקע שטיבל האָט ער גערופן : חדר־מיוחד. קיינער האָט דאָ נישט געהאַט וואָס צו טאָן — אחוץ ער אליין.

איז אַט נאָך דעם פּסק, וואָס ר׳האָט אַריינגעכאַפּט פון זיין גרינגקעפּיקער פרוי, האָט ער זיך אַט־אַ־דאָ אוועקגעזעצט און — צי יאָ געלערנט, צי נישט — כּלל זיך נישט אַרויסגערירט איבער דער שוועל. האָט די פרוי גענומען אים אַ סך מאָל רופן מיט גוטן, אָדער מיט בייזן. ער איז נישט געגאַנגען. קיין טראָט נישט.

פיל מאָל, בעתן זיצן און אַריינקוקן אין אַ ספר, האָט ער אַ ציטער־געטאָן פון אַ פּלוצימדיקן, רעשיקן רוף:

— עזריאל, קום אַריין אין געוועלב!

— עזריאל, די הויט זאָל זיך אויף דיר אַזוי קריגן, ווי דו קריגסט זיך מיט מיר שטילינקערהייט...

— עזריאל, וועסט פאַרטרייבן די קונדן איינעם נאָכן אַנדערן...

— עזריאל, אונטערן האַרצן זאָל זיך דיר אַזוי דרייען, ווי דו צעדרייסט מיר די טעג מיט די נעכט... אוי, גאָט! פאַרוואָס אַזאַ גהינום ביים לעבן?...

אַבער ס׳האָט גאָרנישט געהאָלפן. ער איז געזעסן אין זיין נישט זייער ליכטיקן חדר־מיוחד, איבער אַן אויפגעמישטן ספר, אַמאָל יאָ האָבנדיק די מחשבות און די רעיונות צו לערנען און אַמאָל נישט, און האָט זיך נישט גערירט פונעם אָרט.

— אשה רע מר ממות... — האָט ער געטראַכט וועגן דעם פּסוק, וואָס די גרויסע חכמים האָבן אַמאָל געזאָגט, און נישט געוואָלט נאָכגעבן, כאָטש ער האָט עס געהאַלטן פאַר אַן עוולה. אַבער אַזוי ווי זי גיט אים נישט נאָך אין קיין שום פּרט, זינט ר׳איז מיט איר אַפּער פון אונטער דער חופּה, אדרבא, וואָס מער ער בייגט זיך, אַלצערגער ווערט זי, ווייל אַזוי — וועט ער איר איצט לגמרי נישט נאָכגעבן. און דאָס, נאָכמער דערפאַר, ווייל עס האַנדלט זיך נישט וועגן קיין סתם עסק, נאָר פונוועגן אַ זייער וויכטיקן, יסודיקן יידישן תוך, אַ דרך שבדרכים פון אַ יידישער טאָכטער, וואָס די מוטער גיט איר נאָך אין אַלעם.

איז אַט דערפאַר האָט ער זיך נישט אַרויסגערירט פון זיין מקום־מקלטדיקן קדשי־קדשימדיקן שטיבל, כאָטש זי, די פרוי, האָט זיך אויסגעשריען די לונג־און־לעבער, כאָטש זי איז שיר־נישט היי־זעריק געוואָרן פון געוואַלדעווען. ער האָט שוין דאָ זיך גענומען באַ־פּעסטיקן.

דאָ האָט ער געדאַוונט מנחה, מעריב. דאָ האָט ער אויך געלייענט קריעת־שמע. און אויך דאָ איז ער שפּעט נאָך האַלבער נאַכט.

איינגעטלעד פארטאג, איינגעשלאפן. ער האט נישט גענומען אין זיין מויל אריין, זינט פאר האלבן טאג, ווען ר'האט זיך געהאט געלאזט אראפ צו דער טאכטער.

ער האט געהאט א שטיקל תענית.

שפעט אינדערפרי, נאכן אפדאווענען פארזיך, איז ער אבער יא ארויס פון חדר־מיוחד.

אבער ארויס איז ער איצט נישט כדי צו שטיין אין טאבאק־געוועלבל, נאר כדי צו פארקלייבן זיך צום שטאטישן נייעם פרנס, דעם נאדמלחמהדיק־אויפגעקומענעם גביר, אווראמעלע שידלען, דעם געוועזענעם פערד־הענדלער — פונוועגן א פריוואטער בקשה: אפצולאזן די טאכטער אי לטובת אים, דעם אלטן פאטער, אי לטובת דער טאכטער און אי לטובת דער שטאט.

לטובת אים, דעם פאטער, ווייל ער וואלט נישט געוואלט גיין אין קבר אריין מיט א פארשעמטן פנים. לטובת דער טאכטער, ווייל זי איז צוליב פרנסה אראפ פונעם גלייכן וועג און וועט, צוליב דעם שלעכטן שם אין שטאט, דארפן גיך פארריכטן אלץ, כדי צו קענען נאכאמאל חתונה־האבן כדת משה וישראל. און אויך לטובת דער שטאט, ווייל זי וועט אנווערן די נויטיקע אמונה אין אים, אווראמעלע שידלען, אלס מנהיג־הקהילה און דארפן אויסשטיין, רחמנא־לצלן, א סך מחלוקות פון אלערליי צדדים — פון די שלומי־אמונה־ישראל ביז צו די — — — ווי רופט מען זיי? אהא, יא: קאמוניסטן, וואס פארארבעטן שוין איצט א וועלט.

ער איז ארויס אויף דער גאס, כאטש די אשה־דע־מר־ממות האט אים נישט געלאזט, נאכגעשריען, און האט זיך גענומען גיין אראפ צום בעל־דבר פונוועגן אפטאן דאס שטיקל וויכטיקע ארבעט, וואס ר'האט פארטראכט.

.7

דער וועג אראפ האט זיך געצויגן דורך דער לאנגער, אבער שמאלער באלעגאלע־גאס, וואס פונעם ער מארק ביז ארויס פון דער שטאט.

פון ביידע זייטן באלעגאלע־גאס זענען געשטאנען פלאטשיקדאכיקע הילצערנע הייזקעס, מיט ליים־פארקלעפטע פענצטערלעך, מיט אויסגעבראכענע שויבן, וואו ערטערווייז האט געשטעקט א

שמאַטע, ערטערווייז אַ טאָוול, און די אויסגעקרומטע ווענט זענען געווען אונטערגעשפּאַרט מיט דרענגלער — —נישט איינצופאַלן.

זיי האָבן אויסגעזען ווי אויסגעלייזיקטע, פאַרוואָרלאָזטע געשעפט־ביידלעך נאָך אַ גרויסן יומא־דפּגראַדיקן יאַריד.

אַמאָל, מיט יאָרן צוריק, אַפילו באַלד נאָך דער מלחמה, איז דאָ אין דער גאַס און אין די הייזקעס געווען זייער טומלדיק, יאַרידיש.

אויף דער גאַס זענען געשטאַנען אַ סך באַלעגאָלעס. אייניקע מיט פורלעך, געשפּאַנט צו איינציקע פערד, וואָס זענען געפאָרן צו דער באַן מיט פּאַסאַזשירן. אַנדערע מיט שווער־רעדערדיקע וועגענער, וואָס האָבן געפירט אי פּאַסאַזשירן און אי פראַכט צום וואָקזאַל, פון וואַנען אי די מענטשן און אי די סחורות זענען אַוועק אין פאַרשידענע ריכטונגען: טייל קיין ווארשע, טייל קיין לאָדזש. אַנדערע קיין דאַנציק. אויך זענען דאָ באַלעגאָלעס געשטאַנען מיט פיל דראָשקעס, אויף גומענע און אייזערנע רעדער, געשפּאַנט צו צווי און צו דריי פערד, וואָס האָבן געפירט מענטשן צו און פון דער באַן.

ס׳איז געווען ווי טייכן, וואָס שטראָמען אַרויס פון אַ ים.

קיין געוואַלדאָוונע פּרנסה האָט מען דאָ אייגנטלעך סיוויסיי קיינמאָל נישט געהאַט. דעם איז אַ פערד געפאַלן אין מיטן וועג. דעם איז אַ פערד לאָם געוואָרן און האָט געמוזט שטיין אין דער „היים" — אין דער שטאַל — און אויפעסן די ציין פון בייטל. אַז אַנדערער האָט איטלעכן מאָנטיק און דאָנערשטיק געהאַט צו טאָן מיטן קאָוואַל. דאָ רעדער, דאָ רעסאָרעס, דאָ די לעדערנע בויד, אָדער גאָר אַקסן — — — מ׳האָט שטענדיק עטלעכע מאָל אין דער וואָך געהאַט אַ יום־טוב.

אָבער מ׳האָט זיך דאָך געהאַלטן אויף די פּיס. מ׳האָט דאָך געזשיפּעט.

אויך איז דאָ געווען גאָר אַנדערש אין די וואוינונגען.

אין טייל וואוינונגען האָט מען זיך געבונטעוועט קעגן באַלעגאָלעריי און מ׳האָט זיך גענומען אַרויסרייסן מיט געוואַלד. טייל עלטערן האָבן געלערנט די קינדער אין שקאָלעס, געשיקט זיי אין די גימנאַזיעס. טייל האָבן געהאַלטן אַ פּאַד, שניידעריי, שוסטעריי, עולה־למעלהדיקער פון אַלעם. אַנדערע האָבן גאָרנישט געטראַכט, אַז ס׳איז אַזוי שלעכט צו זיין אַ באַלעגאָלע, אַבי נאָר צו האָבן פּרנסה און נישט ווערן מיט בלאָטע צוגלייך ביי די באַלעבאַטימלעך איז שטאָט. דערפאַר זענען ס׳רובמאָל דאָ אין די הייזער פאַרגעקומען

געשלעגן איבער יחוס און איבער שידוכים.

טייל באַלעגאַלעס האָבן זיך אַריינגעשטאַכן מעסערס אין די רוקנס פאַר נישט דערלאָזן צו שידוכים צווישן די קינדער. טייל — פאַר רייסן פּאַסאַזשירן. טייל פאַר אָפּסמען די פערד. אַנדערע — האָבן זיך סתם־אַזוי אַרומגעבויקערט. דאָ איבער נישט קריגן אין בית־מדרש קיין מפטיר צום געבורט פון אַ קינד. דאָ איבער אַריינגע־דרייט ווערן, דורך שמד־שטיק צווישן להכעיסדיקע באַלעגאַלעס און בית־מדרש־גבאים, צו די עוזר־דלים־הקפות. דאָ איבער אַ כאַפּ־טאָן אַ מיידל און זי „בגראַנדע" מאַנס־זיין. דאָ איבער אַריינפּירן, סדר־נאַכט, צו שפוך־חמתך, אליהו הנביאן אין תכריכים און איבערשרעקן ס׳גאַנצע געזינדל אויף טויט — — —

בקיצור: ס׳איז נישט געווען אינגאַנצן ווי ס׳האָט געדאַרפט זיין. ס׳האָט זייער אַ סך געפעלט, ס׳זאָל זיין צו גאָט און צו לייט. אָבער ס׳איז געווען טומלדיק. ס׳איז געווען אַ טייל יידיש לעבן, אַ נישט אינגאַנצן געזונט לעבן, אָבער דאָך אַ לעבן, וואָס מ׳האָט געקענט אויסבעסערן, אַמאָל דורך אַ מוסר־וואָרט פון שטאָט־רב, אַמאָל דורך אַ שטראָף־וואָרט פון סתם־אַזוי אַ ייד, אַ חשוב. כאָטש נישט אַלעמען האָבן זיי זיך צוגעהערט, אַט די שווער־פאַרהאַרעווע־טע מענטשן דאָ, מחמת זיינט די כלערליי איבערקערענישן, וואָס זענען פאַרגעקומען קעגן דער צאַרישער ממשלה, זינט ניינצן הונ־דערט און פינף, האָבן זיי זיך אויך געבונטעוועט קעגן באַלעבאַטים בכלל. דאָך, כל זמן שהנשמה בקרבם — איז נאָך געווען אַ האָפענונג.

היינט אָבער אינגאַנצן טויט. ווי עס וואָלט דאָ קיינמאָל קיין לעבן נישט געווען. שטיל. שאַ. קיין שאָרך נישט.

אייניקע זענען אויסגעשטאָרבן. אַנדערע זענען אַוועק איבער דער מדינה צו גיין אויף די טירן... נאָך אַנדערע האָבן זיך אָנגע־לייגט אין די הקדש־שטיבן, ווייל ז׳האָבן נישט צו צאָלן דאָ קיין דירה־געלט. און די, וואָס זענען דאָ נאָך געבליבן, וואַרטן אויף קהלס הילף, אָדער אויף סתם־אַזוי אַ נס מן השמים, אָדער פון ערגעצאַנדערש.

און געקומען איז צו אַטדער ירידה און חורבן איבער דעם פּראָ־נרעס, איבער דער מלוכהש־דערלויבטער נייער טראַנספּאָרטאַציע: אויטאָמאָבילן־טאַקסאָוואָקעס. פאַרוואָס נישט קיין אויטאָמאָבילן־טאַק־סאָוואָקעס? געווים אויטאָמאָבילן־טאַקסאָוואָקעס. ווען נישט די אוי־טאָמאָבילן־טאַקסאָוואָקעס וואָלט מען דאָך נישט געקענט זיין ביים וואָקזאַל, וואָס איז אַ צוואַנציק קילאָמעטער מהלך, אין אַ לענגער־

רעד־איד־מיט־דיר. נאָר ווען איז דאָס גערעדט געוואָרן אויטאָמאָבילן־טאַקסאָוואָקעס? דעמאָלט, ווען מענטשן זענען נישט די קרבנות. אויב מענטשן דאַרפֿן זיין די קרבנות, טאָ צו וואָס טויג עס? צו וואָס די גאַנצע הנאה צו זיין אין לענגער־רעד־איד־מיט־דיר ביים וואָקזאַל, אָדער פון דאָרטן צוריק? ווער דאַרף עס? איז דאָס אויפטו? אפילו שלמה המלכס בויען ס'בית־המקדש פאַר כביכולן איז דאָך נישט געווען אינגאַנצן קיין נחת־רוח, ווייל מ'האָט געבויט אויף מענטשנס בראָד...

נו, איז וואָס? איז דאָס אַזאַ זאַך, וואָס מ'דאַרף עס לאָזן גיין, ווי עס גייט? ס'וואָלט דאָך געווען עק־וועלט, ווען מ'זאָל עס לאָזן גיין ווי עס גייט! אין שלמה המלכס צייטן זענען געווען דעמאָלט־דיקע מענטשן, וואָס האָבן מוריד־געווען. און היינט דאַרפֿן זיין היינטיקע, וואָס זאָלן אויך מוריד־זיין. אמת, ס'זענען דאָ. מ'רופֿט זיי — ווער ווייסט אַליץ מיט וואָסאַראַ נעמען. עפּעס אייניקע — בונדיסטן. אַנדערע — קאָמוניסטן. און נאָך... אָבער ווער הערט זיי?

אַמאָל, ווען ער, ר' עזריאל אַפּטער, איז נאָך געווען אויף דער שטעלע, ס'הייסט פאַר דער קריג, האָט ער זיך געזען פיל מאָל איינצושטעלן אין דער קהילה. ער האָט ס'רובֿמאָל נישט געלאָזט קומען אַז אסיפה צו קיין סוף, ביז מ'האָט נישט געזען עמעצן פון דערדאָזיקער באַלעגאַלע־גאַס צו העלפֿן. דעם מיט אַ פאָר קערבלעך אויף אַ פערד, וואָס אַז אים האָט מען קיין פּרנסה אין הויז נישט געקענט האָבן. דעם מיט שטיצע אויף אַן עגלה. קורץ: די „שטאָט" האָט געוואוסט, אַז זי איז נישט בלויז אַ נעמעריין, אַ נצרכטע, נאָר אויך אַ געבעריין.

ווער אָבער קוקט זיך היינט אום אויף דידאָזיקע זאַכן? קומט אוים די נייע פּרנסים אַליין צו עפענען דעם בייטל איז ווי רייסן ציין מיט צוואַנגען. פאַלט אַריין אַ פאָר טאָלער פון אַמעריקע, ווערן זיי צעטיילט צווישן מיר און דיר. צווישן אַזעלכע, וואָס האָבן אַ צאַפּן אין דער שיסל. וואָס זאָלן אָבער טוען אַזעלכע, וואָס זענען פאַרמשפּט געוואָרן קיין צאַפּן אין שיסל נישט צו האָבן?

קורץ: די היינטיקע פּרנסים זענען נישט נאָר גרויסע עמי־הארצים, נאָר אויך גרויסע כבוד־זוכער, וואָס פאַרטיילן די המוציאס מערסטנס צו די, וואָס קלעפּטשען אין די פּלייצעס איבערגענוג.

— ווי, וואָס אויף אייך איז געקומען... — —טראַכט ער, ר' עזריאל אַפּטער בעתן גיין אין דער באַלעגאַלע־גאַס און קוקן אויף ביידע זייטן הייזקעס — אפילו אין דער קהילה איז שוין נישטאָ קיין

מענטש, וואָס מ׳זאָל זיך קענען אויף אים פאַרלאָזן. אומעטום הפקירות, שוחד, כבוד־זוכעניש...

8.

אַרויס פון דער שטאָט — האָט זיך באַלד דערזען דאָס פּאַ־לאַצישע געהייז פון איינעם פון די מנהיגי־הקהל, אוורעמעלע שידלעג.

ביים ברעג טייך, וואָס פליסט צו דער ווייסל, איז זיך געשטאַ־נען, אַרומגערינגלט פון אַ הויכן, געמויערטן פּאַרקאַן, אַ צווייִשטאָ־קיקע, ווייס־געשאַברעוועטע געביידע, מיט גרויסע פענצטער, פון וועלכע מהאָט אַרויסגעזען גרין־באַבלעטערטע ,ראָז־בליענדיקע וואַזעס און לאַנגע, שווערע, זיידענע פּאַרהאַנגען.

אין פראָנט פון אָטדער געביידע, ביי די טרעפּ צו די גרויסע באַגאַרדינטע שויבנטירן, וואו קיין פּאַרקאַן איז נישט געווען, זענען געשטאַנען צוויי עלעקטרישע לאַמפּן, וואָס האָבן באַנאַכט באַלויכטן דעם אַריינגאַנג פאַר געוויסע געסט, וואָס מ׳האָט דורך אַנדערע נישט זייער פּאַראַדנע דורכגאַנגען נישט געוואָלט דורכפירן.

אַלע אַנדערע נעכט, אויך באַטאָג, האָט מען אָטדי פּראָנטאַווע שויבנטירן נישט געעפנט. מ׳איז געגאַנגען דורך אַ טירל, וואָס איז פּאַרקאַן.

אַחוץ דעם טירל איז געווען נאָך אַן אַריינגאַנג — אַן אַריינ־פאָר־טויער — דורך וועלכן מ׳איז דורך מיט בריטשקעס, קאַרעטעס און בלויזע פערד.

מיט די בריטשקעס און קאַרעטעס זענען אָנגעקומען — פּריצים.

מיט די פערד — רייכע פּויערים, אָדער פּריצישע שליחים.

ס׳רובֿמאָל זענען בריטשקעס, אָדער קאַרעטעס אַריין אין גרויסן הויף, וואָס אין פּאַרקאַן, און די גדולי־העשירות, די פּריצים, די יאַשניע וויעלמאָזשני פּאַנים, זענען פּאַרבליבן איבערנעכטיקן אין צווייִשטאָקיקן געהייז ביז אינדערפרי.

און גאָר אָפט זענען אָנגעקומען צורייטן מענער מיט באַפּטעם פערד, געבליבן שטיין אינעווייניק, אויפן הויף, און אַ קורצע צייט נאָכדעם האָט זיך פון דאָרטן אויפגעהויבן אַ געוואַלד, אַ געשריי, אַזש מ׳איז זיך צונויפגעלאָפן פון אַרום און ווי אויף אַ בייז־וואונדער.

געווען איז אָטדאָס פּאַלאַצישע געביי אַ צונויפקום־פּלאַץ פאַר

אַלע גוט־שטייענדיקע פּריצים פון אַרום דער געגנט און פאַר די מיינסט־רייכסטע פּויערים, וואָס האָבן זיך געריבן אַרום פּריצים און אַרום לאַקנדיקע רייכע געשעפטן.

טיילמאָל זענען זיך אַטדאַרטן צונויפגעקומען די פּריצים אויף אַ קאָרטן־שפּיל, וואו ס'זענען פאַרלוירנגעגאַנגען און געוואונען געוואָרן מאַיאָנטקעס. טיילמאָל האָט מען געמאַכט מסחרים מיט פערד. דער האָט פאַרקויפט דעם אַזאַ פּאַרטיע פערד, און דער דעם אַזאַ פּאַרטיע. טיילמאָל האָט מען געמאַכט מסחרים מיט תבואות. אָבער מערסטנס איז מען זיך צונויפגעקומען צו מאַכן אַן אויפנעם פאַר אַן אָנגעפאַרענעם „פּאָסעל" — סיים־דעפּוטאַט — וואָס איז אויס־געוויילט געוואָרן פון דער אַרומיקער געגנט, און מ'האָט מיט אים גערעדט וועגן זייער שטאַרק קעמפן אין סיים קעגן געוויסע טענות פון סאָציאַליסטישע און פּויערים־דעפּוטאַטן וועגן ערד־פאַרצע־לאַציע. אויך האָט מען ס'רובמאָל געמאַכט הוליאַנקעס פאַר סאָ־ציאַליסטישע דעפּוטאַטן און פאַר פּויערשע. הוליאַנקעס — כאַטש איטלעך מאָל זענען זיי, די סיים־דעפּוטאַטן, די סאָציאַליסטישע און פּויערשע, אַרויס מיט אַ טענה אויף תרעומותדיקע רייד פון זייערע ווילער, אַז זיי האָבן זיך נישט געלאָזט פאַרשיכורן.

—אונדזערע קלאַסן־אינטערעסן וועלן מיר קיינמאָל נישט פאַרגעסן...

— דאָס האַרעפּאַשנע פּויערים־פאָלק וועלן מיר קיינמאָל נישט פאַרראַטן...

אָבער צו וואָס אַממיינסטנס מ'איז געקומען, איז געווען צוליב פאַרמערן פערד.

אַז מ'האָט געהאַט אַ „זי" האָט מען זי געבראַכט צו אָוורע־מעלע שידלען אין הויף אַריין. דאָ האָט מען זי צונויפגעפירט מיט איינעם פון די אָגערס, וואָס ער, אָוורעמעלע, האָט ספּעציעל געהאָ־דעוועט, און פון איטלעכן באַזונדערן געכאַפּט אַ גערן־געגעבענעם גרויסן באַנקנאָט.

און געקומען איז מען מיט דידאַזיקע „זים" פון אַרום און אַרום. פון הייף און פון דערפער. ווער נאָר ס'האָט געהאַט אַ געזונטע „זי", איז מיט איר געקומען און אין דער זעלבער צייט אויך מיט־געבראַכט אַ גרויסן באַנקנאָט. טיילמאָל איז מען אָנגעקומען מיט אַזויפיל „זים" אַזש ס'איז נים געווען אינעווייניק קיין פּלאַץ, וואו צו האַלטן זיי.

ס'רובמאַל האָט מען דערפאַר געמוזט זיין באַשעפטיקט פון גאַנץ פרי אָן.

אַט אויך אַזוי — איצט.

9.

אַריינגעקומען אין הויף אַריין, איז ער, ר' עזריאל אַפּטער, גע־בליבן שטיין.

אַמאָל, מיט פיל יאָרן צוריק, האָט מען דאָ, וואו עס שטייט איצ־טער דאָס גאַנצע פּאַלאַצישע געבוי, געהאַט אָנגעהויבן צו בויען אַ זייער מאָדערן באָד־און־מקווה־געהייז.

עס איז געווען נישט לאַנג פאַרן מלחמה־אויסברוך.

די קהילה, וואָס האָט געהאַט אַטדי קהלשע אונטערנעמונג אונ־טערגענומען, האָט שוין געהאַט אַריינגעלייגט אין דעמדאָזיקן עסק אַ שלל מיט געלט. אין דעם פונדאַמענט, וואָס מ'האָט געקאָפּיעט זייער טיף, איז שוין געווען אַ וועלט מיט אַרבעט. איבערן פונדאַ־מענט, וואו ס'זענען געווען אָנגעשאָטן אַ סך שטיינער, זענען שוין געווען אויסגעמויערט אַ סך קאַפּליאַנע ווענט. צווישן טייל ווענט האָבן זיך געזאָלט בויען די מקוואות: איינע פאַר פרויען און איינע פאַר מענער. אויך האָבן געזאָלט זיין וואַנעס פאַר איינציקע מענטשן, אין באַזונדערע שטיבלעך. אויך שטיבלעך מיט מעבל, וואו קליינע גרופּעס מענטשן זאָלן זיך קענען אָוועקלייגן, ווען זיי גייען אַרויס פון וואַסער אָנגעמאַטערטע.

עס זענען שוין אַפילו אויך געווען געצויגן די רערן, אַרום די ווענט, דורך וועלכע מ'האָט געדאַרפט צאַפּן דאָס וואַסער פונעם ברונעם, וואָס איז שוין געווען אויסגעקאָפּיעט אויפן הויף.

און אויך איז שוין דער שטאָק איבערן פונדאַמענט, וואו די מקוואות האָבן געזאָלט זיין, געווען פאַרטיק.

די בענק, וואָס מ'דאַרף האָבן אין באָד, זענען שוין געווען געגאַרנט ביז צו די קראַקוועס, וואו ס'האָט געדאַרפט געלייגט ווערן דער דאַך. אויך האָט מען שוין געהאַט אָנגעהויבן צו בויען דאָס קעסל־גרוב פאַרן פייער און דאָס גרויסע מזבח, וואו די גלי־שטיינער אָוועקצולייגן, כדי אַ פּאַרע, נאָכן אויפגיסן דאָס וואַסער, זאָל גיין פון דאָרטן, ווען מענטשן וועלן זיך אָוועקלייגן אויף די בענק. כמעט אַלע וויכטיקסטע הויפּטזאַכן זענען שוין באַלד געווען פאַרטיק.

נישט איינער, וואָס איז דאָ געהאַט אַראָפּגעקומען צו געבן אַ קוק וויאַזוי עס בויט זיך און ווי עס האַלט דאָס ציבורדיקע שטיקל פאַרמעגן, האָט שוין געהאַט אונטערגעהויבן מיט די פּלייצעס, ווי צו טאָן זיך אַ שיבער פון היצנדיקער באָד־פּאַרע, און, אין דמיון, אַ צמאַצק געטאָן מיט די ליפּן:

— איי, יידן... נאָך אַ שעפּעלע ,נאָך! ס'וועט מער העלפן צו שטאַרקן ס'יידישע פאָלק איידער אַלע געשרייען און געפּילדערן...

אָבער אין מיטן — טראַך!

— אַ מלחמה!

— אַ מלחמה צווישן די מלוכות איבער דער גאַנצער וועלט...

נו, נאָכדעם האָט זיך שוין אַלץ אָנגעהויבן צו קייקלען וואָס אַמאָל אַלצטיפער און טיפער. פיל מענטשן זענען אַוועק אין ברען אַריין. פיל זענען חרוב־ומוחרב געוואָרן, כאָטש זיי זענען געבליבן אין דער היים. אַ סך זענען געוואָרן קבצנים, כאָטש זיי האָבן שטענ־דיק געהאַט פון אַלעם גוטן. דער פונדאַמענט האָט זיך אַ רוק־אַוועק געגעבן פון אונטער די פיס, פונקט ווי אַ פּלוצים־זינקענדיקע שיף טוט זיך אַ לאָז אַראָפּ צום תהום און לאָזט איבער פיל פּאַסאַזשירן, אַן שיפלעך, צווישן די כוואַליעס אויפן ים.

אָבער דאָך איז אַלץ נישט אומגעקומען.

דער טייל, וואָס האָט זיך געראַטעוועט, האָט זיך באַלד אָנגע־הויבן צוריק צו שטעלן זיך אויף די פיס. שווער איז אָבער געווען פאַר די, וואָס האָבן פריער און אויך איצט געדאַרפט לעבן פון קהל. למשל: פאַרן רב און זיינם גלייכן. ערשטנס האָבן מענטשן געהאַט מיט זיך גופא צו טאָן. צווייטנס איז נישט געווען אַזאַ זאַך ווי שחיטה, פּסקענען שאלות. פּשוט: אי ווייל מ'האָט קוים אויף ברויט געהאַט און אי ווייל תביעות, תרעומות בין אדם להבריות זענען נישט געווען אַזוי ברענענדיק, וואָס מ'האָט זיי, געפּסקנטע, געמוזט האָבן צום רומל.

ס'רומל — קיום, צער איבער פאַרלוירענע קינדער, אומגעקו־מענע מענער, פרויען — איז אַזוי אויך געווען געננוג שווער.

אָבער מ'האָט זיך אַן עצה געגעבן.

מ'האָט צונויפגערופן אַן אסיפה פון די נאָך איבערגעבליבענע שטאָט־טאַטעס און באַשלאָסן צו פאַרקויפן אַטדאָס גאַנצע נישט פאַרענדיקטע געביי דאָ אויפן פּלאַץ, אַבי נישט צו לאָזן פאַלן דעם צדיק־העיר — דעם רב.

— סיוויסיי איז פון גאַנצן געביי, איבער דער מלחמה, געוואָרן אַ באַרג מיט אַש... — האָט מען זיך באַרעכטיקט פאַר דעם עסק — אַז השי"ת וועט העלפן, וועט זיין אַנדערש...

איז אַט אַזויאַנאַך איז אוורעמעלע שידלע, וואָס איז שוין דע־מאָלט געווען שטיין־רייך פון צושטעלן פערד צו דער מלוכה, געוואָרן דער באַלעבאָס פון אַטרעם אַלצמיטאַנאַנד.

אמת, קיין אַנדער בנין האָט מען נישט זינט דעמאָלט, אָבער דעם רב מיט דער פאַמיליע האָט מען געראַטעוועט פון, חלילה, אַ סכנה.

איז אַט איצטער שטייט ער, ר' עזריאל אַפּטער, אויף דעם אָרט, וואָס איז אַמאָל געווען אַ רשות־הרבים. עס איז אים נישט ניחא צו שטיין דאָ און צוצוקוקן ווי אויף אַ רשות־הרבימדיקער נחלה האָט זיך צעבויט און נישט־יידישלעך צעלייגט אַ מאַז, וואָס איז מיט לייב־און־לעבן אַריינגעטאָן מער אין איינעם קיום, אין תשוקות, איידער אין די הצטרכות פון דער קהילה. אָבער דער עניז, וואָס ער דאַרף מיט אים איבעררעדן, איז אַזאַ, וואָס לאָזט אים נישט צוריק. ער מאָנט יישוב־הדעת, מיושבדיקייט און פאַרשווייגעניש.

איז אַט וויל ער „פאַרגעסן", וואָס ס'איז געווען אַמאָל, און רירט זיך צו גיין ווייטער פונוועגן זיין אַהערקומען.

.10

פון די שטאַלן, וואָס אין סאַמע סוף הויף, ביים טייך, האָט מען אַרויסגעפירט פערד. זייער אַ כּד פערד. חמרים. פון איין עק — אַנגערס, פון אַ צווייטן — קאַבילעס.

עס איז געווען אַ גערויש ווי פון אַ ווינט.

פון ביידע זייטן האָבן זיך די פערד געריסן פון די פירערס הענט. זיי האָבן זיך געוואָלט באַגעגענען אַז עמעצנם מיטהילף.

די פירער האָבן אָבער נישט געלאָזט.

געווען זענען די פירער: יידן און קריסטן. אייניקע — אין פלאַנעלענע שפּענצערס, אַז היטלען אויף די קעפּ. אַנדערע אין בלויזע וועסטן, די לייבל־אַרבל — פאַרבייגלט, און די קאַשקעטן אַראָפּגע־רוקט. ביי איינעם אויף איין אויער. ביי אַ צווייטן אויף אַז אויג. ביי אַ דריטן אויף דער נאָז. זיי האָבן אויסגעזען, די פירער, ווי מ'וואָלט זיי נישט געלאָזט רוען קיין גאַנצע נאַכט.

געוועז זענען די פירער: פערד־יינגען, וואָס האָבן געדינט ביי אוורעמעלע שידלען אין די שטאַלן און געהאַט זייערע שטרוי־און־היי געלעגרס צווישן די פערד.

איצט האָבן זיי געפירט די פערד אויף אַ באַגעגעניש, פאַר וועלכן דער פריץ אוורעמעלע שידלע האָט שוין פריער גענומען גוט באַצאָלט.

געבראַכט די מיינסטע פערד האָט מען נעכטן באַנאַכט און היינט באַגינען. אַלע געבראַכטע פערד האָט מען אַריינגעפירט אין איין אָפּטיילונג, וואו קיין אַנערס געפינען זיך נישט, און מ'האָט זיי געגעבן גוט אָנצועסן. אין די לייטערלעך, וואָס איבער די קעפּ, האָט מען אָנגעפּיקעוועט סטערטעס היי. אין די זשלויבן, וואָס אונטער די פּיסקעס, האָט מען אָנגעשאָטן קערץ האָבער.

אין איין שמע־ישראל איז אָבער אַלץ געוועזן פּטור־געמאַכט.

איבערן לייםיקן גרונט האָט זיך אָנגעהויבן צו הערן אַ געקלאַ־פּעריי מיט די קאָפּיטעס. אַז די ווענט — אַ קלאַפּן מיט די קעפּ. אין די זשלויבן אַ זוכנדיק שנאַרכען מיט די נאָזדרעס — — —

פון דער פאַנסקער צווישטאַקיקער פּאַלאַצישער געביידע איז אָבער אינדעם געקומען אַ באַפעל, אַז שוין זאָל אויפהערן דאָס צע־טראָגן די שטאַלן.

— וואָס שלאָפט עך דאָרטן, דראַניעס, אין די שטאַלן?! —

האָט זיך געהערט אַ געשריי — פאַרוואָס גיט עך נישט קאַ האָבער, קאַ היי? אויף וועמען וואַרט עך, אויף וועמען? אַ רוח אין ענקערע מאַכערס אַריין...

געוועזן איז דאָס קול פון פריץ, אוורעמעלע שידלען, וואָס האָט געהאַט געעפנט אַ לופטשיק אין אַ פענצטער און צערויטלט זיך פון דער טשופרינע ביז צום האַלדז.

איצטער איז אַ געגיי פון די פערד, אַזש עס קרעכצט די ערד.

איטלעך פערד — אַ ווינט. אַלע צוזאַמען — אַ זאַווערוכע.

פון מאָל צו מאָל טוט זיך אַ פערד אַ שטעל־אויף דובאָם, טוט אַ וואָרף דעם פירער מיט צוויי, אין לופטן, אויפגעהויבענע, באַ־פּאַדקאָוועסטע רגלים, און, נאָך עטלעכע רגעס שטיין אַזוי, ווי אין אַ יישוב, אַ דזבענק אַראָפּ געגעבן מיט אַ זאַמאַד, אַזש דעם יינג איז שיר־נישט טונקל געוואָרן פאַר די אויגן. טיילמאָל האָט זיך אַ פערד, ווי פון אַ קיצל, אַ צעפּיצקע געטאָן מיט די הינטערשטע פיס, ווי עס וואָלט געוואָלט פאַרפירן אַ שלאַכט אויף הינטער זיך. נאָכדעם

— א דריי זיך געטאַן אין א ראָד, ווי אַלע זייטן צו באַהערשן.

אַמערגסטן איז אָבער געווען מיט די אָגערס. מיט זיי איז דער גאַנצער הויף געווען פול.

די פירער, וואָס האָבן פאַרזיכטיק אַרויסגעפירט די „ערן" פון ווייטלעכן עק שטאַלן, האָבן עטלעכע מאָל, ווי נאָר באַוויזן זיך אויפן פּלאַץ, א פלי געטאַן אין לופטן, ווי באַלעמס. ביי איינעם האָט זיך מיטגעשלעפּט א פוס, וואָס דאָס פערד האָט מיטגעריסן מיטן מיטגעצויגענעם שטריק. ביי איינעם איז דאָס לשון אָפּגענומען געוואָרן, ווען אַראָפּגעטראָסקעט צו דער ערד.

היטלען, מענטשן, שטריק, פערד זענען געפלויגן, ווי אין א חורבן.

אינאָנהויב זענען די אָגערס אַרויסגעקומען פּאַמעלעך, געלאַסן, ווי זיי וואָלטן גאָרנישט געהאַט אויף זייערע קעפּ. זיי האָבן זיך באַנומען צו די פירער, ווי צו אייגענע לייט. אָבער ווינאָר זיי האָבן דערזען די פערד פון דער צווייטער זייט שטאַלן, האָבן זיי א גלאָץ געטאַן מיט זייערע אויגן אויף די פירער און א שפּרינגערייַ און הירזשעריי האָט זיך באַלד צעטראָגן אין דער לופט.

די פירער, נישט קיין מפיל־קינדער, האָבן זיך באַלד אויפגעהויבן פון דער ערד, וואו זיי זענען אָנידערגעטראָסקעט געוואָרן, און זיך גענומען יאָגן ווידער און ווידער. אָבער נאָך א פּאָר ווײַלעס איינהאַלטן די אָנגעהאָבערטע פערד, האָט זיך ווידער א צעטראָג געגעבן א ווינט...

— א כאַליערע ענק אין די מאַכערס אַרײַן! — האָט זיך איצט דערהערט א געשריי פון א ווינקל אין הויף, וואו ס'איז געשטאַנען א גרופּע מענטשן — עץ וועט מיר מאַכן א צירק דאָ? — וואָס מיינט עץ, וואָס? פאַרוואָס נעמט עץ נישט די פערד אין ענקערע הענט אַרײַן? וואָס ליגט עץ? וואָס רירט עץ ענק נישט? וואָס שטייט עץ? וואָס האָט עץ מורא, וואָס? פאַרוואָס נעמט עץ נעלט, פאַרוואָס? א רוח אין ענקערע מאַכערס אַרײַן...

געווען איז דאָס קול — ווידער פון יידישן פּריץ, אַורעמעלע שידלען.

געשטאַנען איז ער איצט, אַווערמעלע שידלע, אין פראָנט פון דער גרופּע מענטשן. ער האָט געהאַלטן א בייטש, מיט א לאַנגן אויסגעפלאָכטענעם קנאָקער, אין דער האַנט און געשריען אַנאויפהער צו די יינגען, וואָס זענען שוין געווען צעבראָכן אויף אַלע אברים.

אַרויסגעקומען דאָ אויפֿן הויף איז ער ערשט־נישט־לאַנג צוריק.
אַרויסגעקומען איז ער אין אַ פּאָר הויכע שניי־שטיוול, אין הויזן מיט אַראָפּגעלאָזטע שעלקעס, אין אַ בערן־פּוטער מיט אַן אויפֿגעשטעלטן הויכן קאָלנער, אין אַ קאַראַקולענער צאַפּע, וואָס איז אים געשטאַנען אויף איין אויער. ער איז געווען נישט געוואַשן, נישט געגעסן, ווייל אַהיימגעקומען פֿון באַלטשעו, ר׳ עזריאל אַפּטערס טאָכטער, זייער שפּעט באַנאַכט, כמעט פֿאַרטאָג, און אויפֿגעכאַפּט זיך אַט־אַ ערשט־נאָר־וואָס.

פֿון אונטער דער צאַפּע האָבן זיך אים איבערן געפּאַלבטן שטערן געבאַמבלט פּאַסמעס קוטשמע־האָר. אויף די אויגן איז אים געלעגן עפּעס אַ נעפּל פֿון נישט אויסגעשלאָפֿנקייט. איבערן גאַנצן הויכן קערפּער — פֿון דעם צאַפּע־שפּיץ ביז צו די שטיוול־זוילן — איז עפּעס געווען אַ מין שטייפֿקייט און באַפּעלערישקייט, גלייך קיין שום זאַך דאָ אויפֿן הויף, דאָס שפּרינגען פֿון די פֿערד, דאָס פֿאַלן פֿון די מענטשן, וואָלט נישט געווען אַן זיין ווילן. און אויך דאָס ענדערן זיך אויף אַנדערש, איז נישט דערפֿאַר, ווייל איטלעכער באַזונדער, דאָס פֿערד, דער מענטש, וויל זיך ענדערן, נאָר ווייל ער, דער פּריץ, אין בערן־פּוטער, אין די שניי־שטיוול, מיט דער לאַנגער בייטש אין האַנט, וויל אַזוי.

און עס האָט זיך טאַקע באַלד אַלץ אַן ענדער געטאָן.

פֿערד האָבן זיך באַלד איינגעגראָבן מיט די פּיס אין דער ערד, ווי זיי וואָלטן זיך געשראָקן פֿאַר זייער איינענעם דוד. די יינגעןשטאַלמענטשן האָבן זיך באַלד פֿאַרמאָסטן קעגן די צעבריקעוועטע חיות, ווי קעגן צעשטערער פֿון זייער אַנהאַלט אין לעבן. זיי האָבן אַ נעם געטאָן די שטריק, וואָס זענען געווען פֿאַרבונדן צו די פּיסקרינגען פֿון די צוימלעך, אַרומגעדרייט זיי אַרום די פֿויסטן און פֿאַרקריצט מיט די ציין, ווי גרייט צו אַ געשלעג.

איבערן הויף האָט זיך איינגעשטעלט אַ שטילקייט. אַקעגנאַיבער די שטאַלן, אין אַ לאַנגער ריי, האָט מען אוועקגעשטעלט די קאַבילעס. און הינטער זיי, אויך אין אַ לאַנגער ריי — די אַגערס. דאָ און דאָרטן האָט זיך געהערט אַ רוק מיט אַ פֿערדישן פּוס איבערן שניי, וואָס איז געלעגן איבער גאַנצן הויף. דאָ און דאָרטן האָט זיך אומגעקוקט אַ קאַבילע און אויפֿגעשטעלט אַ פּאָר ווייסלעך מיט בירפֿינטלען, ווי זי וואָלט געוואָלט איינשלינגען די וועלט.

עס איז געווען אַ דינער, שטשיפּנדיקער פֿראָסט. אונטער די

טרים האָט געסקריפּעט דער שניי. פון די שטאָל־דעכער האָבן אַראָפּ־געהאָנגען אייז־שטעקעלעך. פון הימל האָט אַראָפּגעבלאָזט די זוניקע בלאָקיים.

ס׳איז געווען אַ שווידערנדיקע שטילקייט.

ר׳ עזריאל אַפּטער, וואָס איז איצטער געגאַנגען דאָ אויפן הויף, האָט געוואָלט אַריינגיין אין הויז אַריין און נישט קוקן, וואָס דאָ גייט אָן. ער האָט זיך געשאַרט ביי די ווענט און אָוועקגענומען די אויגן פון איבעריקן הויף. אָבער אינדעם הערט ער אַ געלעכטער:

— וואו גייט עז, ר׳ עזריאל?

געווען איז עס אָורעמעלע שידלעס קול.

ר׳ עזריאל אַפּטער האָט זיך אומגעקוקט. ער האָט זיך נישט געוואָלט אומקוקן. נאָר אַזוי ווי ער איז געוואָרן גערופן, האָט ער נישט געוואָלט מבטל־זיין.

— כ׳גיי צו דיר... — האָט ער קוים געשעפּטשעט און געקוקט מיט טרויעריקע רחמנות־אויגן — פונוועגן אַ יידישן עניין... פונוועגן מיין טאָכטער און דיר...

אָורעמעלע שידלע, וואָס איז געשטאַנען לעבן דער גרופּע מענטשן, אייגנטימער פון די געבראַכטע קאָבילעס, האָט איצט אַ בוכע־אַרויס געטאָן מיט אַ נאָך הילכיקן געלעכטער און אָנגעוויזן אויף די אַרומשטייענדיקע מענטשן:

— דאָ שטייען מענטשן, וואָס צאָלן מיר נאָך צו, כ׳זאָל זייערע קאָבילעס צולאָזן צו די אָגערס, און עז קומט נאָך מיט פּרעטענציעס...

און באַלד נאָכדעם זיך געטאָן אַ דריי־אויס צו די יינגען־פערד־פירער און אַ ריס געטאָן מיט דער לאַנגער בייטש אין דער לופט, אַזש דער פראָסט האָט שיר געפּלאַצט:

— נאַ אַטאַקי! 1)

פון אונטער די פערדס קאָפּיטעס האָט זיך מיטאַמאָל אַ ריס געטאָן אַ ווינט, ווי ער וואָלט אַלץ אָפּגעקערט פון איבער דער ערד. שטיקער שניי, וואו די פיס האָבן געשטעקט, האָט זיך צעפּריסקעט אין לופטן. שטיקער ערד, וואָס איז געווען געפרוירן, האָט זיך אָפּ־געריסן פון אייז און זיך גענומען צעשיטן איבערן הויף. די יינגען, די אָגערס — אַלע איינינעם — האָבן זיך געטאָן אַ טראָג אויף די קאָבילעס, ווי זיי וואָלטן נישט געלאָפן, נאָר געפלויגן.

אין איין אויגנבליק איז געוואָרן אַ מיש־מאַש. פון ביידע רייען פערד איז געוואָרן אַ קופּע. אַ געהירזשעריי און רציחה האָט זיך

1.) נאַ אַטאַקי!... — הויב אָן אַטאַקירן!

געטראָגן איבערן הויף, ווי מ׳וואָלט זיך באַפּאַלן צוליב בלוט.

אוורעמעלע שידלע איז נאָך אַלץ אַזוי געשטאַנען ווי פריער און האָט געקייכט ר׳ עזריאל אַפּטערן אין די אויגן אַריין. ער האָט געלאַכט און געהאַלטן זיך ביי די באַקעס, ווי מורא געהאַט, נישט צו צעשפּרינגען ווערן. איבערהויפּט נאָך פון די שלוקערצן, וואָס האָבן אים אין דערזועלבער צייט פּלוצים אָנגעכאַפּט. ער האָט געקראָגן אַ רויט-צעפלאַמט פּנים, רויט-פאַרלאָפענע אויגן. ס׳איז אים נישט געווען צו דערקענען.

— נ־אַאַא אַ־טאַאַאַ־קי! ! ! — האָט ער איצטער נאָך העכער און נאָך מער קייכנדיק געשריען מיט אַ מלחמהדיקער שלאַכט־קאָמאַנדע צו די יינגען, כאָטש ער האָט געמיינט נישט זיי, וואָרים די פערד האָבן זיך שוין געהאַט דערנענטערט, נאָר כדי אָפּצולאַכן פון אַלטן ר׳ עזריאל אַפּטערן, וואָס איז געקומען בעטן פונוועגן נישט דערנענטערן זיך מער צו זיין טאָכטער — נ־אַאַא אַ־טאַאַא־קי...

ביים לעצטן „באַפעל" האָט ער זיך שוין מער נישט געקענט איינהאַלטן פון לאַכן און געמוזט זיך אָנשפּאַרן אויף עטלעכע פון דער גרופּע מענטשן, כדי אויסצוכאַרכלען זיך, ביז דער אַנפאַל וועט אַריבער. ער האָט אָבער נישט געקענט אַריבער. ער איז געווען צו־שטאַרק, דער אַנפאַל. און ער, אוורעמעלע, האָט געמוזט אַריינגיין אין הויז אַריין נאָך אַ טרונק וואַסער.

ר׳ עזריאל אַפּטער איז אָבער שוין איצט אין הויז אַריין נישט געגאַנגען. ער האָט שוין געהאַט גענוג — אויך אַז דעם אַריינגיין. די גאַנצע תשובה האָט ער געקראָגן אין דרויסן. ער איז געגאַנגען צוריק אַהיים.

11

אויפן וועג אַהיים איז ער אָבער געגאַנגען אַזוי פּאַמעלעך, אַז ס׳האָט זיך אויסגעדאַכט, ער שטייט. ער איז געגאַנגען טראָט ביי טראָט, ווי געציילט זיי, צי לוינט זיך נאָך אַ שפּאַן ביטחון, צי נישט.

ער איז איצטער אָבער געווען אַז ביטחון, אַז ביטחון אויף אַ נס.

פריער, ווען ר׳איז אַראָפּ צו אים, דעם שטאָט־פּירער, האָט ער געמיינט: אפשר. אפשר וועט ער זיך צוהערן. ס׳שטייט דאָך: מכל מלמדי השכלתי. אָבער איצט — קיין ביטחון. קיין ביטחון אויף אַ נס. דער שכל דערפון? פּשוט. ווייל זיין גאַנץ חיות, דעם מענטשנס, אוורעמעלע שידלעס, איז נישט לערנען, נישט טראַכטן,

נאר פשוט — הנאה. הנאה און פארטיק. אַלץ וועט ער פארקויפן פאר אביסל הנאה, מגושמדיקער הנאה. דעריבער־אַ — קיין שום ביטחון אויף אַ נס. בכלל אויף קיין נס. ניין. אַלץ איז איצט אויס־געלאָזט. די טאַכטער האָט אים, דעם פאָטער, נעכטן פארזאָגט אריבערצוטרעטן די שוועל. ער, אוורעמעלע שידלע, דער נאָכמלחמה־דיקער נואַפדיקער תקיף האָט פון אים נעכטן און היינט אָפּגעשפּעט, מיאוס אָפּגעחוזקט. איז דעריבער קיין שום פעולה פון זיין גאנצן נעכטיקן טראַכטן, דעם איבעריקן טייל טאָג, אויך אַ שטיק נאַכט, און פון זיין פריערדיקן ביטחון, בעתן גיין אַטדאַ אויף דער באַלע־גאַלע־גאַס, אַראָפּ צום בעל־דבר.

קיין שום פעולה נישט. גאָרנישט.

איז אָבער וואָס טאָן ווייטער? טאַקע אַזוי לאָזן אַלץ גיין, ווי עס גייט? ער וועט דאָך פשוט נישט קענען קומען צווישן מענטשן אין בית־מדרש אריין, אָדער אין גערער „שטיבל”! מילא. עס וואָלט אים שוין נישט געאַרט דער קוק, דער רמז פון דעם און פון יענעם. געוואוינט שוין צו אַזעלכע זאַכן. מענטשן האָבן דאָך ליב אַ הלצה, יענעמס אַן עגמת־נפשל, אַ קלאַפּאַטל, אַ פאַרדרייעניש ל! אָבער איז דען דאָס אַלץ, וואָס דער אָדער יענער מענטש וועט זאָגן? פאַר זיך אַליין האָט דאָך אַ מענטש אויך אַ שטיקל דין־וחשבון! איז דעריבער ווידער דיזעלביקע טענה: וואָס פאַרט טאָן?

צווינגען דורך קהל? אויכנישט. ערשטנס, וועט ער, הייסט עס, אַליין צוגעבן, וואָס אַנדערע האָבן ביז איצט מרעיש־עולם געווען, כאָטש ער, דער פאָטער, האָט געלייקנט. שקר וכזב! צווייטנס, וועט זיך קיינער נישט צוהערן. נישט ווייל מ׳וועט זיך וועלן סתם אָפּזאָגן. ניין. נאָר ראשית, ווייל די מערסטע דאַרטן אין דער קהילה, זענען זיינע, דעם אוורעמעלע שידלעס, שוה־בשוהניקעס, גאַנצע ידידים. שנית, ווייל אפילו בית־דין וועט פאַר אים מורא־האָבן. פשוט, ווייל צווישן דעם בית־דין און מלכות איז ער, אוורעמעלע שידלע, דער גאַנצער בעל־לשון. קומט אויס צו רעדן פונוועגן שחיטה — רעדט ער, אוורעמעלע, ביי מלכות פונוועגן שחיטה, כאָטש אַליין עסט ער חזיר. קומט אויס צו רעדן וועגן נישט־איינפירן שבת־יאַרידים — ער, אוורעמעלע. קומט אויס אויסצוהיטן די שטאָט פון אַ זיד־צוגרייטנדיקן פאָגראָם אויף יידן — אויך ער, אוורעמעלע. קורץ, אוורעמעלע שידלע איז דאָס אַפּל פונעם אויג. איטלעך איינער בוקט זיך פאַר אים, קניט. נישטאָ קיין העכערס, קיין בעסערס, כאָטש דאָ

און דארטן טוט מען א בורץ, א רעד. אבער ס׳איז אלץ זעלבסטנא־רעריי. מען מיינט עס נישט! אדער אפשר מיינט מען עס יא, נאר מ׳קען גארנישט נישט טאן קעגן אים. אבער לחלוטין גארנישט. ער איז דער הערשער איבער אלעם.

און ווידער וואס שייך דער טאכטער? אויך דאס זעלבע.

וואלט זי געווען פרום, וואלט זי זיך געמוזט צוהערן צו קהלס א גזר. אבער אז זי איז נישט פרום, וועט זי זיך צוהערן? א נעכטי־קער טאג. אפילו דאס סטראשען זי מיט פרנסה, אז יידישע זין און טעכטער וועלן איר שוועל נישט אריבערטרעטן, קאן אויך קיין פעולה נישט האבן. פשוט דערפאר, ווייל ס׳יונגווארג, די בחורים און מיידלעך, איז נישט בעסער פון איר. אויב אזוי, טא וואס קהלס אריינמישן זיך? ס׳וועט דען עפעס ברענגען? א נעכטיקער טאג. אמאל, ווען יונגווארג איז געווען פרום, האט קהל, אמונה עפעס געקענט אויפטאן. אבער היינט? פאר זאכן, וואס האבן צו טאן מיט רייך־ארעם, האט זיך שוין יונגווארג דא אין שטאט אוועקגע־ברענגט. א סך האבן זיך אפילו נישט אפגעשראקן פאר זעקס, זיבן, אכט יאר תפיסה, וואס האט זיי דערווארט. אויך פאר זאכן, וואס האבן צו טאן מיט ארץ־ישראל. א סך האבן זיך אפילו אויף ברויט און וואסער אוועקגעלאזט אויף וויסטע פעלדער, ווייט פון דער שטאט, צו גראבן און אקערן ערד, אבי קענען זיין טויגלעך צו עפעס אין הייליקן לאנד, וואוהין מ׳קען אז א פאד נישט אראפפארן. אלץ איז גוט. זייער גוט. אבער פאר אמונה? פאר תורה? ער ווייסט פשוט אליין נישט ,ר׳ עזריאל, וואס עס האלט נאך צוגעבונדן דאס יונגגווארג צום עלטערן דור. אז אמונה, פרומקייט איז גארנישט, טא וואס האלט זיי נאך אויף אלס יידן, דאס יונגווארג? וואסארא׳ תוך זעען זיי אין דעם, וואס זיי זענען נאך יידן? וואס איז דעם, וואס זיי דארפן אויסשטיין צרות אלס יידן? באמת, עס מאטערט אים דאס טאג און נאכט און קאן גארנישט קיין תשובה געבן. אבער איז דען דאס ס׳איינציקע? ס׳זענען דאך נאך דא אזויפיל אנדערע מאטערנישן, וואס לאזן נישט שלאפן. אט, א ביישפיל דאס לשון — דאס יידישע לשון, וואס מ׳האט שוין אין א סך הייזער אויפגעהערט צו רעדן. נישט נאר קינדער, נאר אויך עלטערע לייט. איז וואס מיינט מען, אז מ׳וועט אנווערן ס׳יידישע לשון וועט מען באלד אזוי גיך קענען איבערגיסן אלץ, וואס די פריערדיקע דורות חכמים און למדנים האבן געשאפן, אין א נייער כלי? ס׳נעמט דאך מי יודע ווילאנג

ביז מ'קאן איבערגיסן אין א נייער כלי, וואס זאל קאנען אויפהיטן דאס אריינגעגאסענע פאר די קומענדיקע דורות...

אבער וואס איז דא דעריבער צו רעדן, אז דער עיקר, וואס ער׳ וויל דערמיט ארויסברענגען איז דאס, אז אפילו קעגן דער טאכטער קאן ער גארנישט טאן מיט דער מיטהילף פון קהל. מחמת פראסט־פשוט דערפאר, וואס ס'יונגווארג איז נישט מיט דער אמונה, מיט דער תורה.

איז וואס פארט טוט מען אין אזא פאל? וואס פארט קען מען טאן?

אטאזוי טראכטנדיק איז ער דורכגעגאנגען די באלעגאלע־גאס, אויך א שטיק מארק, און איז אריין אין טאבאק־געוועלבל — נישט ווי איינער, וואס גייט אריין אין זיין אייגענעם געשעפט, אין זיין אייגענער היים, נאר פשוט ווי א גאלער פרעמדער.

— נו, — האט אים די שטארקע, ענערגישע, שווארצאויגיקע פרוי, פאניע, זיצנדיק אין געוועלבל, געטאן א שטארקן, רציחהדיקן פרעג — האסט שוין ווידער ערגעץ די שוועל אנגעשלאגן, דו ארומ־שלעפער?... ווילאנג נאך וועסטו זיך ארומדרייען, דו שמאטע, דו?... וואס דרייסטו זיך נאך ארום, אויב דו פארדינסט נישט אויפן עסן?... וואס האסטו צו טאן אויף דער וועלט, וואס?

ר' עזריאל אפטער האט אבער איר גארנישט נישט געענטפערט. ער האט געטראכט: רב און זיין זון רבי חייא האבן אויך געהאט שלעכטע פרויען און דאך — — — ער איז אריין אין זיין חדר־מיוחד, וואו זיין בעטל איז שוין געווען צוגעבעט נאך אינדערפרי, פארן דאווענען, און האט זיך אוועקגעזעצט א מידער, גלייך ער וואלט דורכגעגאנגען א קייט פון צרות, וואס מ'וואלט אים דערלאנגט פון ביידע זייטן פון א ווארע, וואו מ'האט אים אינאנהויב מכלומרשט געלאזט פריי זי דורכגיין.

ער איז געזעסן איצטער אן רעיונות וועגן טאבאק־געשעפטל און אן רעיונות וועגן צוהעלפן דער פרוי. ערשטנס, איז קיין מסחר איצ־טער סיינוויסיי נישטא. צווייטנס, קען ער איצט אפילו אין איר אנ־געזיכט נישט קוקן, כאטש ער נעמט זיך רבן און זיין זון רבי חייאן פאר א ביישפיל. דאס איז אבער דער אמת. מעג ער אפילו זינדיקן פאר גאט. ער קען נישט, כאטש ער ווייס, אז ר'באגייט אן עוולה. אבער דאס איז עס.

— פון געוועלבל האבן זיך דערהערט קללות־וחרמות. אבער ער

קיין פּיפּס נישט. ער איז נאָר געזעסן, ווי ער וואָלט זיך נישט געלאָזט פאַרפירן אין אַ שמועס, וואָס וואָלט צו קיין גוטס נישט געבראַכט, און האָט געשוויגן. איז אַט שווייגט ער און זי — שעלט און זידלט, ווי אַן אָנגעשטעלטע מכשפה.

.12

פון דרויסן האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּן, אַ קלאַפּן מיט אַ האַל־צערנעם סלופּיקל איבערן פאַרשנייטן מאַרק־ברוק. ס׳האָט געקלאַפּט, ווי עפּעס געזוכט, געפּרוּווט, צי אונטערן צוגעפרוירענעם שניי איז דאָ ערד, אָדער וואַסער. ס׳איז געווען אַן איינטאָניק קלאַפּן, אַ מרוּדי־עריקס. קליפּ־קליאַפּ, קליפּ־קליאַפּ.

בעתן דאָזיקן קלאַפּן, וואָס האָט זיך דערנענטערט וואָס אַמאָל אַלצמער צו דער פאַמיליע אַפּטערס וווינונג, איז פאַניע געזעסן אין טאַבאַק־געוועלבל און האָט געגעסן זופּ פון אַ שיסעלע, וואָס נע־האַלטן עס אויף דער שויס. געגעסן האָט זי זייער פאַמעלעך, פאַר־טראַכט און זייער נישט־ניחאָדיק. עפּעס אַזוי, גלייך זי וואָלט עס אין זיך אַריינגעניים.

עס איז געווען שטיל דאָ. שטיל און טרויעריקלעך. עפּעס אַן אויפּעסנדיקע טרויעריקייט.

אין לופטן, נאָענט צום דיל, איז געשטאַנען אַ פּייער־קאַליר. אויף די שויבן פון דער טיר און דעם פענצטער איז געווען אַ קופּערדיקע רויטקייט. ס׳גאַנצע געוועלבל האָט אויסגעזען ווי אַרומגעכאַפּט פון אַ שרפה.

עס איז געווען פאַר זונאונטערגאַנג.

בעת דער דאָזיקער שטילקייט דאָ, איז זיך ר׳ עזריאל אַפּטער געלעגן אין זיין הדר־מיוחד, האָט געזוכט מיט די אויגן אַרום די חפצים, צי ס׳פאַרוואַלגערט זיך נישט ערגעץ אַ כזית ברויט אויף אָפּ־צוכאַפּן ס׳האַרץ און געדעכעט שווער.

ער האָט אָבער נישט געפונען.

נאָך אין מיטן טאָג, אַ היפּשע צייט נאָכדעם ווי ר׳איז אַהיימגע־קומען, האָט ער געפילט, ווי ס׳האַרץ אַנטגייט אים. ער האָט שוין נישט געקענט אָפּכאַפּן דעם אָטעם. איז אַט נאָך דעמאָלט האָט ער געוואָלט צו עפּעס זיך וואַשן שאַר־ידיכם. אָבער כדי נישט צו מאַכן זיך קיין אָפּגעמען ברוגז, איז ער אַריין אין דער קיך, וואו זי, די פרוי, איז

געוועז, און האָט זיך געהייסן גרייטן צום טיש. שטאָט צו גרייטן האָט זי אים אָבער געגעבן אַ קללה און זיך נישט גערירט מיט קיין לעק פאַר אים. מילא. אַז זי איז אַזעלכע, האָט ער שוין נישט געוואָלט מער רעדן. וואָלט ער געווען אַ קיד־מענטש, וואָלט ער זיך אַליין אַן עצה־געגעבן. אָבער ווייל ער איז נישט אַזעלכער, האָט ער זיך צוריק דערווייטערט אין חדר־מיוחד אריין און נישט געוואָלט מסכים־זיין, ווי זי האָט עס אויסגעקוקט, אויף אַרויסצורופן אַ קריג איבער איר נוקם־זיין זיך אין אים מיטן עסן. קיין איין האָר האָט ער איר אין דעם פּרט נישט נאָכגעגעבן. ער איז נאָר באַלד אַריין אין חדר־מיוחד און האָט געשוויגן.

איצט אָבער, שוין אַ שטיק צייט נאָכדעם ווי ר'האָט געהאַט מיט איר דאָסדאָזיקע שטילשווייגנדיקע שטיקל סכסוך, האָט זי ווידער געקאָכט, אָבער פאַר אים גאָרנישט נישט צוגעגרייט. פּשוט גאָרנישט. זי האָט אים אפילו נישט געפרעגט, צי ער'ט וועלן עפּעס האָבן. פּשוט, גלייך ער וואָלט געווען אָדער אַ פרעמדער, אָדער לחלוטין נישט געווען אין הויז. איז אָט ליגט ער דאָרטן, אויפן בעטל אין חדר־מיוחד, הערט דורך דער וואַנט ווי זי, די פרוי פאַניע, קלינגט מיטן לעפל צווישן די צייג, און מאַכט זיך נישטוויסנדיק, כאָטש ער האָט שוין נישט געגעסן, זינט נעכטן פאַר האַלבן טאָג אַן. אַלץ, וואָס ר'האָט יאָ געטאָן ,איז אויפסניי געדרייט מיט די אויגן אַרום די חפצים — צי עס פאַרוואַלגערט זיך נישט אַמאָל אַ כזית ברויט פון עטלעכע וואָכן, אָדער עטלעכע טעג צוריק.

קיין ברויט האָט זיך אָבער נישט אַרומגעוואַלגערט. איז ער אַטאָזוי, אַלציינס ווידער און ווידער זוכנדיק מיט די אויגן, געלעגן אויפן בעטל און האָט געשלונגען די סלינע, וואָס געקומען אים אין מויל אַריין.

אַזוי אַ לאַנגע צייט, זייער לאַנג.

בעת זייער זיין באַזונדער — ער אויפן בעטל אין חדר־מיוחד, זי, עסנדיק, אין געוועלבל דאָ — האָט זיך אָבער דאָס געקלאַפּעריי מיט הילצערנעם סלופּיקל געהערט וואָס שטאַרקער, וואָס הילכיקער. עס האָט זיך דערנענטערט וואָס נענטער און נענטער.

פאַניע האָט גאָרנישט אין זינען געהאַט אָטדאָס גאַנצע קלאַפּעריי. עלעהיי אַ משוגענער מאַכט זיך דאָרטן צו־נאַר! און ר' עזריאל אַפּטער האָט זיך בכלל קיינמאָל נישט אָפּגעגעבן מיט אַזעלכע נאַרישקייטן. וואָס האָט עס צו טאָן מיטן תכלית פון דער וועלט? מיטן בורא־

עולמס כוונות? אַ סך האָט עס צו טאָן? שטותן. איז דרייבער קיין שום עסק מיט אַזעלכע נאַרישקייטן. גאַרנישט.

איז אַט זענען זיי זיך אַזוי געווען באַזונדער און האָבן גאַרנישט אין זינען געהאַט דאָס, וואָס דערנענטערט זיך קלאַפּנדיק.

אָבער אינדעם — די טיר עפנט זיך. נאָכדעם אַ געקלאַפּע־יי איז געוועלבל גופא.

— אַ? וואָס איז דאָס? צו וואָס איז דער פּאַן געקומען?

געווען איז דידאַזיקע פאַרוואונדערטע קשיא פון דער פרוי פּאַניע.

דערזען אים, דעם אַריינקומענדיקן מיטן קלאַפּנדיקן האַלצערנעם סלופיקל, האָט זי באַלד אויפגעהערט צו עסן די זופּ, אוועקגעשטעלט דאָס שיסעלע אויפן „קאָנטאָר־טיש" און זיך אויפגעשטעלט.

געווען איז דער „פּאַן" אַ הויכער, אַ מאָגערער, מיט אַ פּאָר לאַנגע, געלע וואָנצעס, מיט בלויע, אונטערגעהאַקטע אויגן און מיט אַ האַלצערנעם פוס, מיט וועלכן ער האָט געקלאַפּט אַ גאַנצן וועג אַהער.

אָנגעטאָן איז ער געווען אין אַ וואַטענער קורטקע מיט אַן אויס־געקראַכענעם פוטערנעם קאָלנער, אין אַ פּירשפּיציקן, פּויליש־מילי־טערישן היטל, וואָס מיט אַן אָפּגעריבענעם לעדערנעם דאַשיק.

געווען איז ער — דער קריסטלעכער שוסטער־ייִנג, וואָס האָט פאַרקויפט די טאַבאַק־קאָנצעסיע צו דער פאַמיליע אַפּטערס, מיט אַ לאַנגער צייט צוריק.

אַריינגעקומען איז ער אַ געפרווירענער. אויך אַ מידער פונעם פאַרמאַטערנדיקן שלעפּן זיך מיטן האַלצערנעם פוס איבערן פאַר־שנייטן ברוק. ער האָט אָבער אויסגעזען צו זיין פאַרזאָרגט נישט אַזויפיל איבער דעם ווי איבער עפּעס אַנדערש. ער האָט אויסגעזען עפּעס בייז.

געבליבן שטיין דאָ אין געוועלבל, ביים מסחר־טישל, האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט מיט דער פּלייצע אויף דער וואַנט און עפּעס אַ סוד־אָנטפּלעקנדיקן קוק געטאָן אויף דער פּאַני סוחרטע.

— פּאַני אַפּטער, — טוט ער, זייער אַ זיך־טרייסלענדיקער פון כעס, אַ זאָג אין פּויליש — מוזן צוריקקריגן מיין קאָנצעסיע...

— אַ?

— מיין קאָנצעסיע.

— מיין קאָנצעסיע?

— ניין. נישט אייערע, נאָר מיינע!

— א ?
— יא. טאקע שוין אין עטלעכע טעג ארום.
— וואס ?
— יא. דאס, וואס איר הערט... ראזקאז סטאראסטי...1) קיין זשיד טאר נישט האבן קיין מלוכה־קאנצעסיע... ראזקאז סטאראסטי...
— וואס ?
— דאס, וואס איר הערט.
— דאס, וואס כ'הער ?
— יא.

עטלעכע מינוט איז זי, פרוי פאניע, געווען ווי אין צעטומלעניש. זי האט נישט געוואוסט, וואס דא קומט פאר, כאטש זי האט דייטלעך געהערט אלץ פון געוועזענעם פוילישן סאלדאט. זי האט אבער נאכדעם פארוואונדערט אויפגעשטעלט אירע שווארצע אויגן, ווי זי וואלט געשטאנען פאר א רוצח, און א פארייאושטע א קוויטש געטאן :

— וואסארא קאנצעסיע ?... כ'האב זי דאך נאך אויף צוויי יאר !...

אבער נאך איידער זי האט געקראגן אן ענטפער פון אינוואליד, האט זי זיך געטאן א דריי־אויס צום ווענטל, וואו ס'איז ס'חדר־מיוחד, און א לאז־ארויס געגעבן א הילכיקן יללהדיקן העש :

— פארוואס רירסטו זיך נישט ארויס פון דארטן ? פארוואס קומסטו נישט אריין הערן דיין בראך ? וואס פוילסטו דארטן ? וואס ליגסטו נאר צווישן די געלע בלעטער ?

אינאנהויב האט ער, ר' עזריאל אפטער, נישט געוואלט זיך רירן. ער האט געטראכט, זאל זי אליין אלץ טאן, וואס זי וויל. אלציינס איז זי די גאנצע בעל־דעהניצע. אבער אזוי ווי ער וואלט נישט געוואלט אפדינען איר מיטן זעלביקן, וואס זי, איז ער דערפאר אראפ פון בעטל און האט גענומען אריינגיין.

אריינגעקומען אין געוועלבל, וואו בלויז איין וואנט — די וואנט הינטערן מסחר־טישל — איז געווען פארנומען מיט טאבאק־פודעלעך, האט ער זיך געשטעלט עטוואס פונוויטנס פון דער פרוי און דעם קריסט און גענומען קוקן אמאל אויף איר און אמאל אויף אים.

— צו וואס דארפסטו מיך ?... — פרעגט ער עטוואס פאר־דראסיק — וואסארא סכנות ? טאקע סכנות ? א ? טאקע ? אינדער־אמתן ?

1.) ראזקאז סטאראסטי... — א באפעל פון סטאראסטע.

— אינדעראַמתן! אינדערשמעמעסן!... — האָט זי, פאַניע, אים נאָכגעקרומט, אין די אויגן פונעם קריסט, און געגומען שרייען, ווי זי וואָלט געוואָלט רופן די גאַנצע וועלט — פאַרוואָס גייסטו נישט? וואָס שטייסטו?

ר׳ עזריאל אַפּטער האָט איצטער אויף איר געגומען קוקן זייער אַ פאַרווירטער:

— וואָס מיינסטו? וואָס רעדסטו?

— וואָס רעדסטו נאָך, וואָס כ׳מיין? — טוט זי אויף אים אַ מבטלדיקן קוק — וואָס קוקסטו נאָך אויף מיר, ווי אויף אַן אַראָפּ־געפּירטער פון זינען?...

— וואָס זאָל איך טאָן?

— ס׳טייטש וואָס? — טוט זי אַ קוויטש מיט איין זייט פון מויל — זי וועט דאָך אונדז נאָך קענען אַפּראַטעווען! זי וועט דאָך אונדז נאָך קענען שטעלן אויף די ־פים!... וואָס שטייסטו?

— אָבער וואָס רעדסטו? כ׳וויים דאָך נישט, וואָס ביסט מוציא־פה אפילו...

ס׳טייטש דו ווייסט נישט? וואָס איז דאָ נישטאָ צו וויסן? זי איז דאָך דיין טאָכטער!... גיי צו איר. זאָל זי גיין בעטן... קען זיך דאָך מיט אים, דעם סטאַראָסטע... ער קומט דאָך אַמאָל אַריין צו איר אין סאַלאָן...

— צו איר? — טוט ער איצט אַ קוק אויף איר מיט אַ פּאָר פאַרווילדעטע אויגן — זי זאָל זיין די שלוחטע פון דער ישועה?...

עטלעכע מינוט האָבן זיי זיך ביידע אָנגעקוקט. צום סוף איז ער אַריין צוריק אין זיין חדר־מיוחד.

— וואָס, ווילסטו נישט גיין? — שרייט אים נאָך די צעהיצטע פאַניע.

— ניין!... — דערהערט זיך אַ קרעכצנדיקע שטימע פון אינע־ווייניק — נישט צו איר... כ׳וויל נישט האָבן קיין ישועות דורך זנות...

פאַניע איז איצטער געבליבן שטיין אין געוועלבל, גלייך זי וואָלט עפּעס אָנגעוואוירן אין די אויגן פונעם קריסט, כאָטש ער איז נישט פון קיין זייער וואַזשנעם יחוס. זי האָט זיך אָבער, נאָך עטלעכע ווײַלעם אומרו און כעס, באַרואיקט און גענומען פאַרזיכערן דעם שוסטער־קאַליקע, אַז זי וועט נאָך אָפּשרייען די גזרה. גאָרנישט איז נאָכנישט פאַרלוירן.

— קומט צוריק מאָרגן, פאַניע, — זאָגט זי צו אים — איר וועט שוין אַלץ וויסן...

דער צעטומלטער, איינפּוסיקער געוועזענער סאָלדאַט, וואָס האָט דערהאַלטן אַ וואָרנונג — נישט צו האָבן מער זיין קאָנצעסיע ביי קיין ייִד, האָט איצט נישט געוואוסט מיט וואָס איינצושפּאָרן זיך אויף ס'זייניקע. ער האָט יאָ געוואָלט נאָך רעדן און נישט. יאָ — ווייל ר'האָט פיינט אַפּשלעפּעניש. נישט — ווייל ער זעט סיוויסיי נישט קיין אויסזיכט, אַז זיי וועלן עפּעס אויפטאָן. איז דעריבער וואָס טאָן? איז דעריבער אפשר גלייכער אינגאַנצן נישט קאַליע צו מאַכן זיך ס'מויל און לאָזן זיי נאָך דאָ האָבן אַז איינרעדעניש ביז מאָרגן. יאָ. סיוויסיי איז ביז מאָרגן נישט ווייט. און מאָרגן וועט ער צוריקקומען און שוין מער נישט דאַרפן זיך שפּאַרן. די קאָנ־צעסיע וועט זיין צוריק זיינע.

— נו, דאָבזשע... — זאָגט ער און רוקט זיך צוריק אַרויס.

די רירעוודיקע און אומרואיקע פרוי פאַניע האָט אָבער גע־טראַכט אינגאַנצן אַנדערש.

13.

אין עטלעכע מינוט אַרום — פאַניע, שוין אַז אַנגעטאָנענע, ווי דער שטייגער אין דער גאַס אַריין, איז אַרויס פון געוועלבל. זי האָט נישט געטראַכט, צי דער מאַן וועט יאָ אַריינקומען פון חדר־מיוחד אַכטונג־צו־געבן, צי נישט, און זיך געלאָזט גלייך אַראָפּ צו איר טאָכטער באַלטשען אין סאַלאָן אַריין.

— באַלטשע! — טוט זי, באַלד ביים אַריינקומען אין סאַלאָן אַריין, אַ זאָג צו דער טאָכטער — מוזסט מיר העלפן... געדענק... אַנישט גיי איך אויס פאַר אַ ביסן ברויט...

די הויכע, שיינע טאָכטער באַלטשע איז איצטער געשטאַנען ביי אַ שטול, וואו ס'איז געזעסן אַ מיידל, און האָט איר געוואַשן די האָר פונעם קאָפּ.

— וואָסי? — האָט די שלאַנקע, שוואַרצאויגיקע טאָכטער נישט אַראָפּגעלאָזט די פאַרזייפטע הענט פון דעם מיידלס קאָפּ און געקוקט אויף דער מוטער — וואָסאַראַ געוואַלד אַזאַ?

— אַ געוואַלד? — האָט די מוטער נישט געקענט אַרויסרעדן איבער איר זיך שטיקנדיקן האַלדז — קום אַריין אין אַ צווייטן צי־

מער... האָב מיט דיר צו רעדן אויג אויף אויג...

די טאָכטער האָט איצט געמאַכט אַ קרום פּנים, ווי זי וואָלט נישט געוואָלט הערן קיין שום שלעכטע בשורה פון דער מוטערס מויל, און גענומען זיך גיך פּאַרען מיטן מיידלס קאָפּ.

פאַרטיק געמאַכט, האָט זי געלאָזט דאָס מיידל אַז איינגעזייפטע זיצן אויף דער שטול און אַליין איז זי מיט דער מוטער אריין אין אַ צווייטן צימער, וואָס בשכנות מיטן סאַלאָן.

דאָס מיידל, וואָס איז געזעסן אַן איינגעזייפטע אויף דער שטול, האָט איצט אָנגעהויבן צו קוקן אינעם שפּיגל, וואָס געווען אַקעגן איר. זי האָט זיך באַטראַכט דאָס ווייסינקע ליילעך, וואָס אַרום איר האַלדז; די שיינע, בלאָע אויגן; די האָר, וואָס איז רוישיקע ווייסע מיגלינעס. אָבער אינדעם האָט זי דערזען דאָס צווייטע צימער, וואו ס'זענען געווען די צוויי פרויען: פאַני באַלטשע גרינבערגאָווא און איר מוטער.

די מוטער, פאַני אַפּטער, איז דאָרטן געשטאַנען, מיט צעשפּרייטע הענט, אַמאָל זיי צוגעטאָן צום זיך ווינגנדיקן קאָפּ, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט ביי די האָר רייסן, און אַמאָל צוגעטאָן צו די באַקן, ווי זיך געוואָלט שטיקער פלייש אַרויסציפּען. זי איז געשטאַנען דאָרטן זייער אַן אומרואיקע און האָט געהאַלטן אין איין רעדן און רעדן.

און די פאַני גרינבערגאָווא אָבער איז געשטאַנען, ווי עס וואָלט זי גאָרנישט נישט געאַרט, און האָט נאָר געקוקט אויף דער מוטער, ווי אַ זייטיקע. אירע אויגן — פאַראינטערעסירטע, אָבער ווי פאַר־אינטערעסירטקייט פון אַ פרעמדער. אירע ליפּן — צוגעביסן, ווי פון פאַרדראָס, אָבער אַ פאַרדראָס ווי פון אַ זייטיקער. אירע הענט — נאַסע, עטוואָס אויך פאַרזייפטע, וואו טייל אָנגעיווירענע מיגלינעס האָבן זיך אויסגעאַטעמט, זענען געווען פאַרלייגט פונהינטן, אויף אַ ווייסן פאַרטעך, וואָס איז געגאַנגען אַרום און אַרום, פון האַלדז ביז צו די קניען.

זיי זענען דאָרטן אַזוי געשטאַנען אַ שטיק צייט.

אָבער סוף־כל־סוף זענען זיי פאַרטיק געוואָרן און צוריק אריינ־געקומען דאָ אין סאַלאָן.

די מוטער אַפּטער איז אריינגעקומען עפּעס מיט אַ זיפץ:

— אוי, וואָסאָרא דאַליע אויף מיינע עלטערע יאָרן... וואָס וועל'ך טאָן, ווען ס'זאָל חלילה אויסקומען נישט צו האָבן אפילו דאָס שטיקל אַנשפּאַר?...

און די פאַני גרינבערגאַווא — א האַנאַראַווע, א שטאַלצע — איז זיך געגאַנגען געלאַסן, גלייך אַלץ, וואָס דאַרף פּאַרקומען, וואָלט זיך ביי איר שוין אין פאָרויס אויסגעלייגט אין קאָפּ, און האָט גע־האַלטן אין איין באַרואיקן די מוטער:

— נו, גיי אַהיים... מ׳עט שוין זען... מאָרגן אינדערפרי דיר לאָזן וויסן...

דער פאַני אַפּטער, דער מוטער, האָט זיך איצט אָבער נישט גע־גלוסט אַהיימצוגיין. אַט איז זי צו צו דער טיר און אַט — ווידער זיך אומגעקערט. אַט האָט זי שוין אָנגענומען די קליאַמקע און אַט ווידער אַ קוק געטאָן אויף דער טאָכטער, ווי עפּעס צו פרעגן, אָדער נאָך עפּעס צו הערן. אָבער זי האָט דאָך, ווי אַז איר ווילן, אַפּגע־עפנט די טיר און זיך געלאָזט צוריק אַהיים.

פאַני באַלטשע האָט איצטער עפּעס געאַרבעט גיכער ווי פריער. גיכער — כאָטש לויט איר גאַנצן פריערדיקן שטייגער מיט דער מוטער, לויט איר רואיקייט האָט עס זיך נישט געפּאַרט. אָבער דאָס מיידל אויף דער שטול האָט דערפילט, אַז אַ פּלוצימדיקע אומרואיקייט איז אַריינגעקומען אין דער פאַני גרינבערגאַוואַס פינגער, וואָס האָבן אויפסניי אָנגעהויבן צו זייפן אירע האָר.

.14

אויפדערנאַכט.

אין סאַלאָן איז שוין נישטאָ קיין קליענטעלע. די שטולן, די טישלעך זענען גלייכגעשטעלט אויף זייערע פּלעצער. די שטאַרן אי־בערן גרויסן שויפענצטער, וואָס גייט־אַרויס צו דער אַלייע, זענען אַראָפּגעלאָזט. אין סאַלאָן איז שטיל, ווי נאָך אַ גרויסער געפּאַרעריי. אַלץ, וואָס איז געבליבן ווי אַ סימן פון עפּעס אַ פאַרגעקומענער גע־פּאַרעריי, זענען די הארבע ריחות פון די כלערליי זאַלבן און שמי־רעכצן, וואָס מ׳האָט באַנוצט בעתן מאַסאַזשירן און מאַניקורן.

בעת דער פאַרשמעקנדיקער שטילקייט איז די פאַני גרינבערגאַווא געשטאַנען ביי אַ ראַג שויפענצטער און האָט דורך אַ שפּאַרע פון אַ עטוואָס־אונטערגעהויבענעם שטאַר־ברעג אַרויסגעקוקט אויף דער עלעקטריש־באַלויכטענער אַלייע.

געווען איז זי שוין איצטער אַנגעטאָן, די פאַני באַלטשע גרינ־בערג, אַנדערש ווי פריער.

זי איז געווען איצטער אַנגעטאָן — אין אַ ווייסער, זיידענער

בלוזע מיט קורצע אַרבל און אַ טיפן דעקאָלט; איז אַ שוואַרצן, סאַמעטענעם קלייד, וואָס ביז צו די קניען. אויף די פיס — שניי־ווייסע זאָקן און לאַקירטע לעטשלעך. און אויפן קאָפּ — אַ סאַמע־טענעם בערעט, מיט אַ רויטן טראַלד אין מיטן, וואָס האָט אירע קויל־שוואַרצע אויגן געמאַכט נאָך שוואַרצער און נאָך מער סודות־דיק.

געשטאַנען איז זי איצט אַ גרייט־אַנגעטאַנענע — נאָר צו נעמען אויף זיך די רעשט, דעם קאַראַקולענעם מאַנטל, און זיך לאָזן אינעם וועג פונוועגן אירע עלטערנס געשעפט, אָבער זי האָט זיך אָפּגעהאַלטן איבער איינעם אַ דערוואַרטענעם גאַסט.

און געווען איז דער גאַסט: אוורעמעלע שידלע.

דאַרפן האָט ער נאָך געדאַרפט דאָ אַריינקומען מיט אַ שטיק צייט צוריק, אויף צו פאַרברענגען דאָ און אויף צו איבערנעכטיקן. אָבער אַזוי ווי ער וווייסט נישט, אַז זי דאַרף אַוועקגיין, איבערהויפּט אַז זי איילט זיך מיט איר וויזיט, שטייט זי דערפאַר ביים שויפענצטער און קוקט אַרויס, צי ער קומט נאָך נישט אָן.

אָבער אַזוי שטייט זי שוין אַ שטיק צייט. זי וואַרט און ער קומט אַלץ נישט אָן, כאָטש ס'איז שוין פון לאַנג צייט געווען. זי שטייט אַזוי מיט דער האָפנונג — אָט קומט ער — שוין פיל מאָל באַ־שטימטע פינפער מינוטן. איינמאָל געמיינט, אַז אָט־אָט. אַ צווייט מאָל אויכאַזוי. איצט שטייט זי שוין די צענטע פינף מינוט און ער — ווי איז וואַסער אַריין. איז וואָס איז מיט אים? וועט ער שוין היינט נישט קומען? איז ער שוין אַ נעבטיקער טאָג? האָט ער חרמה געהאַט אויפן צוגעזאָגטן קומען? ער האָט דאָך היינט פאַר־יאָג, ווען ר'איז אַוועק, געזאָגט אַז היינט קומט ער באַשטימט! טאַ, פאַרוואָס מאַכט ער פון זיין וואָרט אַ „בלאָזע"? און פאַרוואָס שוין אַזוי באַצייטנס? עס געפעלט אים שוין נישט דאָס, וואָס ער פירט אַ געטאָפּלט לעבן? ער האָט דאָך איר, באַלטשען, געזאָגט, אַז לאַנג וועט ער סיווויסיי נישט קענען פירן אַזאַ געטאָפּלט לעבן און מוזן פון דער ערשטער פרוי פּטור־ווערן! ער האָט דאָך צום וויפל־סטען מאָל איר פאַרזיכערט, אַז ער איז נישט קיין פרוי, — פּשוט אַז ער איז נישט ווי איר, באַלטשעס, מוטער, וואָס האָט נישט ליב דעם פאָטער און דאָך טרויערט זי אַזוי אָפּ איר לעבן מיט אים אַלע יאָרן... ער האָט דאָך איר צום וויפלסטן מאָל פאַרזיכערט, אַז מיט אים וועט אַזאַ זאַך נישט געשען. ער וועט מוזן קירצלעך מאַכן אַ סוף

מיט גוטן, אדער מיט בייזן — און אז ענדע! איז וואס? ער האט שוין חרטה? שוין באצייטנס חרטה? ר'איז שוין זאט? — — —

אבער אינדעם — א הויכער מאן אין שטיוול מיט קאלאשן, אין א הויכער צאפּקע, אין א טיף־האריקן פוטער מיט אן אויפ־געשטעלטן קאלנער קאפּעט זיך אין שניי, וואס איבערן טראטואר.

באלטשע, וואס איז אן אומרואיקע געשטאנען ביים שויפענצ־טער, האט אים גיכער מיטן געפיל איידער מיט אירע אויגן דער־קענט.

— ער גייט! — טוט זיך צו זיך א זאג און רירט זיך באלד אוועק פונעם פענצטער, ווי נישט ארויסצואווייזן צופיל זארג און בענקשאפט.

— וואו ביסטו געוועזן ביז איצט? — טוט זי אים גיך א פרעגן, ווען די טיר האט זיך געעפנט און ער, דער פריץ אורעמעלע שידלע, איז אריבער די שוועל מיט א פראסטיקער, ווייסער פארע, וואס האט זיך אויגנבליקלעך צעלייגט איבערן סאלאן.

— מיין פרוי... — טוט ער א זאג ביסטרע און גיט א פאר־קרום מיט די ציין, ווי ער וואלט נישט געוואלט ארויסזאגן ס'איבע־ריקע, וואס ער פילט — אפּגעהאלטן מיך ביז אצינד... רק זי וויל מיטגיין... איך גיי אוועק, וויל זי מיטגיין... שוין געהערט אזא משוגעת?... מ'דארף דאך אזעלכע נעמען אין די מאניפראטן! זי איז דאך נישט ביים קלארן שכל... אזוי זאל'ך נאך דערלעבן, וואס כ'ווינטש מיר, ווי זי איז נישט ביים קלארן שכל... כ'על, דאכט זיך מיר, דארפן רופן א דאקטאר צו איר, אדער זי ערגעץ־וואו אוועק־פירן... כ'זע נישט, אז כ'זאל קענען שטיין מיט איר אין איין הויז און פלוצים נישט דארפן מאכן א גוואלד איבער אן אומגליק... אז זי רעדט דאך שוין נישט צו קיין מענטש... זי קוקט דאך מיר נאך ווי א מערדעריין...

— הער, סערצע מאיע! דושא!(1 — טוט זיך צו אים זייער נאנט א דערנענטער די הויכע, שיין־פּיסיקע באלטשע מיט איר פאר־כישופדיקן לענגלעכן, בלאסן פנים און נעמט אים אן ביי די קאלטע הענט — איך מוז אוועקגיין... בלייב דא... איכ'ל צוריקקומען אין א שטיקל צייט ארום... טו זיך דא, וואס דו באדארפסט. טו זיך אויס, לייג זיך אין בעט אריין און לעש די עלעקטרע, ביז איכ'ל צוריקזיין...

— וואוהין גייסטו?... — טוט אורעמעלע שידלע א שטעל־אויף זיינע בלאע, תאווהדיקע אויגן — פארוואס גייסטו אצינד אוועק?...

1.) סערצע מאיע! דושא — הארץ מיינס... נשמה...

— כ׳מוז...

און זי דערציילט אים וועגן וואָס.

— ניין!... טוט ער זי אַ שטופּ־אָפּ פון זיך — וועסט נישט גיין... איך ווייס וואָס דאַרטן קאָן פּאַסירן צווישן דיר און דעם סטאַ־ראַסטע... איך ווייס... כ׳שטעל זיך פאָר.. אומזיסט וועט ער דיר נישט צוריקגעבן די קאָנצעסיע פאַר די עלטערן.. איך וויל נישט, אַז דו זאָלסט גיין...

— וואָס זאָגסטו? — טוט די שוואַרצאויגיקע, פאַרליבטע באַלטשע אַ קוק־אַן דעם פאַרהייראַטן מאַן מיט אַ פּאָר פאַרחידושטע אויגן ,כאָטש זי האָט גוט פאַרשטאַנען, וואָס ער מיינט.

— דאָס, וואָס איך זאָג!... מיין געליבטע וועט נישט ווערן אַ צווייטנס געליבטע... איך וויל, דו זאָלסט דאָ פאַרבלייבן...

— פאַרבלייבן?... — איז באַלטשע געוואָרן נאָכמער פאַר־וואונדערט און, אין דער זעלבער צייט, אַביסל אויך אין כעס, וואָס ער הערשט איבער איר, כאָטש נאָך גאָרנישט האָט זיך נישט אָנגע־הויבן.

— יאָ!... — זאָגט ער — אָדער דו ווילסט, כ׳זאָל אַוועק־גיין...

באַלטשעס האָבן זיך איצטער געשטעלט טרערן אין די אויגן. אי דער צווינגענדיקער באַדינג זיינער ,אי איר ליבשאַפט צו אים, אויך צו די עלטערן האָבן זיך איצטער אין איר אַלע צוזאַמען צו־נויפגעפּלאָנטערט און זי געשטיקט ביז טרערן.

זי האָט אָבער נישט אויסגעבראָכן אין קיין שטיקנדיקן געוויין. זי האָט זיך נאָר צוגעטאָן די הענט צום פּנים און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ מיט אַ שטילן העשן:

— וואָס וועלן טאָן מיינע אַלטע טאַטע־מאַמע... פאַרוואָס גלויבסטו מיר נישט, אַז איך בין ערלעך צו דיר...

אָוורעמעלע שידלע, כאָטש אַ מענטש, וואָס האָט ליב אַרויפצו־צווינגען זיין ווילן אויף אַנדערע, האָט זיך בעת אַ פּרוים געוויין אַלעמאָל פאַרלוירן. אין האַנדל האָט ער נישט נאָכגעגעבן. אין פאָל־וואַרק־זאַכן האָט ער נישט נאָכגעגעבן. האָט ער געזאָגט: מאַכן די פערד אַזאַ „אַבראַק״ און נישט קיין אַנדערן, האָט דער פאָלוואַרק־פאַרוואַלטער געמוזט זיך בייגן. האָט ער געזאָגט: נישט באַרשטן די פערד היינט, נאָר דרעשן תבואות, האָט מען געמוזט טאָן, וואָס ער וויל, כאָטש מ׳האָט אים אויפגעוויזן, אַז ר׳איז אומגערעכט. און

אויך אזוי אין קהילה־ענינים. סיי דער רב, סיי די אנדערע באלעבאַ־טים האבן גאַרנישט געקענט אויפטאָן, ווען ער האָט זיך איינגע־שפּאַרט אויף עפּעס אַנדערש. ס'האָט געמוזט בלייבן ווי ער האָט געוואָלט. אָבער אַז ס'איז געקומען צו פּרויען, וואָס האָבן זיך צע־וויינט, נאָך דערצו אַזעלכע פּרויען, וואָס ער האָט נישט פיינט, דאַ איז ער געבליבן ווי אַ קינד.

אויך אַזוי איצט.

צו זיין פּרוי איז ער געווען אכזריותדיק, כאָטש ווען נישט איר אַפּטמאַל וויינען, וואָלט ער געווען אַ סך מער האַרטער. אָבער צו איר, באַלטשען, האָט ער אַפילו גאַרנישט נישט געקענט זיך איינ־עקשנען. איר געוויין האָט אים אַזוי ווייך געמאַכט, אַזש ער האָט נישט געקענט רירן מיט קיין אבר.

— נו, גיי... — זאָגט ער צו איר — אָבער זאָלסט מיר נאָכן צוריקקומען שווערן, וואָס ס'איז פאַרגעקומען...

באַלטשע האָט זיך איצט אויסגעווישט די אויגן, אַ קוק געטאָן אויף אים, ווי אויך דערדאַזיקער אופן דערלויבן וואָלט פאַר איר געווען אַ באַליידיקונג, אָבער ז'איז אַוועק אין אַנדערן צימער צו נעמען אויף זיך דעם קאַראַקולענעם מאַנטל.

.15

געבליבן אַליין — האָט ער זיך נישט געלאָזט טאָן, וואָס באַל־טשע האָט אים געהייסן. ניין. ער האָט זיך גאָר אַנידערגעזעצט אויף אַ שטול אין סאַלאָן און גענומען קוקן פאַר זיך, ווי עס וואָלט אים אַלץ דאָ אַרום געווען נישט באַקאַנט, ווי עס וואָלט אים גאָר לחלוטין פרעמד געווען.

געוועזן איז עס איבער דעם חשד אויף איר און איבער דעם נאָכגעבן איר דאָס גיין צום סטאַראָסטע.

נאָכאַלעם — טראַכט ער — איז ער דאָך אין תוך גערעכט, אַז דאָרטן, ביים סטאַראָסטע, וועט גאַרנישט נישט קענען פאַרהאַנדלט און אָפּגעמאַכט ווערן אַז דעם שכר, וואָס זי, באַלטשע, וועט מוזן צאָלן. אַזעלכע זאַכן געשעען דאָך קיינמאָל נישט בלויז צוליב דעם שיינעם רעדן, אָדער צוליב דעם שיינעם געשטעל. דער מער תקיפער צד מוז געווינען אַלץ, וואָס ער וויל אַרויסקריגן פון דעם שוואַכערן. איז דען איצט אַנדערש? פאַרוואָס זאָל ער עס נישט נעמען? נאָכ־

דערצו, ווען זי קומט אײנע אַלײן אַרויף צו אים וועגן זײַנער אַ לאַסקע, אַז וועלכער עס איז אַפּהענגיק אירע עלטערנס שטײן אויף די פֿיס, אָדער פֿאַלן. זיכער וועט ער עס נעמען. און זיכער וועט זי זיך נישט קעגנשטעלן. וואָרים, האָט זי דען נישט אַרויסגעוויזן קײן גרעסערע ליבשאַפֿט און שטאַרקערע איבערגעגעבנקײט צו די עלטערן, אײדער צו אים, דעם פֿריץ אַווראַמעלען, ווען ער האָט אויף אַ ווײַלע נאָר פֿאַרלאַנגט, אַז זי זאָל זיך אָפּהאַלטן? געוויס! און דידאָזיקע ליבשאַפֿט און איבערגעגעבנקײט וועט זי דאַרטן בײַם בחורשן סטאַראַסטע אין צימער אַרויסווײַזן צו אירע עלטערן דורך דעם, וואָס זי וועט נישט אָפּזאָגן זיך צופֿרידנצושטעלן דעם פֿאַרלאַנג פֿונעם הערשער, דעם תּקיף איבער קאָנצעסיעס... יאָ. אַז ספֿק. ס'קאָן דערבײַ קײן שום צווייפֿל נישט זײַן. אײ, זי פֿאַרזיכערט אים, אַז ס'וועט גאָרנישט נישט געשען? דאָס איז פֿאַלטש פֿון ערשטן ביז צום לעצטן אות. יאָ. וואָרים אויך אַזוי האָט זי אים אײנמאָל שוין געשוואוירן, אַז צווישן איר און די אַלע, וואָס האָבן נאָך פֿאַר אים, אַווראַמעלען, געפּלעגט דאָ אַרײַנקומען אויף נאַכט־וויזיטן, איז גאָרנישט נישט פֿאָרגעקומען. יאָ. איז עס אָבער אמת? ס'איז פּונקט אַזוי אמת, ווי זי זאָל שווערן, אַז צווישן איר און אים, אַווראַמעלען דעם פֿריץ, קומט אויך גאָרנישט נישט פֿאָר. יאָ. פּונקט אַזאַ שבֿועה. אָבער דאָס מײנט פֿאַר אים גאָרנישט שבגאָרנישט. ער ווייסט דעם אמת. פֿאַר אים זענען דאָ אַרײַנגעקומען פּאָליצײ־באַאַמטע, און ס'איז געוויס עפּעס פֿאָרגעקומען. נאָך די פּאָליצײ־באַאַמטע איז דאָ אַרײַנגעקומען דער פּאָליצײ־נאַטשאַלניק זעלבסט, און ס'איז אויך עפּעס, אַז ספֿק, פֿאָרגעקומען. און נאָך אים איז דאָ אַרײַנגעקומען דער סטאַראַסטע זעלבסט. טאַקע דערזעלבער, צו וועמען זי איז ערשט נישטלאַנג צוריק אַוועק. און נאָך אים — דער סאָציאַליסטישער, יונגער־בלאָנדער שטאַטראַטמאַן, וואָס ווען נישט זײַן פֿאַרשווינדן אין קרימינאַל אַרײַן, איבער זײַן קעגנערשאַפֿט צו דער רעגירונג, וואָלט זי געווען מיט אים מסתּמא חתונה־געהאַט. יאָ. און דאָך האָט זי נאָך פֿיל מאָל געהאַט די געוואַגטקײט דאָס אַלץ אָפּצולײקענען. עס איז גאָרנישט נישט געשען. הם...

אָבער נאָך קײנמאָל איז אים אַט דער ליגן נישט געווען אַזוי דערווידער און האָט אים אַזוי נישט אויפֿגעצאַרנט, ווי איצט. וואָרים, אַט־טאַקע איר פֿאַרביסענע אײַנגעשפּאַרטקײט — נישט צו האַרכן אים, כאָטש זי האָט געזען זײַן ערנסטקײט, זײַן ליבשאַפֿט, האָט

אים איצט, נאָך איר אַוועקגיין, אַזוי איבערצייגט אין איר כסדרדיגן ליגנערעווען, אונטערשקרגנען, אַזש ער האָט זיך אַנגעהויבן צו דער־פילן לחלוטין אַז איבעריקער, אַז אָפּגענאַרטער.

יאָ. אַז אָפּגענאַרטער. נישט זי האָט אים ליב, און נישט זי מיינט, וואָס זי זאָגט. זי איז בלויז ליגן, בלויז תכלית־זוכעריין. וואָרים, ווען נישט דאָס, וואָלט זי נישט אַראָפּ פונעם וועג. כאָטש זי האָט געהאַט אינדערהיים אַ גוטע, אַ פרומע דערציאונג. און ווען נישט דאָס, דער תכלית, וואָלט זי זיך נישט אָפּגעגעבן מיט דעם, מיט יענעם — כדי צו פאַרזיכערן זיך דעם מאָרגן בעסער און בעסער.

און טאָקע אויך דערפאַר האָט זי זיך מיט אים, אַווראַמעלען, אָפּגעגעבן מער, ווי מיט אַלע אַנדערע. ערשטנס, ווייל ער איז אַ ייד. זי ווייסט מיט אים קענען קומען אין די יידישע קרייזן, וואו נאָר זי וועט ווערן. צווייטנס, ווייל ביי אים וועט זי קענען זיין אַזוי פאַר־זיכערט מיט אַ לעבן, אַז זי וועט נישט דאַרפן אַנהאַלטן איר „סאַלאָן" קיין איין מינוט נאָך דער חתונה. אדרבא. ווי נאָר ס'וועט באַ־שטימט ווערן אַ חתונה, וועט זי אים באַלד פאַרמאַכן. וואָרים ווי פּאַסט עס צו האָבן אַ „סאַלאָן", ווען זי גייט חתונה־האָבן מיט אַ פּריץ? אָט־דאָס איז איר ריכטיקער אויסגערעכנטער גאַנג.

איז וואָס? צוליב דעם טאָקע זאָל ער איר ליגן אונטער די פיס, נאָכגעבן אַלץ, וואָס זי וויל? און נאָכדערצו נאָכגעבן אַזעלכעס, וואָס באַליידיקט זיין גאַנצע באַציאונג צו איר? ניין. ער וועט זי אין־גאַנצן פאַרלאָזן. יאָ. נישטאָ קיין בריק צווישן איר און אים. אַלץ איז פאַלטש. זי מיינט נישט אים, נאָר זיין געלט! ער האָט אָבער געלט אין דר'ערד. מעג ער אפילו קענען קריגן פאַר געלט די גאַנצע וועלט. ער וויל אָבער נישט קריגן פאַר זיין געלט. נאָר צוליב זיך גופא וויל ער קריגן ליבשאַפט, איר ליבשאַפט ,איר אַלץ. יאָ. ער וויל נישט קיין געלט־ליבע, קיין תכלית־ליבע, נאָר ריינע, אמת'ע ליבע, אַנישט — אויף כפרות אַלץ!

איבעריקנס, וואָס איז ער עפּעס געקומען צו אָט־דעם שכל אַזוי שפּעט? פאַרוואָס האָט ער וועגן דעם נישט געטראַכט נישט אַזוי צוליב זיך ווי צוליב זיינע קינדער? זיין טאָכטער רוזשע, אַן אַכצנ־יעריקע מיידל, שטודירט אין וואַרשעווער אוניווערסיטעט אויף פי־לאָזאָפיע. זיין זון אַבראַם, אַן איין־און־צוואַנציקיעריקער בחור, שטו־דירט אין איטאַליע אויף אינזשינעריע. איז וואָס וועלן זיי זאָגן, ווען דערוואוסט זיך, אַז ער איז צעשיידט מיט דער מוטער און האָט אַריינ־

גענומען אין הויז אַ פרעמדע? איבעריקנס, נאָר דאָס? אפילו צו זייער קאַריערע וועט עס דאָך שאַטן. די טאַכטער רוזשע וועט שוין נישט קענען טאָן קיין לייטישן שידוך. שטאָט אַנצוקומען לייכט אין די הויכע פענצטער, וועט מען פאַר איר פאַרשפאַרן טיר־און־טויער מיט דער טענה: איר פאָטער איז אַ ליידאַק... אין דער משפחה איז נישטאָ קיין האַנאָראָווע, יחוסדיקע פירונג... און דער זון אַבראַם, כאָטש פאַר אַ בחור איז אַ סך לייכטער, וועט אויך נישט האָבן קיין לייכטן וועג. אין די הויכע קרייזן, וואו מ׳וויל פריער אויסגעפינען דעם געגויען יחוס, איידער מ׳איז זיך משדך, וועט מען געוויס אָפּ־האַקן עפּעס צו טאָן, ווינאַר מ׳וועט זיך דערוויסן, וואָס ס׳האָט פּאַ־סירט. וואָס — וועט מען געוויס טענהן — עמעצער קאָן קאַווירן, אַז אין דעם יונגן אינזשיניער איז נישטאָ דעם פאָטערס אַוואַנטוריס־טיש בלוט? בעסער נישט אַריינוואַרפן די טאָכטער אין אַזאַ שמוץ!

איז אָט נאָך די אַלע הוריות און געדאַנקען, וואָס האָבן אין אים דערוועקט חרטה און פרעמדקייט צו אַלעם דאָ, האָט ער זיך געפילט שוין אויפצושטיין און אַהיימגיין. ער האָט זיך אָבער נישט געקענט אויפשטעלן, ווארים ס׳האָט אים עפּעס צוגעהאַלטן אַ געפיל צו איבערצייגן זיך נאָכאַמאָל אין איר פאַלשקייט און איבערהויפּט צו איבערצייגן זי, אַז ער קען זיך אויף איר. יאָ. ער קען זיך אויף איר גוט. זייער גוט. און באַוויזן האָט ער עס געוואָלט דורך איר, אַז ספק, שפּעטן אַהיימקומען פון סטאַראָסטע און אויך דורך איר שול־דיקער צעטומלטקייט, כאָטש זי וועט זיך, אַז ספק, באַמיען צו באַ־האַלטן זי אין זיך, אָדער דערשטיקן זי מיט אַלע כחות.

אָבער אינדעם — אַ קלאַפּ אין דער טיר. נאָכדעם —אַז שאלות, אַז רעספּעקט, אַז עטיקעטע האָט זיך אַ מאַן געטאָן אַ וואָרף אַריין דורך דער ראַפּטום זיך־געעפנטער טיר און איז געבליבן שטיין אין סאַלאָן, ווי אַ גזלן.

געווען איז דער מאַן — אוורעמעלע שידלעס אַ פערד־יינג. אַ בחור אין אַ פאַרשנייעטער צאַפּע, אין פון פערד באַמיסטיקטע שטיוול, און אין אַ ווינטער־קורטקע, וואָס די וואַטע איז פון איר אַרויסגע־קראָכן פון אַלע זייטן.

— וואָסי? — האָט זיך אוורעמעלע געטאָן אַ שטעל־אויף פון דער שטול און איז צו צום יינג.

— שוין קומט אַהיים, באַלעבאָס!... — טוט זיך דער יינג אַ שלעפּ אַרויף די צאַפּע פון איבער די אויגן, און דאָס פּנים — די

ציין, די ליפּן, די ברייטע נאָז, די אויסגעשמיסענע באַקן — וואַרפן אַן איין מורא־שחורה נאָך דער אַנדערער.

— וואָסי?

— די פּאַני באַלעבאָסטע האָט זעך געגימען ס'לעבן... שוין קימט אַהיים...

— ור־עעע־רררר? — האָט אוורעמעלע שידלע זיך אַ שאָקל געטאָן אין בערן־פּוטער, וואָס ר'האָט נאָך געטראָגן.

דער מיטלוואָוקסיקער, צעטומלטער ייִנג האָט שוין איצט מער נאָרנישט נישט געזאָגט און זיך געלאָזט צו דער טיר.

אויך האָט זיך געלאָזט צו דער טיר — אוורעמעלע דער פּריץ.

16.

שפּעט באַנאַכט איז צוריגעקומען — באַלטשע.

אין סאַלאָן איז געווען פינצטער. אויך אַזוי איז די אַנדערע צימערן. עס איז געווען שטיל אין דערדאַזיקער פינצטערניש, ווי אין אַ ווייסטע.

באַלטשע איז געווען צופרידן, וואָס עס איז אַזוי. ערשטנס, כדי ער, פּאַן שידלע דער געליבטער, זאָל נישט דערקענען לויט איר אויסזען, וואָס ס'איז געשען. צווייטנס, ווייל ער האָט געטאָן, ווי זי האָט געבעטן, ס'הייסט — געגאַנגען שלאָפן.

זי איז דערפאַר צו צו דער טיר, וואָס פירט פון סאַלאָן איז שלאָפצימער אַריין, האָט זי צוגעמאַכט און אָנגעצונדן דאָ די עלעקטרע.

אַ פאַרבלענדנדיקע ליכטיקייט האָט אַ פלייץ־געטאָן איבער די ווענט, איבערן דיל, איבערן סופיט און איבער די שפּיגלען, אַקעגן וועלכע עס שטייען די פּאַציענטן־שטולן.

באַלטשע — אין קאַראַקולענעם מאַנטל, אין סאַמעטענעם בערעט — האָט זיך איצט אַשטעל־געטאָן פאַר איינעם פון דידאַזיקע פאַר־בלענדנדיקע שפּיגלען און זיך גענומען אָנקוקן.

בבב! — האָט זי אַ שוידערלעכן קרום־געטאָן מיט די ליפּן און אויגן, ווען דערזען זיך אין שפּיגל — ווי אַזוי וואָלט ער אויף איר געקוקט, ווען ער שלאָפט נישט און זעט זי אין אַזאַ „פּאַלאַ־זשעניע"?

אויסגעזען האָט זי איצט זייער צעטראָגן. אירע באַקן — צע־פלאַמט. אירע אויגן — ווי אונטערגעשלאָגן. איר האַלדז — מיט

צייז־ביסן. איר שטערן — געַרונצלט, שווייסיק. איר בליק — עפּעס ווי פון אַ מידן, אַ נישט־אויסגעשלאָפענעם.

זי האָט בכלל אויסגעזען, ווי זי וואָלט זיך מיט עמעצן זייער שווער געראַנגלט, היפּשלעך געמוטשעט, און צום סוף — גאָרנישט נישט אויסגעפירט, איז באַזיגט געוואָרן.

גיך, גיך האָט זי זיך געטאָן אַ קוק־אַרום, צי גייט נישט עמעצער. און דעם „עמעצער" האָט זי געמיינט — דעם פּאַן שידלע. עס האָט זיך איר געדאַכט: טאָמער איז ער, מחמת איר געַרודער, אויפגע־שטאַנען פונעם בעט און קומט דאָ אַריין. זי האָט זיך אַזוי געשראָקן, אַז ווען אַפילו ער איז נישט אויפגעשטאַנען, כאָטש ר'האָט דערהערט, האָט זיך איר אָבער אַלציינס געדאַכט, אַז ער דאַרף אויפשטיין איבער איר צעטומלטקייט.

אָבער ס'האָט זיך קיינער נישט באַוויזן.

זי האָט זיך באַרואיקט און גענומען זיך גיין אויסטאָן, כדי וואָס גיכער זיך איינוואַשן און אונטערן וואַסער פאַרבאָרגן אַלץ, וואָס איז נאָך קענטיק.

אויבן, ביים סטראָסטע אין זאַל, האָט זי אויך געטאָן אַלץ, וואָס נאָר מעגלעך, כדי זי זאָל נישט אהיימקומען אַ צעטומלטע, אַ באַרוישטע נאָך דעם, וואָס ס'איז דאָרטן געשען. אָבער זי האָט זיך נישט געקענט אויסטאָן און אַרויפגיסן אויף זיך אַזויפיל וואַסער, אַז קיין שום סימן זאָל נישט זיין אָנזעעוודיק. ערשטנס, ווייל בעתדעם וואָלט מסתם נאָך עפּעס געשען: צווייטנס, וואָלט עס אַוועק אין נאָך מער צייט. און דאָס האָט זי נישט געוואָלט צוליב אים. פּאַן שידלען, וואָס וואַרט אויף איר שלאָפנדיק. ער וואָלט געהאַט וואָס פאַרצואוואַרפן איר, ווען זי קומט אַהיים צו־שפּעט. איז דערי־בער האָט זי עס געמאַכט וואָס גיכער און נעמט זיך איצט אויסצו־טאָן, כדי אויך וואָס גיכער איינצואוואַשן זיך דאָ אינדערהיים.

אַראָפּגענומען פון זיך דעם מאַנטל, דעם בערעט, דעם זיידע־נעם שאַליק פונעם האַלדז, די בלוזע, דאָס קלייד — האָט זי אַלץ געלאָזט דאָ. זי האָט נישט געוואָלט זיי אַריינטראָגן אין שלאָפצימער, כדי נישט איבערצואוועקן דעם פּאַן שידלען. און אין די אונטערוועש, ראָזע און ווייסע, זיך געלאָזט אין דער קיך, וואָס באַלד נאָך דעם סאַלאָן.

אין דער קיך איז אויך געוואָרן ליכטיק. נאָכדעם האָט זיך אָנ־געצונדן אַ פּרימוס־מאַשינקע, כדי נישט צו באַניצן דעם קאַפּליאַ־

נענעם אויוון, וואס דארף א סך ארבעט ביז ער דערוואַרעמט זיך. און באלד נאכדעם האט זיך א טאפּ וואסער אנגעהויבן אנצוואווארע־מען פון די פלאַמיקע צונגען, וואס האבן מיט א נאפּט־ריח ארויסגע־זעצט פון די קליינע פּרימוס־לעכלעך.

באַלטשע איז איבער דער גאַנצער צייט, בעתן אנוואַרעמען ס׳וואסער, געשטאנען ביי דער מאשינקע און האט נישטווילנדיק איט־לעכע פאר רגעם געקוקט אויף הינטער זיך, צו דער טיר, צי קיינער קומט נישט אריין. און דאס מאל אויך איבער אים — דעם פאַז שידלען. אבער אויך איצט האט ער זיך קיין איין מאל נישט באוויזן. באַלטשע איז געווען צופרידן.

— גוט, וואס ער שלאפט אזוי געשמאַק... — טראכט זי — וואס וואָלט ער געטראכט, ווען ער זעט מיך אזוי אין אזא צעטומלט־קייט?

נאכן אנוואַרעמען ס׳וואסער האט זי אראפּגענומען דעם טאפּ, אריינגעגאסן ס׳וואסער אין א גרויסער שיסל, וואס איז נאך פריער געווען אנגעגרייט אויף א שטול, און גענומען זיך וואשן און זייפן.

איבער דער קיך האט זיך באַלד צעשפּרייט א פאַרכאַפּנדיקער ריח פון פולסנס פארשמעקנדיקן זייף.

באַלטשע האט זיך געוואשן דעם האלדז, די צייז־ביסן, דאס פנים, דעם שטערן — — — — — זי האט געוואשן עטלעכע מאָל, כדי ארויסצוציען פון דאָרטן אַלץ, וואס קען זיין א סיבה אויף חושד־זיין. אַלץ איז איר געלונגען. אבער איין סימן האט זי נישט געקענט פארוואשן. און דאס זענען געווען — די צייז־ביסן.

אבער אויך צו דעם האט זי באלד געפונען א עצה. זי איז צוריק אריין אין סאַלאָן, האט אפגעעפנט דאָרטן א שופלעדל פון א שפּיגל־שענקעלע, גענומען אביסל פודער פון א שאכטעלע און — א שיכט אויף א שיכט איז געבליבן ליגן אויף איטלעכן ביס־פלאַץ.

איצט ערשט, אז שוין פאַרטיק, אמווייניקסטנס כאָטש ביז אינדערפרי, ווען די זון שיינט אריין אין שלאפצימער, און ווען, מיט גאָטס הילף, עס וועט שוין נישט בלייבן אזויפיל, אדער בכלל גאַרנישט אנזעעוודיק, האט זי גענומען די אראפּגעצויגענע מלבושים אויף דער האַנט אַרויף און אויסגעלאשן די עלעקטרע — סיי דאָ אין סאַלאָן און סיי אין דער קיך.

זי איז געגאַנגען אין שלאַפצימער אריין.

אבער דאָ איז זי געבליבן שטיין.

— פאַניע שידלע! — האָט זי געררופן עטלעכע מאָל און נישט געקראָגן קיין ענטפער — פאַניע שידלע!!

אָבער קיינער האָט איר נישט געענטפערט.

— וואָס איז דאָס? — האָט זי גענומען העכער שרייען — וואָס איז מיט אייך? פאַניע שידלע? וואָס שלאָפט איר אַזוי שווער?

ווידער נישט קיין ענטפער.

איצט האָט זי אָנגעצונדן די עלעקטרע. זי מוז זען, וואָס ס'איז מיט אים. אָבער נאָכן אָנצינדן די עלעקטרע — זענען די מלבושים וואָס זי האָט נאָך געהאַלטן אויף דער האַנט, אַראָפּגעפאַלן אויפן דיל, און פון מויל האָט זיך איר אַרויסגעריסן אַ ווילדער פאַר־צווייפלטער קוויטש:

— שי — — ד — — לע?!

נאָכן רעש איז פּלוצים געוואָרן שטיל. פאַר אירע אויגן האָט זיך געזען אַ צונגעבעט בעט — אַזויווי זי האָט עס געלאָזט. און שטולן, שענקלעך — אויך נישט באַרירט. זיי זענען געווען אָן אַ פרעמדן מלבוש. עס האָט זיך פאַר אירע אויגן אָנגעהויבן צו דרייען עפּעס אַ בלענדיקע טונקלקייט, וואָס איז געוואָרן וואָס אַמאָל אַלצמער חושכדיקער.

אַ הייזעריקער געוויין האָט זיך איצט פּלוצים אַרויסגעריסן פון איר האַלדז. אירע אויגן זענען געוואָרן פאַרלאָפן מיט טרערן. איר פּנים איז געוואָרן פאַרקנאָדערט. אַן איינגעבויגענע האָט זי זיך איצט אין די אונטערוועש, געלאָזט אַריין אין סאַלאָן און ווי אַ מבולבלטע גענומען שרייען זוכנדיק:

— אוורעמעלע?... שידלע?...

אָבער אויך פון דאָרטן איז נישט געקומען קיין ענטפער. ווי טויט.

אָנגעצונדן די ליכט, איז זי געבליבן שטיין אין מיטן דיל און האָט געקוקט צו דער טיר העשנדיק:

— פאַרוואָס ביסטו אַוועק?... פאַרוואָס?...

אַ שטאַרק העשנדיקע איז זי צו צו אַ שטול, האָט זיך אַראָפּגע־לאָזט אויף איר און אַריינגעטאָן דאָס פּנים אין די הענט.

געוויינט האָט זי אַזוי אַ שטיק צייט. וואָס אַמאָל אַלץ יאָמערלע־כער און יאָמערלעכער. געוויינט ווי פון עפּעס אַ מורא און שרעק. אויך געוויינט ווי פון איינזאַמקייט און פאַרלוירנקייט. זי האָט גאָר־נישט געטראַכט צו גיין שלאָפן און האָט נאָר געוויינט.

עס איז געווען ווי אין אן אבלות־הויז.

אבער אינדעם האט זי זיך אויפגעשטעלט, אויסגעווישט זיך די אויגן און גענומען קוקן עפעס א קאלטע, ווי א פארשטיינערטע, צו דער טיר, פון וואנען ס'האט זיך געהערט א קלאפ.

— ווער דאס? — פרעגט זי אין דער שטיל, ווי זי וואלט גע־מיינט, אז דאס קלאפט ער, דער פאן שידלע, וואס וויל ערשט פון איצט אן דא פארבלייבן.

געהערט האט זיך אבער דער מוטערס קול.

— עפן, באלטשע!

— די מאמע?

— יא. נייעס.

— נייעס? וואסארא נייעס?

די טיר האט זיך געעפנט און די מוטער און די טאכטער האבן זיך באגעגנט זייער נאענט.

— וואס?

— זיי נישט דערשראקן... פאל נישט הינטער זיך... — האט די מוטער א נעם־געטאן די טאכטער ביי די ארעמס און זי גענומען צופירן צו א שטול — ס'איז נישט דיין שולד, אז זי, דעם אורעמעלעס פרוי, האט נישט געהאט קיין שטארקן כאראקטער, איז עס דערפאר געשען... מ'דארף האבן א שטארקן כאראקטער... מ'דארף קענען אין לעבן זיך ווערן...

באלטשע האט איצט אויפגעעפנט די אויגן און געקוקט אויף דער מוטער, ווי א קראנקע אויף א גאסט. זי האט אבער גארנישט געזאגט, נאר געקוקט, ווי עס וואלט פאר אירע אויגן עפעס זיך גע־טוישט די קאליר פון צימער: אמאל אויף טונקל און אמאל אויף ליכטיק. זי האט נאר עפעס ווי א שיקלדיקע געקוקט.

— זאג מיר, טאכטער, — זאגט זי, די ברייטפלייציקע, אויס־געפילטע מוטער, וואס איז געווען אנגעטאן אין א שאליק אויפן קאפ, אין א שאליק אויפן האלדז, און אין אן אלטמאדישן מאנטל, וואס איז שוין, זינט דעם סוף־מלחמה, עטלעכע מאל איבערגעארבעט געווארן — ביסטו טאקע שוין געווען ביים סטאראסטע? אז כ'ביז שוין דא, עלעהיי וועל'ד זיך ווענן דעם דערוויסן...

— יא... — האט איר קאפ, באלטשעס, געשאקלט, אבער אירע ליפן זענען געבליבן פארשלאסן.

— און האסט גערעדט?

— יאַ... — האָט איר קאָפּ ווידער געטאָן אַ שאָקל, ווי איז אַ שלאָף, אָבער אירע ליפּן זענען ווידער געבליבן פאַרשלאָסן.

— און ס'וועט נישט זיין קיין שטער?

— ניין... — האָט איר קאָפּ זיך געטאָן אַ דריי אויף רעכטס און אויף לינקס, און די אויגן, וויסנדיק וויפיל דאָס אַלץ האָט געקאָסט, האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט צום דיל.

פאַניע, די מוטער, האָט איצט זיך געטאָן אַ דריי־אַרום אין אַ רעדל, ווי זי וואָלט געוואָלט כאַפּן עמעצן, וואָס זאָל מיט איר טאָן אַ טאַנץ, אַ הילכיקן פריידיקן אויסגעשריי און ווערן ווילד אפילו אויף אַ נישט אַנשטענדיקן אופן. צום סוף האָט זי אַ באַרואיקטע אַנגענומען די טאָכטער ביי די הענט — צו פירן זי אין שלאָפצימער אַריין און אויך צו לייגן זי שלאָפן.

— קום, דו נאַרעלע... — זאָגט זי צו איר — דאַרפסט גאָרנישט נישט האָבן קיין עגמת־נפש... זי האָט זיך נישט גענומען ס'לעבן איבער דיר, נאָר ווייל זי אַליין איז קיין מענטש נישט געווען... אַ מענטש דאַרף קענען לעבן אויף דער וועלט... מ'דאַרף וויסן, אַז נישט נאָר קומט בלויז זיך, נאָר אויך יענעם... קום, דו נאַרעלע...

די הויכפּיסיקע, איצט־נידערגעשלאָגענע באַלטשע האָט זיך נישט געלאָזט בעטן און איז געגאַנגען, וואוהין די מוטער האָט זי געפירט.

די מוטער האָט אָבער דאָ לאַנג נישט געבאַלעמוטשעט. נאָכן אײַנקלײַגן זי, האָט זי זיך באַלד אַרויסגעריסן פון דאַנעט און גיך גענומען אַהיימאײַלן זיך מיט אַ בשורה־טובה.

.17

אַרום דעם הויז, וואו ס'איז ר' עזריאל אַפּטערס דירה, האָט געהאַקט אַ שניי. אַ געדיכטער שניי. פון אַלע זייטן האָבן זיך אַהער־געצויגן כוואַליעס שניי און געקלאַפּט אין די מויערן פון הויז. פון מזרח, פון מערב, פון צפון האָבן געיאָגט ווינטן און זיך געשליידערט מיט קראַפט, מיט האַסט, מיט פאַרטויבנדיקע געשרייען, ווי זיי וואָלטן געוואָלט ס'הויז צוצעטראָגן.

עס איז געווען אַ שטורעמדיקע זאַווערוכע.

בעתן שטורעם האָט זיך אין הויז געלייכט איין פענצטערל. אַלע אַנדערע פענצטער זענען געווען פאַרלעדנט. מ'האָט נישט דורכגעזען

קיין שפּאַרונקע ליכט. ס'איז געווען פינצטער. די איינוואוינער זענען געשלאָפן. שווער געשלאָפן. האָבן גאָרנישט נישט געהערט.

עס איז געווען שפּעט נאָך האַלבער נאַכט.

אָבער צווישן אַט די אַלע פענצטער איז דאָך געווען איינס, וואָס האָט געהערט. און געווען איז דאָס פון חדר־מיוחד, וואו ר' עזריאל אַפּטער האָט זיינע ספרים און ס'בעטל.

עס איז געווען דאָס באַלויכטענע קליינע פענצטערל, וואָס גייט אַרויס צום מאַרק.

דאָרטן, הינטערן ליכטיקן פענצטערל, איז איצטער, שפּעט נאָך האַלבער נאַכט, געווען ר' עזריאל אַפּטער. ער איז נישט געשלאָפן. ער איז נאָר געשטאַנען אויף זיינע פיס און האָט זיך איינגעפּאַקט טלית און תפילין אין אַ סאַמעטענעם טאָרבעלע.

אַרום אים, אין דער דירה, איז געווען שטיל. די פרוי, וואָס איז מיט עטלעכע שעה צוריק אַהיימגעקומען פון דער טאָכטער מיט דער בשורה, אַז אַלץ איז שוין געראַטעוועט, מ'האָט שוין צוריק די פרנסה, איז איצטער אין אַ טיפן שלאָף. אין שלאָפחדר, וואו זי ליגט איצט שלאָפנדיק, איז פינצטער. אויך איז פינצטער אין די אַנ־דערע צוויי שטיבלעך, אין דער קיך און אין עסצימער, וואָס מ'האָט זיך גענומען נאָכן פאַרקויפן ס'הויז. קיינער האָט זיך דאָרטן אויכנישט באַדאַרפט וויילן. עס איז געווען שטיל און פינצטער, ווי עס וואָלט דאָרטן קיינער נישט געוואוינט.

ר' עזריאל אַפּטער האָט זיך איצט אָנגעטאָן דעם שבתדיקן סאַק, מיטן סאַמעטענעם אויסגעריבענעם קאָלנער, וואָס ער האָט נאָך פון פאַר דער מלחמה. ער האָט זיך אויך אָנגעטאָן אַ דיקן שאַליק אויפן האַלדז. נאָכדעם גענומען דאָס טאָרבעלע מיטן טלית און תפילין אונטערן אָרעם און אַ קוש געטאָן די מזוזה.

נאָכן פאַרמאַכן הינטער זיך די טיר פונעם טאַבאַק־געוועלבל, איז ער געבליבן שטיין אין דרויסן.

אין דרויסן האָט מען איצטער קיין מענטש נישט געזען. אויך נישט קיין הונט. אפילו די עטלעכע פּאָליציאַנטן, וואָס דרייען זיך געוויינלעך אַרום באַנאַכט אויף דער גאַס, האָט מען איצטער אויכנישט נישט געזען.

ס'איז געווען בלויז ווינט, שניי און פראָסט.

אויפן הימל זענען אַרומגעשוואומען גערדיכטע שטיקער נעפּלען, וואָס האָבן זיך, ווי פאַרבלאָנדזשעטע, זינקענדיקע שיפן, אַראָפּגע־

לאַזט אַלצנידעריקער און נידעריקער. פון צווישן די נעפּלען האָט זיך, ווי פון אַ וואָלד אַרויס, אַרויסגעשאָטן דער געדיכטער שניי, דער זיך־דרייענדיקער קנויל פון ווינט און פראָסט, וואָס האָט זיך אַלצמער פאַרפּלאָנטערט און פאַרקנוילט.

עס איז געווען שווער אַ טראָט צו שטעלן. אַלע הייזער .אַלע וועגן זענען געווען פאַרשאָטן. מ'האָט נישט געוואוסט — וואו־איין און וואו־אויס.

ר' עזריאל אַפּטער האָט זיך איצט געלאָזט אַראָפּ מיטן וועג צום באַלעגאָלע־געסל — אַ קוק טאָן, צי ס'איז נישטאָ קיין באַלע־גאָליש פורל.

אין געסל איז איצטער אָבער געווען ליידיק. קיינער האָט זיך נישט געזען. נישט קיין געשפּאַן און נישט קיין באַלעגאָלע.

ר' עזריאל אַפּטער האָט זיך איצט געלאָזט גיין אַרויס פון דער שטאָט. ער האָט געטראַכט: אפשר וועט זיך טרעפן אַ גויאיש פורל הינטער דער שטאָט, וועט ער אויפזיצן און פאָרן.

אָבער אויך הינטער דער שטאָט איז נישט געווען קיינער. אַליין, וואָס ס'האָט זיך געזען, איז געווען:

דער פאַרפרוירענער טייך, וואָס שניידט־איבער דעם שאָסיי, די ווייס־פאַרשאָטענע בריק, און

דאָס פּאַלאַצישע געהייז, וואו ס'וואוינט דער יידישער פּריץ אוורעמעלע שידלע, און וואו ס'איז זייער ליכטיק אין די פענצטער.

ר' עזריאל אַפּטער האָט זיך איצט אומגעקוקט אויף צוריק — צום באַלעגאָלע־געסל, צי דאָרטן איז אין דער צווישנצייט גאָרנישט אָנגעקומען.

אָבער ווידער נישט.

צוריקצוגיין אין דער שטאָט אַריין, אָדער אפשר אַהיימצוגיין האָט זיך אים איצט נישט געוואָלט. ער האָט נישט געוואָלט זיין נישט אין דער היים און נישט אין דער שטאָט. ער האָט נישט געוואָלט הערן, וואָס מענטשן זאָגן וועגן אים, וועגן זיין טאָכטער באַלמשען איבער דעם טויט פון יידישן פּריצס ווייב. ער האָט נישט געוואָלט הערן די פאַרוואורפן, וואָס מ'וועט אים, דעם פאָטער, מאַכן אין שייכות מיט דעם אַלעם. ער האָט געוואָלט זיין ווייט פון דעם.

שוין אַ שפּעטער ביסל האָט זיך געהערט היינט פאַר האַלבער נאַכט, ווען מ'האָט זיך דערוואוסט די נייעס. שכנים אין הויז, וואָס האָט אַמאָל געהערט צו אים, ר' עזריאלן, האָבן שוין אָנגעהויבן צו

רעדן זייער שטאַרק. מ׳איז געשטאַנען אין די קאָרידאָרן — קאָפּ אויף קאָפּ. נישט געווען מעגלעך דורכצוגיין. און אַלץ פונוועגן דער פרוי, וואָס האָט זיך גענומען ס׳לעבן און אפילו נישט געהאַט די זכיה צו זען די צוויי קינדער איידער זי איז געשטאָרבן. און ווען די זון וועט אויפגיין און מענטשן וועלן זיך מער צונויפקומען, וועט דאָס גערייד זיין נאָך שטאַרקער און שאַרפער, און נישט נאָר אין די קאָרידאָרן פון הויז, נאָר אין דער גאַנצער שטאָט. איבעריקנס, אפילו דאָס בית־מדרש, די שול, דאָס גרערע „שטיבל" איז איצטער פאַר אים פאַרשלאָסן. נישט מ׳האָט זיי פאַר אים פאַרשלאָסן, נאָר זיי האָבן זיך כמעט פון זיך־זעלבסט פאַר אים פאַרשלאָסן. וואָרים, נאָך אַזאַ געטומל אין שטאָט, וועט ער דען נאָך קענען קומען ערגעץ צווישן מענטשן?

חוצדעם וויל ער אויך נישט זיין אין הויז, ווייל די פרנסה פון היינט אָן הויבט זיך אָן איבער דער זנות פון דער טאָכטער און דעם זנותדיקן חסד פון דעם גויאישן שר־העיר — דעם סטאַראָכטע. ער וויל דערפאַר נישט נהנה־זיין גאָרנישט פון דעם, וואָס איז געקומען פון אַזאַ־אַ חסד און ישועה. ער וויל אפילו אין די דלד אמות פון אַזאַ פרנסה נישט שטיין. ער וויל זיך דערצו באַיין־אופן נישט צורירן. דערפאַר וועט ער איצט, אפילו ס׳איז נישטאָ קיין עגלה, לאָזן זיך אין דער נישט זייער ווייטער שטאָט, צום רבין, וואָס שמט איבערן לאַנד אַלס צדיק־הדור, און וועט מיט אים האָבן אַ שמועס וועגן אָט־דער גאַנצער זאַך. קיין טריט צוריק, ווי שוין באַשטימט זיך נאָך אין דער הײם, וועט ער נישט מאַכן. איטלעכער טריט צוריק איז אַ טריט נענטער צו בושה און צו אומריינקייט — צו טומאה. ער וועט דערפאַר אָן אַן עגלה זיך לאָזן צום גרויסן צדיק־הדור, צום רבין, און זיך פאַרלאָזן אויפן בורא־עולם.

— אַז ס׳איז נישט באַשערט צו שטאַרבן, קען אפילו דער שניי, דער פראָסט, דער ווינט נישט שולט־זיין... אם לאו יאָ, קען אָבער דאָס שענכטע וועטער נישט זיין ערוב...

און מיטן טלית און תפילין אונטערן אָרעם האָט ער זיך געלאָזט אַריבער דער בריק — קעגן ווינט, פראָסט און זאַווערוכע, צו קריגן אַן עצה פון הייליקן צדיק דעם רבין. קיין שום שרעק פאַרן טויט האָט אים איצט נישט אָפּגעשטעלט. ער איז געגאַנגען זיך אָפּטובלען פון אַלעם, וואָס די הפקר־געוואָרענע טאָכטער און די צושטימענדיקע פרוי האָבן צוליב קיום, חיי־שעה אָפּגעטאָן. אויך וואָס דורך דעם

באַהעפטן זיך פון זיין טאַכטער מיט דעם מלחמהדיקן גביר, אוורע־מעלע שידלען, דעם מגושמדיקן מענטש, איז אַנגעשטאַנען אין דער שטאָט.

ער איז געגאַנגען בעטן הילף.

18.

שפּעט אינדערפרי, נאָנט צו האַלבן טאָג, איז מיט דער באַלע־גאָלע־גאַס, וואו ס'איז געווען זייער שטיל, אַריינגעפאָרן אין דער שטאָט אַריין אַ פערד־און־וואָגן.

געווען איז דער געשפּאַן — פול מיט שניי. דאָס פערד — ווייס. דער וואָגן — ווייס. מ'האָט נישט אַרויסגעזען קיין סימן פון אייזן אויף אַ ראָד. אַלץ איז געווען ווי איינגעטונקען אין פוך.

געווען איז דער דאָזיקער געשפּאַן אַ דאָרפישער — פון אַ וויַיטן דאָרף.

אַלע מאָל, אין ווינטער, ווען ס'כאַפּן שטאַרקע פרעסט, ס'פאַלן אַן גרויסע שנייען, און די וועגן ווערן איבערגעקערט פון זאווערו־כעס, אַלע מאָל אין אַזאַ צייט זעט מען נישט קיין געשפּאַן פון קיין דאָרף. אַ פּשיטא נאָך — פון אַ וויַיטן. שטאָט און דאָרף ווערן דעמאָלט צעריסן ווי צוויי באַזונדערע וועלטן. שטאָט קאָן נישט צוקומען צום דאָרף. דאָרף קאָן נישט צוקומען צו דער שטאָט. אַלץ, וואָס דאָרף האָט פאַר דער שטאָט, בלייבט ליגן אין די שייערן, אָדער אין די קעלערס, וואָס אין די פעלדער, אָדער אונטער בערג. און שטאָט, וואָס האָט זיך באַצייטנס נישט אָנגעגרייט מיט דאָרפּי־שע סחורות, זיצט ביי די קוימענס און וואַרט ביז דער שניי, דער פראָסט, די זאווערוכע וועט זיך דערבאַרעמען און נאָכלאָזן.

אויכאַזוי היינט.

קיינער דערוואַרט נישט, אַז עמעצער זאָל קומען פון דאָרף. אויך רירט זיך טאַקע קיינער נישט אַרויס פון דאָרף — אַפילו מ'זאָל אין שטאָט אָפּגילטן פאַר דער סחורה ווייפיל. איטלעכער זיצט ביים קוימען און וואַרט ביז די צוהאַקעניש פון דער „וועלט" וועט נאָכ־לאָזן, ווערן מילדער.

אָבער פּלוצים — אַ פור און פערד. אַ דאָרפישער געשפּאַן.

— אַ?

— וואָס איז דאָס?

פון הינטער פארקאווטעט פענצטער־שויבן, וואו ווינקלען זענען אפגעגאנגען פון שטויביקער ווארעמקייט, האט מען געזען אויגן. פון געוועלב־טירן, וואס זענען געווען גוט צוגעמאכט, האט מען געזען לאנגע בערד און אויפגעשטעלטע אויגן גלאצנדיקע, וואס האבן ארויסגעקוקט דורך עטוואס אפגעטאיעטע פלעצער. פון טייל פיר־הייזער, וואו קיין טיר־און־טויערן זענען נישטא, וואו אלץ איז אפן, הפקר, זענען געשטאנען מענטשן און האבן זיך איינגעקורטשעטע צוגעקוקט צו דעם ווייסן געשפאן, וואס פארט אריין אין שטאט אריין. מ׳האט געקוקט ווי אויף א ווילד חידוש.

— איז דאס טאקע א דארפישע פור־און־פערד?

— איז עס נישט קא טעות?

— אן אויסדראכטעניש?

אבער מערסטנס האט מען זיך אנגעהויבן צוצוקוקן אין מארק, וואו דאס פערד־און־וואגן איז געבליבן שטיין. דא האט מען געקוקט פון אלע זייטן. נאכדערצו דערפאר, וואס דער מאן — דער פויער — וואס איז אנגעקומען מיטן געשפאן, איז נישט געזעסן אויף דער פור, נאר איבער דער גאנצער צייט געגאנגען צופוס. ער האט געפירט מיט די לייצעס „העטא”, „ווישטא” און נישט געוואלט אויפזיצן אויף דער פור. ער האט זיך געקאפיעט אין שניי ביז צו קניען און נישט געוואלט טאן אנדערש, נאר ווייטער אזוי ווי ביז איצטער. אויך איז דאס געקוקעריי פון ארום און ארום געווען איבער נאך עפעס: ער איז איבער דער גאנצער צייט, זינט מ׳האט אים דערזען, געגאנגען אין בלויזן קאפ, כאטש דער שניי האט נישט אויפגעהערט צו שיטן און כאטש די האר זיינע זענען שוין געווען צונויפגעקנוילט און פאראייזט. ער האט אויסגעזען ווי א שניי־געץ.

נישט־ווילנדיק האט זיך דער עולם פון די פיר־הייזער, פון הינטער די שויבנטירן אין די געוועלבער געטאן א ריר־ארויס און גענומען נאכצוגיין דעם צעטומלטן פויער, וואס האט געקוקט אין אלע זייטן און נישט געוואוסט צו וועמען צו ווענדן זיך.

דערזען אבער א סך יידן, האט ער א מאך געטאן מיט די הענט און מיט דער בייטש:

— זשידקי, קומט נאר אהער... אן אייעריקער איז דא אויף דער פור...

— ווער? — איז געווארן א געלאף צו דער פור.

— אַז אייעריקער... אַ סטאַרי זאַקאָן...(1

די יידן — אין צאַפּעס, אין פּלאַטשיקע היטעלעך, אין אָפּגע־טראָגענע יוביצעס און אין פאַרוואַכעדיקטע שבת־מלבושים — זענען פאַרשנייעטע צו צום געשפּאָן און האָבן אָנגעהויבן אַרומ־צוקוקן.

אויף דער פור איז איצטער גאָרנישט נישט געלעגן קיין סחורה פון דאָרף. נישט קיין קאַרטאָפל, נישט קיין תבואה. גאָרנישט אַזעל־כעס, וואָס מ'דאַרף האָבן אין שטאָט אויף צו דערהאַלטן זיך ביים לעבן. אויף דער פור איז אָבער געלעגן אַ סך שניי און צווישן שניי — אַ מענטש, אַ לאַנגער, אַ דאַרער, מיט אַ שמאָלער, צווייִשפּיצי־קער לאַנגער באָרד און מיט פאַרמאַכטע אויגן.

— ווער איז ער? — האָבן די יידן מיטאַיינמאָל געטאָן אַ שטעל־אויף די אויגן אויף דעם פרומלעך זיך־צוקוקנדיקן פויער, ווי געמיינט, אַז ער איז דער מערדער, נאָר איז געקומען זיך מודה־זיין אין פאַרברעך.

דער פויער, צלמענדיק זיך, האָט אָבער גענומען דערציילן פון וואַנען ר'האָט אים געבראַכט.

— ווער ר'א'יז ווייסעך נישט... — האָט ער זיך נאָכאַמאָל איי־בערגעצלמט און פרומלעך דערציילט — איבער אַ שטיק פאַרטאָגס האָב איך אין דער כאַלופּע געהערט רעשן פון שאָסיי, וואָס נישטווייט פון דאָרף... כ'האָב אָבער געמיינט, סי דער ווינט, די זאַווערוכע, אָדער, דער טייוול ווייסט, אפשר אַ סטאַדע וועלף פון ערגעץ זיך אָפּגעריסן... ערשט אין אַ שטיק צייט שפּעטער, ווען אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן זען, צי ס'דראָט נישט קאַ אומגליק מיינע שטאַלן מיט פערד, בהמות, גאָר דערגאַנגען, אַז נישט דער ווינט, נישט די זאַ־ווערוכע, אויכנישט קאַ סטאַדע וועלף האָבן אַזוי געשריען, נאָר אָט דער מענטש... ער האָט געבעטן הילף... אָבער שוין געטראָפן אים אַ צונויפגעדרייטן אין אַ באַרג שניי צווישן שאָסיי אין די פעלדער... ער איז געווען טויט...

די יידן האָבן שוין איצטער נישט באַדאַרפט נאָכאַמאָל איבער־קוקן ווער עס איז דער ליגנדיקער אויף דער פור. בעתן פויערס דער־ציילן האָבן זיי געקוקט, געשמעקט און איצטער נאָכן פויערס דערציילן באַלד זיך אַ ריר־געטאָן צום מת.

1) סטאַרי זאַקאָן — אַ ייד.

— יידן א האנט.
—איר זעט דאָך שוין, ווער ס'איז.
— ר' עזריאל אפּטער...
— אומגעקומען אויפן וועג צו עמעצן...

איינסצוויי האט מען דעם מת אראפּגענומען פון דער פור און געגומען אריינטראָגן אין דער וואוינונג, וואס באלד אין דער נאָענט.

אין געוועלבל איז זיך, ווי נעכטן, ווי אייערנעכטן ,געזעסן די פרוי פּאַניע אויף א שטול, הינטערן „קאנטאר־טיש" און האט גע־האלטן די הענט פארלייגט אויפן ברוסטקאסטן זייער געמיטלעך. קיין זארג האט זי איצט נישט געהאט. נישט וועגן געשעפט און נישט וועגן מאן.

דאס, וואס דער מאן איז נישט געווען אין „הויז", האט זי נישט גענארט. יא דא, נישט דא — אלצאיינס. אבער אגב האט זי יא געוואוסט נאָך נעכטן באנאכט, אז ער וועט אוועק צום רבין, דעם צדיק־הדור, צו דעם, וואס גיט עצות און ברכות וועגן אלץ בראָכן. ער האט עס איר געזאגט אין א קריג, ווען זי האט אים. נאָכן אהיימקומען פון דער טאכטער, איבערגעגעבן וועגן דער ישועה. אבער אז ער זאל אוועק אפילו אן א פורמאנקע — אויף דעם האט זי זיך נישט גערעכט.

איצט, ווען דערזען דעם עולם אין געוועלבל און דעם פאר־שנייעטן, פארפרוירענעם מאן, וואס מ'האט איר דא אריינגעבראכט, האט זי זיך גיך אויפגעשטעלט און איז א פארציטערטע צו צום מת. אבער נאָך עטלעכע ווייל׳עס שטיין א פארגליווערטע, האט זי זיך אויסגעדרייט צום עולם און ווי מיט כעס זיך גענומען רעדן וועגן מאן, וואס איז דערווייליק געלעגן אויפן דיל:

— אט דאס האט ער פאר זיין צופיל גלויבן אין גאט, אין תורה און אין הייליקע צדיקים... אט דאס האט ער פאר זיין שטענדיקן אוועקברענגען זיך פאר יידישקייט און פאר זיין ארומקריגן זיך מיטן „הויז"... פארוואס איז אים גארנישט נישט באגעשטאנען אין זיין זכות, אז ר'זאל אזא שכר נישט האבן? פארוואס?...

דער עולם האט זי אבער נישט געוואלט לאנג הערן און זי אפּגערוקט פונעם מת.

— יידענע, רוקט זיך אוועק! — האבן זיי, ס'ערשטע מאל, זינט זיי קענען זי, אנגעהויבן צו רעדן אביסל תקיפדיק און מיט רוגזה.

— יידענע, זייט אונדז נישט קאַ אויפקלערעריז.
— מ׳ווילן נישט הערן אייערע חשבונות וועגן דער וועלט.
— אויבנישט וועגן גוט און שלעכט.
— מ׳ווייסן, וואָס איר ווילט...
— לאָז אונדז זיין רעכט טאָן...

פאַניע האָט זיך איצט נישט אָוועקגעשטעלט מיט זיי, די יידן, אויסטענהן. זי האָט נאָר געטראַכט, אַז זיי זענען, אָן ספק, נישט בעסער פון אים, דעם מאַן, און געלאָזט זיי טאָן, וואָס זיי האָבן געוואָלט.

דער עולם האָט אים אַריינגעטראָגן אין חדר־מיוחד.

.19

ביי דער קליידער־שאַנק אין שלאָפצימער איז געווען אַ בהלה־דיק געפאַרעריי פון אַ פּאָר הענט און פיס.

די קליידער־שאַנק איז געווען אָפן, און די פאָר הענט און פיס האָבן זיך דאַרטן, צווישן די מלבושים, געיאָגט אַמאָל אַהין, אַמאָל אַהער.

געווען זענען די הענט און פיס פון פאַניען, ר׳ עזריאל אַפּמערס פרוי.

געפאַרעט האָט זי זיך דאַרטן, די פוכיק־אויסגעפּילטע פאַניע, צווישן די מלבושים אין דער שאַנק, ווייל זי האָט געזוכט דעם מאַנטל און אים נישט געקענט געפינען. די מלבושים, וואָס זענען געהאָנגען אינעווייניק, זענען געווען אין דער זעלבער אָרדנונג ווי פריער: סיי דעם מאַנס באַזונדער און סיי אירע באַזונדער, גלייך זי וואָלט גע־וואָלט, אַז קיין שותפות זאָל נישט צו שטאַנד קומען אפילו דאָ אין דער שאַנק. אָבער זי איז געווען איצט אַזוי צעדולט, אַזוי פאַר־בלענדט, אַזש זי האָט נישט געוואוסט, וואו ס׳הענגען אירע און וואו זיינע מלבושים. און ווען אפילו שוין צוגעקומען צו אירע קליי־דער, האָט זי אויך נישט געוואוסט, צי זיי זענען אירע. און ווען יאָ — האָט זי ווידער נישט דערקענט, וואָס איז וואָס.

אַזוי צעקאָכט איז זי פּלוצים געוואָרן פון דער אומגעריכטער טויט־מתנה, וואָס מ׳האָט איר אין הויז אַריינגעבראַכט.

גיין איז זי זיך איצט געגאַנגען גרייטן אַראָפּצוגיין צו איר טאָכטער באַלטשען און איר מודיע זיין וועגן דעם אומגליק, וואָס

האבן זיי בײדן אומגעריכט געטראָפן. נאָך אינדערפרי, ווען זי, פאַניע, איז אויפגעשטאַנען פונעם בעט, איז זי פּלוצים איבעררראַשט געוואָרן פון דער שטילקייט, וואָס האָט געהערשט אין הויז. אַנדערע מאָל, ווען זי זאָל זיך נאָך נישט אויפכאַפּן אינדערפרי, צי מיט אַ שעה פריער, צי מיט אַ שעה שפּעטער, הערט זי אַלץ דאָס תהלים־געזאַנג פון איר מאַן, וואָס זיצט כמעט שטענדיק איבער ספרים. אָבער דאָס מאָל — קיין געזאַנג, קיין ניגון. אפילו קיין פּיפּס נישט. וואָס איז דאָס? — האָ זי זיך אַליין געטאָן אַ פרעג — וואָס זאָל עס באַטייטן? אָבער ווען זי איז אַראָפּ פונעם בעט און האָט געגנו־מען גיין צום חדר־מיוחד, האָט זי גאָר דערפילט אַז אויסערגעוויינ־לעכע קעלט, ווי אין אַ וואַלד. זי טוט זיך אַ קוק אַרום, פון וואַנען דאָס קומט, דערזעט זי גאָר — די טיר פונעם געוועלב איז אויפ־געפּראַלט.

— אויפגעפּראַלט?! — טוט זי אַ הויכן געשריי — אויפגע־פּראַלט? עזריאל! אַז אומהיילבאַרער ווייטיק אין דיינע ביינער!... וואָס ליגסטו אין בעט און פּילסט גאָרנישט אַזאַ קעלט אין הויז? עזריאל! אפשר האָט מען אונדז באַגאַנוועט, אפשר?...

אָבער ווען אַריין אין חדר־מיוחד — איז איר פינצטער געוואָרן אין די אויגן. נישט קיין עזריאל און נישט קיין טלית און תפילין. מילא, דאָס וואָלט זי נאָך נישט געקענט אַננעמען פאַר שלעכט. אָבער אַז זי האָט דערזען, אַז זיין אַלטע קאַפּאָטע איז געבליבן און די שבתדיקע איז נישטאָ, האָט זי שוין פאַרשטאַנען, אַז זיינע סטראַ־שונקעס, נעכטן באַנאַכט, אַז ער וועט אַוועק, זענען נישט געווען קיין מויל־אַרבעט.

— געוואַלד, ער האָט דאָך גאָרנישט קיין האַרץ פון אַ מענטש!

— האָט זי נאָכדעם געמאַכט נאָך אַ רעש — ער איז אַוועק און אויף להכעיס געלאָזט די טיר אָפן, כדי איך זאָל זיך פאַרקילן...

אָבער נאָך אַנשרייען זיך אַזוי אַ שטיקל צייט, איז זי גיך אַראָפּ מיט אַ טענה און אַ געוואַלד צו דער טאָכטער באַלטשען און האָט איר מודיע געווען, אַז דער פאָטער דער רשע, וואָס קלערט נישט וועגן הויז, וועגן איר, נאָר וועגן הימלישע זאַכן, וואָס דאַרפן נישט אויף קיין דירה־געלט, אויף קיין חיונה, אַז אָט דער דאָזיקער פאָטער אירער איז אַוועק פון הויז און ווער ווייסט, וואָס ס'וועט מיט אים געשען.

די טאָכטער האָט זיך גענומען ס'לעבן פון דער דאָזיקער נייעס.

זי האָט פּשוט נישט געקענט אויף די פיס זיך האַלטן.

אָבער איצט וועט זי גיין נאָכאַמאָל אַראָפּ צו דער טאָכטער און איר אָנזאָגן די נייעס, וואָס ס'האָט זיך אויף איר קיינער נישט גערעכט.

ענדלעך האָט זי טאַקע, די צעטומלטע פרוי פאַניע, געפונען איר מאַנטל. און נאָכן אָנטאָן זיך אים — גיך זיך געלאָזט אַרויס.

אויפן וועג צו דער געוועלב־טיר האָבן זי געפּרוּווט אָפּהאַלטן געשרייען פון די יידן, וואָס האָבן זיך געפּאַרעט אַרום דעם מת אין חדר־מיוחד:

— פּלונית פאַניע, וואוהין גייט איר?

— אישה אָפּטער, פאַרוואָס בלייבטיר ניש אַצינד אין הויז?

— באַלעבאָסטע, וואוהין לויפטיר אַוועק?

— מ'דאַרף דאָך גיין צו דער חברה־קדישא.

— מ'דאַרף דאָך האָבן אויף אויסרעכטינג...

— ווייסן, וואו אַ קרקע צו נעמען.

— וואָהין מאַכט איר פּליטה?

אָבער זי האָט קיינעם נישט געענטפערט קיין וואָרט און איז אַרויס מיט אַן אייגענעם געשריי.

.20

— געוואַלד, וואָסאַראַ אומגליק מיך האָט געטראָפן! — איז זי, פאַניע, געלאָפן איבערן מאַרק און האָט הויך, ווי אַ קבצנישע, אַלט־מאָדישע יידענע, אַן עפּל־פאַרקויפערין, געשריען — גוואַלד, וואָס ביי מיר איז געשען!

די טירן פון אַ סך קראָמען, סקלאַדעם האָבן זיך באַלד געעפנט און מענטשן — סוחרים, סוחרטעס — האָבן אַרויסגעשטעקט די קעפּ:

— וואָס איז געשען?

— וואָס האָט געטראָפן?

אָבער זי, פאַניע, איז געלאָפן. זי האָט קיינעם נישט געענטפערט צו דער זאַך. זי האָט נאָר געשריען „געוואַלד, וואָסאַראַ אומגליק — — — געוואַלד, וואָס ביי מיר איז געשען!" און איז געלאָפן.

פון די דעכער האָט איצט, פונקט ווי פריער, אינדערפרי, פונקט ווי באַנאַכט, געיאָגט אַ שטויביקער שניי. פון אונטער די פיס, אי־

בערן טראַטואַר, האָט זיך געהויבן אַ טומאַן. אָבער זי, פאַניע, איז געלאָפן אַן אויפהער און האָט געשריען „געוואַלד, וואַסאַראַ אומ־גליק — — — געוואַלד, וואָס ביי מיר איז געשען!"

ענדלעך איז זי אַריין אין פירהויז פון דער טאָכטערס וואוינונג, האָט אָפּגעעפנט די טיר און איז געבליבן זיצן אויף אַ שטול אין „סאַלאָן", ווי אַ טויטע.

— וואָס איז? — איז די טאָכטער באַלטשע, אין אַ ווייסן פאַרטעך, פונעם האַלדז ביז די קניען, צו צו דער מוטער און האָט זי נישט אַנגערירט, ווייל זי האָט געהאַט פולע הענט מיט מיגלענעס.

— אוי, אַ חורבן איז אונדז געשען... — האָט די מוטער פאַניע געהאַלטן דעם קאָפּ אַראָפּגעבראָכן אויף איין זייט און געסאָפּעט פון לויפן און קעלט — אוי, וואָס ס'איז צוהאַנעז געקומען...

— אָבער וואָס?

די מוטער פאַניע האָט עפּעס אַרויסגערעדט. אָבער פון דעם עפּעס האָט שוין די טאָכטער אַלץ פאַרשטאַנען און אין איין אויגנ־בליק אַראָפּגעלאָזט די הענט.

— וואָס הער איך? ס'איז נישט אמת!

די מוטער האָט שוין מער גאָרנישט גערעדט. און זי, באַלטשע, מיט די אַראָפּגעלאָזטע הענט, פון וועלכע ס'זענען אַראָפּגערונען טראָפּנס פאַרזייפּטע וואַסער, האָט אויפגעשאַרצט די אויגן וואָס אַמאָל אַלץ גרעסער, ביז מ'האָט ביי זיי אָנגעהויבן אַרויסצוזען די רויטע ברעגן.

נישט ווייט פון איר, באַלטשען, איז אַקעגנאיבער אַ שפּיגל גע־זעסן אַ שוואַרצאויגיקע מיידל, איינגעהילט אין אַ ווייסן ליילעך, פון וואַנען ס'האָט אַרויסגעשטעקט דער קאָפּ מיט איינגעזייפּטע שוואַרצע האָר.

געווען איז דאָס מיידל — אַ כלה, וואָס היינט אין אָוונט איז געווען איר חופה.

אַריינגעקומען איז זי דאָ נישט לאַנג צוריק און האָט זיך גע־הייסן מאַכט אַ מאַסאַזש אויפן קאָפּ און אויך אויפפוצן אַ שיינע פריזור־ע, כדי שיין און אַנדערש אויסצוזען אויף דער חתונה. אָבער איצט, אין סאַמע מיט אַרבעט, איז די פאַני גרינבערגאָוואַ אַוועק און אַפילו נישט איבערגעלאָזט קיין פּיפּס, ווילאַנג זי וועט זי דאָ לאָזן זיצן אַזוי־אַ.

פריער, ווען די עלטערע פרוי, פאַני אַפּטער, איז אַריינגעקו־

מען, האָט זי זיך, דאָס מיידל, נישט אומגעקוקט. אַ דאגה. אַ מענטש אַ געפּרווירענער. אַ מענטש אַ פאַרסאַפּעטער. אָבער נאָכדעם ווי ס'האָבּ זיך דערהערט אירע קרעכצן און די טאַכטער, פאַני גריבערגאָווא, איז אַוועק צו איר, האָט זי זיך שוין אויסגעדרייט און — קוקט. זי זעט ווי ביידע פאַרענדערן זיך אין גליוועך, פאַרענדערן זיך מיאוס, מיט אויסטערלעשע העוויות. עס איז נישט צו דערקענען, צי זיי זענען דיזעלבע, וואָס פריער. אָבער צום עיקר: וועט מען איר סוף־כל־סוף מאַכן דעם מאַסאַזש און די שיינע פריזורע? ס'איז טאַקע אַן אומגליק, אַ טרויער, וואָס אַזאַ מענטש, ווי דער אַנגעזעענער שטאָט־באַלעבאָס ר' עזריאל אַפּטער, איז געשטאָרבן. נאָך דערצו — מיאוס געשטאָרבן. פאַרשאַטן געוואָרן פון שניי. אָבער וואָס האָט עס צו טאָן מיט איר? זי גייט דאָך ערשט אָנהויבן צו לעבן! זי גייט דאָך ערשט פאַרזוכן דעם טעם פון לעבן! איז פאַרוואָס פאַרענדיקט מען איר נישט דעם מאַסאַזש און מ'הויבט נישט אָן צו מאַכן די פריזורע?

אָבער שטאָט צו פרעגן — קריגט זי אַן אומדערוואַרטן ענטפער:

— פאַננאַ זעליקאָוויטש... כ'האָב איצט מער נישט קיין קאָפּ צו אַט־אַ־דעם... אַנטשולדיקט... פּשעפּראַשאַם...

— אַ?

— אַזוי.

— מיין חופּה?... מיין חתונה?...

— פּשעפּראַשאַם... מיין טאַטנס טויט... ניין — — — —

און זי, באַלטשע, האָט זיך יאָמערלעך צעוויינט און צעכליפּעט.

.21

אויפן וועג אַהיים האָט זיי, פאַניען און באַלטשען, באַגעגנט אַ מאַן.

עס איז געווען אין מאַרק, נישט ווייט פון דער פּאַוויאַט־געביידע.

געווען איז דער מאַן אַ הויכער, אַ שמאָלער, אָנגעטאָן אין אַ הויכער, שוואַרצהאַריקער קוטשמע, אין אַ שוואַרצגעוועטענער בע־קעשע און אין קאַמאַשן מיט טיפע קאַלאָשן.

אויסגעזען האָט ער, דער דאָזיקער הויכער, גוט־אָנגעטאָנענער, וואַרעם זיך־פילנדיקער מאַן פון אַ יאָר פערציק, עטלעכע און פערציק,

כאַטש דאָס פּנימל — אַ שמאָלס, אַ בלייכינקס, מיט אַ לאַנגער. דינער, פּריצישער נאָז — איז געווען ווי ביי אַ יונגגמאַנטשיק פון פינף־און־צוואַנציק, פון דרייסיק.

אַרויסגעגאַנגען איז ער פון דער ווייס־געשאַברעוועטער פּאַוויאַט־געביידע און האָט זיך גענומען גיין מיט פּאַמעלעכע טריט אַראָפּ אויף דער אַלייע, וואו ס'וואַוינען מערסטנס קריסטן.

געווען איז ער: דער האַר איבערן גאַנצן פּאַוויאַט — דער סטאַראָסטע.

געגאַנגען איז ער זיך איצט בנעימות, גלייך ער וואָלט געהאַט אַ הנאה פונעם איצטיקן גיין דאָ אין דרויסן, כאַטש עס שטורעמט אונטערן הימל, איבער דער ערד, בכלל אין דעם גאַנצן דרויסן. ער איז זיך געגאַנגען אפילו נישט אומקוקנדיק זיך אויף די זייטן, וואָס עס טוען די קרעמער אין שטאָט, וויאַזוי עס זעען אויס די שויבן אין די הייזער, וויאַזוי — די קוימענס אויף די דעכער, צי גייט אַ רויך, צי איז נישט נויטיק קיין קוילן, קיין האָלץ פאַר אַ סך פּאַמיליעס, צי הערט זיך נישט קיין רעש פון ערגעץ אַ הויז, וואו מ'דאַרף אַ דאָקטאָר עמעצן צו ראַטעווען פון קעלט, פון הונגער — — — גאַרנישט. ער איז זיך נאָר אַזוי פּאַמעלעך און געלאַסן געגאַנגען איבערן טראָטואַר, וואָס האָט געפירט פון די פּאַוויאַט־טרעפּ צו דער אַלייע, און האָט זיך געהאַט אַ הנאה, וואָס אין דרויסן, אַרום אים שטורעמט אַ בייזער ווינט, אַ נעץ־פאַרשפּרייטנדיקע זאַווערוכע, אַ בייסנדיקער פראָסט, און אים, דעם עטלעכע און פערציק־יעריקן סטאַראָסטע, איז אין דיווינטער־מלבושים וואַרעם. זייער וואַרעם.

נאָך דערצו איז אים געווען וואַרעם פון דעם, וואָס ער האָט אי־בערגעלעבט נעכטן באַנאַכט. אַך, וואַסאַראַ קוועקזילבער!... — האָט ער איצטער, גייענדיק איבערן טראָטואַר, געטראַכט וועגן דער יונגער, יידישער פרוי, וואָס איז נעכטן באַנאַכט געקומען צו אים פונוועגן דערלויבן אירע עלטערן צו באַזיצן אַ מלוכהשע טאַבאַק־קאָנצעסיע — אַך, וואַסאַראַ קוועקזילבער, מאַי באָזשע!... זי איז דאָך פלינקער ווי אַ הירשין, נעמט ער זי אָן דאָ, איז זי שוין דאָרטן. נעמט ער זי אָן דאָרטן, איז זי דאָ. דאַכט זיך, ער איז אַמאָל געווען אַ גוטער מיליטער־מאַן, האָט אויסגעצייכנט געפירט אַטאַקעס אויפן באָלשעוויסטיש־פּוילישן פראָנט. געפירט פלינק, געשיקט. אָבער קעגן איר — קיין בריה נישט געווען. סלאַוואַ האָנאָרו. אַזוי זאָל נאָך אים אמתדיק־אמתדיק גוט זיין ווי נישט געקענט זיין קיין בריה. אָבער

דאַך בייגעקומען זי. וויאַזוי? ער קען עס נאָך אפילו איצט נישט פאַרשטיין. דאַכט זיך, אַז זי האָט זיך אַליין געלאָזט פאַנגען. און דאַכט זיך גאָר, אַז פון מידקייט איז זי געפאַלן אין זיינע אָרעמס. ווי צו לאָזן מיט זיך טאָן, וואָס ער וויל. און דאָס טאַקע איז דאָך געווען אומבאַוואוסטזיניק, אינסטינקטיוו זיין סטראַטעגיק. זיין פאַרבליבענע מיליטערישע סטראַטעגיק: פאַרמידיקן, אויספּייניקן דעם שונא. און אַזוי איז טאַקע אויך געווען מיט איר. זי האָט זיך נישט געוואָלט אונטערגעבן פריוויליק, האָט ער זיך מיט איר אַרומגעיאָגט און ער האָט זי פיזיש אַזוי אויסגעמידיקט, ביז זי איז געפאַלן אים אין די אָרעמס אַריין. אָבער דאָך ווייסט ער נאָך אַלץ נישט, צי זי איז שוין זיינע אויף שטענדיק, ס'הייסט, ווען נאָר ער וועט זי רופן צו זיך, ווען ער וועט קומען צו איר, אָדער דאָס נעכטיקע מאָל איז געווען דאָס לעצטע און אָפּגעהאַקט. און טאַקע דערפאַר, ווייל ער ווייסט נישט, גייט ער דאָס טאַקע איצט צו איר אין הויז אַריין און האָבן מיט איר אַ שמועס וועגן דער דאָזיקער זאַך. יאָ. שוין לאַנג ווי ער איז ביי איר נישט געווען. שוין לאַנג. נו — — ווייל זי האָט אים געמאַכט ענג ביי זיך אין הויז. אָבער איצט וועט זי מוזן אַנדערש זיין. יאָ. געוויס אַנדערש. אַנישט — — — נו. זי וועט דאָך נישט וועלן, אַז אירע עלטערן זאָלן בלייבן אָן ברויט. ברויט איז דאָך ביי זיי, די יידן, אַ הימליש געשאַנק! אַז מ'שענקט עס נישט זיי, קענען זיי דאָך עס נישט האָבן. זיי זענען דאָך אַלעמאָל אָפּהענגיק אַז דעם ווילן און חשק פון די לענדער-באַלעבאַטים, ביי וועמען זיי וואוינען! וואָס קענען זיי אַליין שטיין אויף זייערע פיס? זיי זענען דאָך לאָקאַטאָרן, וואָס צו יעדער צייט קאָן מען זיי געבן אַן עקסמיסיע... איז אַט דערפאַר, גלויבט ער, וועט ער זי איצטער, די טאָכטער פון די דערוויילע קאָנצעסיע-באַלעבאַטים, האָבן אין זיין רשות, ווען נאָר ער וועט זיין גרייט דערויף.

אָבער אינדעם — וועמען זעט ער? זי? טאַקע זי? וואָס גייט זי איצטער דאָ אין אַזאַ שטורעם? און מיט וועמען גייט זי?

— אַ, מאַיע אושאַנאָוואַניע, פּאַני גרינבערגאָוואַ.

— מאַיע אושאַנאָוואַניע, פּאַנו סטאַראָשטשע.

— האָב ערשט גענומען אַראָפּגיין צו דער פּאַני.

— צו מיר?

— יאָ.

— כ'גיי אַוועק.

— אוועק?

אבער נאך עטלעכע צעטומלטע ,פארוויינטע ווײלעס איז געפרעגט, ווי פון טשעקאוואסט:

— וועגן וואס?

— וועגן וואס? וועגן וואס קומט מען צו דער פאני גרינבערגאווא? אזוי אין סאלאן אריין... מאסאזש, מאניקיור...

אבער באלד טוט ער זי א רוף אוועק אין א זייט און בעט איבער די צווייטע פרוי מיט „פשעפראשאם".

— איך וויל זיין אייער גאסט היינט אוונט.

— היינט אוונט... כ'קאן נישט.

— קאנט נישט? וואס מיינט עס, איר קאנט נישט...

— כ'קאן נישט.

— איר קאנט נישט... שטענדיק האט איר יידן אזא טבע... ווען איר דארפט עמעצנם לאסקע, וועט איר אפילו טאנצן ווי א מאלפע. און אז די לאסקע איז געטאן — שוין!...

— מיין טאטע איז געשטארבן... — האט באלטשע אנגעהויבן צו וויינען און צוצוטאן זיך די באהענטשקעטע פינגער צו די אויגן.

— דער טאטע?

באלטשע האט גארנישט נישט געענטפערט.

— המ... — האט איצט דער הויכער, בלייך־פנימדיקער סטאראסטע געטאן זיך א ברום־אריין אין די געלבלעכע וואנצעס און גענומען קוקן אויף דער צווייטער פרוי, וואס איז געשטאנען עטלעכע שפאן אפגערוקט — נו, דאס איז שוין עפעס אנדערש... נו, גוט. זען אייך אן אנדער מאל. נו, גוט...

און בעתן געזעגענען זיך געטראכט: הער נאר א ייד! אז מ'שענקט אים שוין דאס געבעטענע ברויט, הויבט ער זיך גאר אויף און שטארבט... אן אנדערער אויף זיין ארט וואלט דאך ערשט אנגעהויבן צו לעבן!...

.22

אריינגעקומענע אין הויז, האבן זיי, די מוטער פאניע און די טאכטער באלטשע, שוין געטראפן א סך מענטשן.

ביי די ווענט, איבערן דיל פון געוועלבל, זענען געשטאנען שכנים, וואס זענען זיך דא צונויפגעלאפן ווינאר זיי האבן דער־

הערט די נייעם וועגן דעם געוועזענעם שטאָט־חשוב. ביי דער טיר פון חדר־מיוחד זענען געשטאַנען באַקאַנטע, פריינט, וואָס דער פאַר־שטאָרבענער ר׳ עזריאל אַפּטער האָט זיך מיט זיי באַגעגנט אַמאָל אין שול, אַמאָל אין בית־מדרש, און אַמאָל אין גערער שטיבל. אויך זענען געווען מענטשן אין דער קיך, וואוהין קיינער וואָלט אַז אַנדער מאָל נישט־געבעטענערהייט נישט געוואַגט אַריינצוגיין.

עס איז אומעטום געווען ענג.

איינער אַ שכן, אַ ייד, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַקאַרשט פון זאַמד אַרויסגעקומען, איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט ביי אַ וואַנט און האָט, הויבנדיק מיט די אַקסלען, געחקירהט זיך וועגן דער סיבה פון ר׳ עזריאל אַפּטערס באַנאַכטיקן אַוועקגיין פון הויז.

— ממש נישט משיג־צו־זיין... — האָט ער געהויבן מיט די אַקסלען און פאַרקרומט ס׳מויל.

און אַ צווייטער, אויך אַ שכן, אַ נידעריק־וואוקסיקער, האָט זיך געצויגן ביי דער לאַנגער, גראָער באָרד און אויפגעשטעלט אַ פּאָר גראָע אויגן אויף זיין מיטשמועסער, גלייך ער וואָלט געוואָלט פון צווייטן קריגן אַ באַשייד אויף זיין קשיא:

— איר׳ט מיר זאָגן, באַשר ער האָט נישט געוואוסט, דער ר׳ עזריאל אַפּטער, אַז ס׳וועלן אים נישט טרעפן קיין חסדים אויפן וועג?... אַ?

אויך האָבן אַנדערע גערעדט. טייל האָבן זיך דערציילט וועגן זיינע געוועזענע מעלות, דעם אומגעקומענעמס. טייל וועגן זיין לומדות, וועגן זיין חכמה. אַנדערע וועגן זיין צדקה־בסתר, כאָטש ער האָט אַליין געלעבט אין אַ נישט גוטן מעמד, זינט ער איז אַראָפּ פון דער אַמאָליקער גדולה. קורץ — אומעטום האָט מען געהאַלטן נאָר אין איין גרונטעווען זיך וועגן אים און זאָגן שבחים.

אויך האָט מען איצטער געהערט אַ בציבורדיקן גמרא־ניגון פון אינעווייניק, דעם חדר־מיוחד.

— טוביה חטא וזיגוד מנגיד,
— חבל על דאבדין ולא משתכחין,
— המחניף לרשע סוף נופל בידו,
— בשעה שאינה לא יום ולא לילה,
— כמותו ירבו בישראל — — — — — —
— אמר ר׳ אביי,
— אמר ר׳ שמואל בר נחמני — — — — — —

אינעווייניק אין חדר־מיוחד, פון וואנען עס האבן זיך ארויס־געשאקלט רויטע שאטנס פון ברענענדיקע ליכט, זענען געזעסן אי־בער א מנין יידן, וואס זענען זיך דא צונויפגעלאפן, ווינאר זיי האבן געהערט וועגן אומגליק, און האבן ארויסגענומען ספרים פון די פאליצעס און אוועקגעזעצט זיך לערנען.

טייל מענטשן, וואס האבן דא אין געוועלבל נישט געהאט וואס צו טאן, האבן זיך פארדאגהטע גענומען צוהערן. און טייל, וואס האבן בכלל איצט נישט געקענט עפענען ס'מויל, האבן זיך אבילות־דיק גענומען שאקלען.

באלטשע, ווינאר זי איז אריין און האט דאס דערזען, האט ארויסגעלאזט א הויכן העש און גענומען לויפן צום חדר־מיוחד מיט א יאמערלעכן געוויין.

און פאניע, ווי נאר זי איז אריין, האט באלד גענומען גיין אין שלאפצימער אריין, וואוהין ס'האבן זי באגלייט נאכשרייענדיקע שטימען פון א גרעסל פאריבלדיקע יידן:

— וואס זענט'יר נישט דעם עליו־השלומס פרוי?

— נישט געוואוסט, אז מ'קאן נישט ווארטן מיט אויסריכ־טונג?

— אז ס'איז ווינטער, דער טאג איז קליין?

— אז איידער וואס־און־ווען ועט די נאכט צופאלן?

פאניע האט זיך אבער נישט צוגעהערט. זי איז נאר געגאנגען, ווי זי וואלט צו קיינעם נישט באדארפט רעדן, און אריין אין שלאפ־צימער.

די פאריבלדיקע יידן זענען אבער נאך.

— וואס מיינט'יר? — האבן זיי דארטן, אין שלאפצימער, אנגעהויבן אויפסניי צו ליארמען — מירן אייך נאך דארפן נאכ־לויפן?

פאניע איז איצטער שוין געזעסן אויפן בעט, האט געהאלטן א האנט ביים שטערן, און געקוקט זויטיק צו די יידן.

— וואס ווילט איר? — פרעגט זי צארנדיק — איר ווילט אויף אויסרעכטונג? נעמט אייך דעם גאנצן קופערט, וואס שטייט דא. איר האט דארטן אלץ, וואס איר ווילט... העמדער, ליילעכער, אלץ... מ'דארף רעדן מיט דער חברה־קדישא? רעדט! וואס ווילט איר פון מיר? איך בין דאך א פרוי...

די יידן, קוקנדיק אביסל קרום אויף איר, האבן זיך מיישב

געווען: צו וואָס האָבן צו טאָן מיט אַזאַ קאַלטער לונג־און־לעבער? אַמער וועלן זיי זיך טאַקע אַ נעם טאָן און צוגרייטן אַלץ, וואָס מ'דאַרף.

בעת זי איז אַזוי געזעסן, די אַפּגעלאָזטע, עפּעס גלייכגילטיקע פאַניע, איז דאָ אַריינגעקומען אַ פרוי, אַ שכנה, מיט ציטערדיקע ליפּן, געבליבן שטיין פונוויטנס, און אַהערגערעדט זייער פּאַמעלעך:

— באַלעבאָסטע פאַניע... עמעצער וויל אייך זען... אַ קריסט.

אין אָנהויב האָט זי, פאַניע, נישט געוואָלט אפילו אויפהויבן דעם קאָפּ. ס'איז איר געווען אַלצאיינס, וואָס מ'רעדט צו איר. דערהערט אָבער „אַ קריסט", האָט זי זיך ראַפּטום אויפגעשטעלט און גענומען קוקן ווי אַ פאַרגליווערטע:

— אַ קריסט?

די שכנה האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. נאָכדעם איז זי צוריק אַריין אין טאַבאַק־געוועלבל, אָנצוזאָגן דעם קריסט, אַז די באַלעבאָסטע וויל, ער זאָל אַריינגיין צו איר אין שלאָפצימער.

.23

ביי דער טיר פון חדר־מיוחד האָט מען איצט שוין נישט גע־קענט שטיין. מענטשן זענען געגאַנגען אַריין און אַרויס. און מענטשן — נישט איטלעכס מאָל אַנדערע, נאָר — די זעלביקע. זיי האָבן געטראָגן אַלערליי וואַש־כלים און זיך געפּאַרעט נישט רעדנדיק צו קיינעם דאָ אין טאַבאַק־געוועלבל. און איטלעכס מאָל, ווען זיי זענען אַרויס, אָדער אַריין, האָבן זיי הינטער זיך פאַרמאַכט די טיר.

אינעווייניק אין חדר־מיוחד האָט מען זיך איצטער מתעסק געווען מיטן מת.

אין דער זעלבער צייט האָט מען פון דאָרטן געהערט אַ תפילה, וואָס יידן האָבן געזאָגט פון מעבר־יבוק. טייל ווערטער זענען גע־קומען און פאַרגאַנגען. טייל זענען געבליבן אויף אַ ווייל און מ'האָט זיי באַלד פאַרגעסן. און טייל האָבן זיך איינגעקריצט אין זכרון. נישט ווילנדיק האָט מען אָנגעהויבן צוזשאָקלען זיך און נאָכצו־זאָגן:

— ובראת העולם בחסד ואמת ומתנהג עם בריותיו בחסד ואמת — — — — — — — —

צווישן עולם איז אויך געווען די טאָכטער באַלטשע.

זינט זי איז אָנגעקומען פון איר היים, איז זי נאָך נישט פון דאַנען אַרויס. זי איז אַריין אין חדר־מיוחד, ווען מ׳האָט געקענט, און איז דאָרטן געווען אַזוילאַנג, ביז מ׳האָט זי אַרויסגעטריבן. און ווען מ׳האָט זי אַרויסגעטריבן, מחמת דעם מתעסק זיין זיך מיטן פאָטער, איז זי אויך נישט אַוועק ערגעץ אין אַ ווינקל, נאָר געבליבן דאָ שטיין, ווי זי וואָלט געקענט זען דעם פאָטער פון אַ נאָענטן מהלך. זי האָט אָבער נישט אויפגעהערט צו פאַראינטערעסירן דעם עולם מיט איר וויינען, כאָטש זי איז שוין דאָ געווען אַ היפּש שטיקל צייט. זי האָט עפּעס שטאַרק יאָמערלעך געבליפּעט, נאָר געבליפּעט, גאַרנישט נישט אויפגעהערט.

בעת אַט־דעם בליפּען איז צוגעקומען די שכנה, וואָס האָט פריער אָנגעזאָגט דער מוטער די ידיעה וועגן אַ קריסט, און האָט אויך איצט גענומען ציטערדיק רעדן:

— מאַדאַם גרינבערג... זייט אַזוי גוט און גייט אַריין צו אייער מאַמען אין שלאָפצימער... זי רופט אייך שוין אַריינצוגיין...

באַלטשע האָט איז אַנהויב נישט געהערט. אָבער אַז די שכנה האָט גענומען נאָך אַמאָל זאָגן און נאָך אַמאָל, האָט זי זיך אומגע־קוקט און גענומען זיך רירן.

אין שלאָפצימער איז איצטער, חוץ דער מוטער, וואָס איז גע־זעסן אויפן בעט, מיט אַ האַנטביים שטערן, געווען אַ קריסט.

געווען איז דער מאַן — מיט געלע, לאַנגע וואָנצעס, מיט אַ פּויליש־זעלנערישן היטל אויפן קאָפּ, אין אַ קורצן, אָפּגעריבענעם פּעלצל, מיט אַ הילצערנעם פוס, וואו ס׳איז געווען אַרומגעטראַקע־ וועט אַ שטיקל קני.

געווען איז ער — דער פּוילישער שוסטער, וואָס איז געקומען נאָך דער טאַבאַק־קאָנצעסיע.

באַלטשע איז געבליבן שטיין נישט ווייט פון דער מוטער. אַ פאַרדראָסיקע און עפּעס ווי אַז אָפּגעזונדערטע האָט זי גענומען קוקן אויף דעם הויכן גוי און אויסגעקרומט די אונטערשטע דיק־לעכע ליפּ.

— וואָס איז? — פרעגט זי די מוטער און קוקט אויפן הויכן גוי.

— ער וויל אַ צייכן, אַז מ׳גענאַרט אים נישט אָפּ... — זאָגט די דערשלאָגן־זיצנדיקע, פאַרווייניטע מוטער און נעמט זיך נישט אַראָפּ די האַנט פונעם שטערן — ער זאָגט, אַז ער גלויבט נישט, מ׳האָט

צוריקגעקריגן די קאַנצעסיע. קיין ייד קריגט זי נישט צוריק, האָבן מיר זי אויך נישט צוריקגעקריגן...

— איז וואָס ווילסטו? — קוקט די טאָכטער באַלטשע נאָך בייזלעך אויפן הויכן קריסט און רעדט אויף היגטער זיך צו דער מוטער.

— כ׳זאָל אַזוי וויסן פון בייז... — קרעכצט די מוטער פאַמע־לעך און שטיל — ס׳איז דען פּטור צו ווערן פון אים? כ׳מיין, מ׳וועט אים דאַרפן געבן אַ צייכן און פּטור ווערן. וועסט גיין צום סטאַראָסטע?... אָדער וועסט אפשר אים הייסן גיין? אַ? וואָס זאָגסטו?

באַלטשע האָט זיך איצט ראַפּטום אַ דריי־אויס געטאָן צו דער מוטער און אַ קריץ געגעבן מיט די צוויי רייען שניי־ווייסע ציין, גלייך זי וואָלט זיי געוואָלט צעמאָלן אויף פּרוך:

— כ׳גיי נישט! נאָך ווייניק געזונקען? אפילו דעם טאַטנס טויט איז דאָך איבער מיין זינקעניש!...

די מוטער פאַניע האָט איצט אויפגעשטעלט די אויגן, ווי זי וואָלט זיך פאַר עפּעס אומגעריכטס געשראָקן. איר האַנט, וואָס זי האָט געהאַלטן ביים שטערן, האָט זי איצט צוגעטאָן צום בויך, און דאָס פּנים, וואָס איז ביז איצטער געווען פאַרווינט, בלייך, האָט אָנגעהויבן צו ווערן וואָס אַמאָל רויטער.

— אַ? — טוט זי אַ משונהדיגן וואָרף מיט די אויגן אויף דער טאָכטער.

— באַלטשע האָט נישט געוואָלט ענטפערן. זי האָט זיך גענער־מען צוריק אַפּגיין אין געוועלבל אַריין. אָבער אין מיטן וועג האָט זי זיך אַפּגעשטעלט און בעסיק זיך אויסגעדרייט צוריק צו דער מוטער:

— וואָס מיינסטו, — רעדט זי פּאַמעלעך, אָבער צאַרנדיק — כ׳וועל זיך פאַרפּאַכטן צום סטאַראָסטע? פאַר איטלעכער זאַך זיינע בקשות נאָכגעבן?

און נאָך אַ ווײַלע קוקן אויף דער צעשראָקענער מוטער אַ ציטער געטאָן מיט די באַקן און איבערגעוואָרפן מיט די, פון ווײַנען עטוואָס אָנגעשוואָלענע, ליפּן, ווי צו זאָגן אַ שלעכט וואָרט:

— גיב צוריק די קאַנצעסיע און זאָל ער דאָ נישט שטיין... כ׳וויל אפילו די קאַנצעסיע נישט האָבן... אָט האָט ער זיך שוין פריער, דער סטאַראָסטע, אָנגעהויבן צו טשעפּען צו מיר, ווי כ׳וואָלט

אים שטענדיק עפּעס שולדיק געווען...
פאַניע האָט איצט אָנגעהויבן צו דרייען נאָך מער פאַרוואונ־דערט מיט די אויגן. אָבער באַלטשע איז שוין דאָ מער נישט גע־שטאַנען. זי האָט זיך געלאָזט אריין אין געוועלבל, וואו ס׳זענען געווען אַ סך אַבלותדיקע מענטשן.

.24

בעת זון־פאַרגיין האָט זיך אָנגעהויבן די לוויה.
פון געוועלבל זענען אַרויס אַ סך מענטשן. אָבער נאָך מער האָבן געוואַרט אין דרויסן, אויף די מאַרק־טראָטואַרן. אויך האָבן מענטשן געוואַרט אין די הייזער. טייל זענען געשטאַנען הינטער די שויבנטירן פון די געוועלבער, פון די סקלאַדעס. טייל — הינטער די פענצטער פון די שטובן. און אַנדערע — אין די קאָרידאָרן פון די הייזער. אַלע האָבן געוואַרט לאַנג. ווארים כאָטש מ׳איז שוין געווען מיט אים פון לאַנג פאַרטיק, דאָך האָט מען געבאַלעמוטשעט איבער אַלערליי זייטיקע זאַכן. דאָ איבער דעם פּלאַץ פון דער קרקע. דאָ איבער געלט פאַר קהל. דאָ וועגן אַ הספד. סוף־כל־סוף האָט מען זיך אָבער געאייניקט און מ׳האָט אָנגעהויבן אַרויסצורירן זיך מיטן מת פון הויז אַרויס.
אין דרויסן איז איצט געווען אַ שניי ביז איבער די קניען. ווענענער, וואָס האָבן זיך געשלעפּט אין מאַרק, זענען פון מאָל צו מאָל געזונקען ביז איבער די רעדער און געוואָרן שווער ווי בערג. אויך אַזוי די פערד.
חוץ דעם טיפערן שניי איז אויך דער פראָסט געווען שאַרפער.
די מענטשן, וואָס זענען נאָכגעגאַנגען מיט דער לוויה, און אויך די, וואָס האָבן געטראָגן די מטה, האָבן זיך איטלעכע פאַר מינוט אָפּגעשטעלט. מענטשן, וואָס זענען געגאַנגען פונהינטן, זענען צו אויף פאָרנט, האָבן זיך געטוישט מיט די נושאי־מטה און ווייטער געצויגן. אָבער ווידער נישט אויף לאַנג. אי די פיס זענען געוואָרן שווער און אי די הענט זענען געוואָרן שטיקער אייז.
אָבער דאָך איז מען געגאַנגען.
טייל פרויען, אויך דערוואַקסענע מיידלעך, בחורים, דער פאַ־מיליע אָפּטערס שכנים, וואָס זענען אָפּגעגאַנגען אַ שטיקל וועג, האָבן זיך צוריקגעקערט. אַנדערע זענען אָפּגעשטאַנען אַ שטיקל

ווייטער. אָבער די גרעסטע צאָל איז דאָך מיט דעם גאַנצן וועג.

בעתן קאַפּען זיך אין שניי האָט פאַניע, די מוטער, אָנגעהאַלטן זיך אָן דער הויכגעוואָוקסיקער טאָכטער באַלטשען און נישט אויפֿגעהערט קרעכצן: „אוי, וואָס מיר איז געשען! אוי, וואָס מיר איז צוהאַנען געקומען...״ אָבער איבער דער גאַנצער צייט נישט געקוקט דער טאָכטער אין די אויגן אַריין. זי האָט עפּעס געקוקט זייטיק, גלייך זי וואָלט דאָ געווען נישט קיין אייגענע נאָר אַ צוגעטשעפּעטע.

בעת איר קולן און קרעכצן האָט די טאָכטער גאָרנישט געזאָגט. זי האָט נישט געשריען, נישט געיאָמערט. אפילו טרערן האָבן זיך איר איצט קוים באַוויזן אין די אויגן. זי איז נאָר געגאַנגען אַ פֿאַרומערטע, אַ פֿאַרצאַגטע און האָט נישט געקוקט אויף קיינעם, כאָטש מ׳האָט זיך אַ סך מאָל אויף איר אומגעקוקט און געוואָלט זען, וואָסאָרא סיגה זי מאַכט.

ערשט אויפֿן פּלאַץ ביים קברות־טירל האָט זי זיך אָבער יאָ אומגעקוקט.

דאָ אויפֿן פּלאַץ, ביים קברות־טירל, איז געשטאַנען אַ פּאָר־שנייטע הויכע בריטשקע, געשפּאַנט צו צווי הויכע שוואַרצע פֿערד, וואָס זענען געווען אָנגעטאָן אין פֿראַנצויזישע, געדיכט־אָנגעבראָנזעוועטע שאָרעס.

אויפֿן פֿאָדערשטן געזעס, וואָס איז געווען פֿאַרשנייט, איז געזעסן אַן אָנגעפּעלצטער יונג, מיט אַ קרומער נאָז, מיט אַ שוואַרצער משופּרינע, וואָס האָט זיך אים נישט געהאַלטן אונטער דער צאַפּע, נאָר געפּלאָנטערט זיך אַרום די אויגן. געזעסן איז ער, אַט־דער יונג, רואיק. ער האָט נאָר געהאַלטן אין איין האַנט אַ בייטש, אין דער צווייטער די לייצעס פֿון דער פֿראַנצויזישער באַקליידונג און אַכטונג געגעבן אויף די פֿערד, וואָס האָבן געקאַפּעט מיט די פֿיס אין שניי.

געווען איז אויך אַ הינטערשטיק געזעס. אָבער דאָרטן איז קיינער נישט געווען. לעבן געזעס איז געווען אויסגעשפּרייט אַ פֿוטערנע פֿוס־דעקע מיט אַ רויט־געוועבטענעם איבערציג, אָבער אויך זי האָט קיינעם איצט נישט גענוצט.

געווען איז דער דאָזיקער געשפּאַן — אוּורעמעלע שידלעס, דעם פֿאָלוואַרק־אייגנטימערס. און דער יונג מיט דער קרומער נאָז — אַ שטאָל־מענטש.

אָנגעקומען איז דער דאָזיקער געשפּאַן נישט לאַנג צוריק. ער איז אָנגעקומען מיטן פֿריץ אוּורעמעלע שידלען און מיט זיין טאָכטער

רוזשע, דער פילאָזאָפיע־סטודענטקע, וואָס איז, איבער דער מוטערס טויט, גיך געקומען פון וואַרשע.

מיט דעם געשפּאַן איז אויך מיטגעקומען אַ סך מענטשן־פּוסגייער. געווען זענען אַ־די מענטשן — קרובים פון ביידע צדדים, דינסטמיידן, שטאַל־יינגען, פערד־מעקלערס, חניפהניקעס, וואָס זוכן זיך אַרום דעם פּאַלוואַרק אַ לייכט פאַרדינסטל, סתם־באַקאַנטע און אַזוי מענטשן, וואָס האָבן מורא, אַז ער, דער פּריץ, זאָל אויף זיי נישט האָבן קיין האַרץ איבער זייער אויסמײַדן אים אין אַן עת־צרה.

געווען איז דער גאַנצער געדיכטער אַנקום איבער דער פרוי, וואָס מ'האָט געבראַכט אין אַ מטה צו מקבר־זיין זי ערגעץ אויפן „פעלד".

איצטער זענען זיי, אַט די אַלע מענטשן מיטן פּריץ און מיט דער טאָכטער, די סטודענטקע, אויפן פעלד. און דער געשפּאַן, וואָס דער פּריץ און די טאָכטער זענען מיט אים געפאָרן בעת דער לוויה, שטייט און וואַרט ביז דער באַלעבאָס וועט זיך צוריקקערן.

דער אַנבליק פון אַט־דעם געשפּאַן האָט באַלטשען אַ שטאַרקן צי געטאָן. זי האָט געוואָלט צוגיין צו דעם זיצנדיקן שמייסער מיט דער קרומער נאָז, פרעגן אים אויף דעם באַלעבאָס, וואָס ער מאַכט, ווי ער פילט זיך נאָך דעם אומגליק. אָבער ווייל זי האָט זיך איצט זייער שטאַרק גערעכנט מיט דעם, וואָס מענטשן וועלן זאָגן, האָט זי בלויז געקוקט אויפן געשפּאַן, ווי אויף עפּעס אַן אייגענער זאַך, און שטיל אין זיך אַריינגעקרעכצט:

— ווער ווייסט, צי ער איז נישט נעכטן באַנאַכט אַוועק אַ ברוגזער, כאָטש ער האָט אויך געדאַרפט אַהיים איבער דער פרוי... ווער ווייסט...

.25

ווען ס'איז שוין געווען גוט פינצטער האָט זיך אין ווייטנס, אויף דער צווייטער זייט קברות־טירל, צווישן די פאַרשנייטע מצבות און ביימער, באַוויזן אַ פלעמל.

געווען איז דאָס פלעמל פאַרשטראָמט, ווי אין אַ נעפּל.

חוץ דעם פלעמל האָט זיך אויך געזען אַ גרויסע מענגע זיך־וואַקלענדיקע מענטשן. טייל — פאַרשנייט. טייל — שוואַרץ־געפּלעקט, ווי זיי וואָלטן פון זיך אָוועקגעטרייסלט אביסל שניי. אַלע אָבער זע־

נען געגאַנגען שווער, זיך שלעפּנדיק, ווי זיי וואָלטן געטראָגן אויף זיך שווערע פּעק.

געווען זענען אַט־די מענטשן — די באַגלייטער פון אוורעמעלע שידלעס פרוי.

געגאַנגען זענען זיי אַלע איצטער פונעם קבר, וואו מ'האָט זי, די פרוי, אַראָפּגעלאָזט אונטער ערד און שניי. געגאַנגען עטוואָס מיט די קעפּ אַראָפּ. אויך ווי פאַרשעמט, וואָס זיי האָבן איר מער גאָר־נישט געקענט טאָן, ווי נאָר אַראָפּלאָזן זי אונטער ערד און שניי. זיי זענען געגאַנגען אַזוי, ווי עס וואָלט אויף זיי אויך געלעגן אַ גרויסע שולד, וואָס זי איז פאַרשוואונדן פון דער לעבעדיקער וועלט.

אויך אַזוי האָט זיך באַוועגט דאָס פאַרשטראָמטע פּלעמל.

כאָטש אַלעמאָל איז פראַנט, און כאָטש געטראָגן פון עמעצן, וואָס, ווייזט אויס, ווייסט דעם וועג דאָרטן וואו־איין און וואו־אויס, דאָך האָט עס זיך אויך געוואַקלט. איינמאָל האָט עס זיך אַראָפּגע־לאָזט צום שניי, איינמאָל זיך אויפגעהויבן. עס האָט נישט געקענט גיין גלייך. אָבער דאָך האָט עס זיך אפילו מיט שוועריקייטן געריסן פאָראויס. פאָראויס — צו דעם פּלאַץ, וואָס אויף דער זייט קברות־טירל.

און אין עטלעכע מינוט אַרום זענען זיי אַלע טאַקע אַרויס פונעם קברות־טירל.

דאָ אויפן פּלאַץ, וואו פאַר נאַכט־צופאַל זענען געווען סימנים פון טריט, וועגן, איז איצט אַלץ געווען הויך פאַרשאָטן פונעם שניי, וואָס האָט גאָרנישט אויפגעהערט צו פאַלן. דער געשפּאַן, וואָס איז געשטאַנען נישט ווייט פון טירל, איז אויך געווען וויַיס. בלויז דער שמייסער־ייִנג, וואָס איז געזעסן אויפן פאָדערשטן געזעס, האָט זיך פון מאָל צו מאָל געטאָן אַ שאָקל און אַראָפּגעטרייסלט פון זיך אַביסל שניי. חוץ אים — אַלץ וויַיס.

אויך איז געווען דאָ שטיל. מ'האָט נישט געזען קיינעם אַחוץ די, וואָס זענען אַרויס פונעם קברות־טירל. און ווען נישט דער געשפּאַן, דאָס טייַלמאָל אומרואיקע פערדישע קלאַפּן מיט די קאָפּיטעס, וואָלט מען געמיינט, אַז ס'איז דאָ אַ וויסטע, אַרום וועל־כער אַלץ איז אויסגעשטאָרבן.

בעת אַט־דער שטילקייט האָט זיך איינער אַ ייד פון דער אָקאָרשט־אַרויסגעקומענער מחנה צוגערוקט צום פּלויט און אין לופטן האָט זיך צעטראָגן אַ קרעכצנדיק קול: :

— יתגדל ויתקדש שמה רבא — — —

אויך האבן זיך באלד פונעם עולם דערהערט א סך קולות, וואס האבן נאכגעזאגט טייל ווערטער פון קדיש־זאגער.

בעתן זאגן קדיש איז צווישן עולם געשטאנען א הויכער מאן אין א בערן־פוטער, אין שטיוול מיט טיפע קאלאשן, און האט זיך נישט גערירט, ווי ער וואלט געווען פון וואקס.

לעבן אים איז, אויך ווי פון וואקס, געשטאנען א מיידל מיט א בלאנדן קאפ האר, מיט בלאע אויגן, אבער זי האט געהאלטן אין איין כליפען.

געווען זענען זיי: ער — אורעמעלע שידלע, און זי — זיין טאכטער רושע, די פילאזאפיע־סטודענטקע, וואס איז געקומען פון ווארשע.

נאכן אפזאגן קדיש האט ער, אורעמעלע שידלע, זיך ארויסגע־רוקט פון דער מחנה. ער איז צו צום געשפאן, האט גענומען אפ־קלאפן דעם שניי פון געזעס, אויך פון דער פוס־דעקע און, ווען פארטיק, א קוק געטאן אויף דער טאכטער:

— זיץ־אויף.

רושע האט געכליפעט. זי האט נישט געוואלט אויפזיצן. זי האט געטראכט, אז נישט נאר נישט אויפזיצן, נאר אפילו קיין מגע־ומשא דארף זי מער נישט האבן מיטן פאטער איבער איר מוטערס טויט. אבער זי האט איצט נישט געוואלט מאכן פון זיך קיין סצענעס און איז יא אויפגעזעסן.

ווען שוין געווען אויפן געזעס, האט אורעמעלע שידלע א ברום געטאן צום שמייסער, אז ער זאל פארן. אבער ווען אנגעהויבן רירן איז אים דאס אהיימפארן נישט געווען ניחא. כאי — האט ער גע־טראכט — וואלט ער איצט אליין נישט געווען דא אויף דער וועלט. כאי וואלט מיט אים עפעס געשען, אז ר'זאל נישט דארפן זיצן א פארשעמטער פאר דער טאכטער און פאר דער וועלט... אבער אלץ איז איצטער געווען שוין אפגעטאן און קיין עצה קענן דעם איז נישט געווען. ער האט געמוזט טראגן דעם עונש פאר אלעם. ער האט געמוזט אויסשטיין מענטשס שארפע בליקן און מענטשס אפן און באהאלטן ברומען. ער האט געמוזט נעמען, וואס ס'קומט אים.

אויפן פלאץ איז שוין קיינער נישט געווען, ווען ס'האט זיך פון קברות באוויזן א צווייטע מענגע מענטשן.

געווען זענען זיי — די באגלייטער פון ר' עזריאל אפטערן.

אַרויסגעקומען אויפֿן פּלאַץ, האָט זיך אויך איצט אָוועקגעשטעלט איינער אַ ייִד ביים פּלויט און גענומען זאָגן קדיש.

פֿון צווישן עולם האָט זיך אויך איצט געהערט אַ סך נאָכזאָגנ־דיקע שטימען — סיי פֿון מענער, סיי פֿון פֿרויען. אָבער די, וואָס האָט נישט נאָכגעזאָגט ,איז געווען — פֿאַניע די אלמנה.

זי, פֿאַניע די אלמנה, וואָס איז געשטאַנען לעבן דער טאַכטער באַלטשען, האָט געקוקט אַהין, וואו ס'איז פֿריער געווען דער פּרי־צישער געשפּאַן, און זי האָט געקרעכצט: — כ'זע שוין, אַז קיין גוטס וועט נישט אַרויסקומען פֿון זיין באַציאונג, אָווראַמעלעס, צו מיין טאָכטער... כ'זע שוין. וואָרן ווען אַנדערש, וואָלט ער דען גע־מאַכט פּליטה און נישט געלאָזט וויסן דורך עמעצן, אַז ער האָט געהאַט חשק אַהיימצופֿירן אונדז אין אַזאַ וועטער, נאָר נישט געקענט?...

באַלטשע, וואָס האָט געהערט דער מוטערס שטילע קרעכצן, האָט גאָרנישט געענטפֿערט. און די מוטער, וואָס האָט זיך גערעכט, אָבער נישט געהערט גאָרנישט, האָט עס אָנגענומען אַלס צושטימונג און אָנגעהויבן נאָך מער קרעכצן: — פֿריער האָב'ך נאָך געקענט האָבן אַ האָפֿנונג, אַז ווען ער וועט חתונה האָבן מיט איר, וועל איך אפשר קענען שוין אויסלעבן מיינע יאָרן ביי זיי... אַזויאַנאָך וואָלט נאָך געווען אַ שכל צוריקצוגעבן די קאַנצעסיע... אָבער אַצינד ווייס איך דען, וואו כ'בין?... ס'איז דאָך נישט אַהין, נישט אַהער!...

באַלטשע האָט אַלץ נאָך גאָרנישט נישט גערעדט. ווען מ'האָט אָנגעהויבן צו רירן זיך אַהיים, האָט זי אָבער יאָ אַ ברום געטאָן:

— אפילו ס'וועט זיין אַזוי ווי דו מיינסט, ס'הייסט, אַז גאָרנישט וועט נישט געשען צווישן מיר און אָווראַמעלען, זאָלסטו סיידווי טאָן דאָס, וואָס כ'האָב דיר באַטאָג געזאָגט... דו ווייסט שוין וואָס...

יאָ. די מוטער פֿאַניע האָט געוואוסט, וואָס עס מיינט. אָבער קריקגעבן איצט די קאַנצעסיע, האָט געמיינט דאָס זעלבע ווי אָפּגעבן ס'האַרץ.

— גזלנטע! — האָט זי דערפֿאַר פּלוצים אַ געשריי־געטאָן צו דער טאָכטער — ביי וואָס ווילסטו מיך לאָזן?...

באַלטשע האָט איר איצט געקענט נאָכאַמאָל זאָגן דאָס זעלבע, וואָס באַטאָג: „גענוג געזונקען!”. אָבער איבער דעם עולם, וואָס איז געווען אַרום און אַרום, האָט זי בעסער געמאַכט אַ שווייג און איז, גאָרנישט רעדנדיק, ווי אַ האַנאַראָווער מענטש, געגאַנגען אַהיים.

די מוטער, אָבער, האָט געזאָטן. זי האָט זיך געוואָרפֿן מיט די

אויגן אמאָל אויף רעכטס, אמאָל אויף לינקס, ווי זי וואָלט געוואָלט ביי מענטשן בעטן הילף. געזען אבער, אז קיינער איז זיך נישט מקרב צו איר, האָט זי זיך אהיימגעלאָזט מיט א געפיל, אז די גאַנצע וועלט מענטשן איז דורכאויס שלעכט, דורכאויס פאַרדאָרבן, דורכאויס אומרחמנותדיק.

אזוי האָט אבער נישט געטראַכט באַלטשע, וואָס האָט, זינט דעם פאָטערס טויט, אָנגעהויבן צו גיין אויף אַן אַנדערן וועג.

משה שטאַרקמאַן
בנימין טייטלבוים
א. ל. אָוונטאַל

ברוך גלאַזמאַן

עס איז געוואָרן 25 יאָר זינט דער יידישער נאָוועליסט ברוך גלאַזמאַן, איז געקומען אין דער יידישער ליטעראַטור.

אין משך פון זיינע 25 יאָר ליטעראַרישער שאַפונג, האָט ב. גלאַזמאַן באַוויזן צו געבן א באַדייטנדע צאָל פאַרדינסטפולע ווערק, וואָס פאַרנעמען אַן אָנגעזען אָרט אין אונדזער ליטעראַטור.

ברוך גלאַזמאַן פאַרדינט געווים א גרעסערע אָפּשאַצונג, נאָר צוליב טעכנישע סיבות זענען מיר עס געצוואונגען אָפּצולייגן פאַרן צווייטן זאַמלבוך.

לעצטנס איז ב. גלאַזמאַן נישט ביים פולן געזונט. ווינטשן מיר אים ביי דער געלעגנהייט א סך געזונטע שעפערישע יאָרן.

א. לעיעלעס

דער פופציק יאָריקער יובל פון א. לעיעלעס איז א וויכטיקע דאַטע אין דער מאָדערנער יידישער דיכטונג.

א. לעיעלעס געהערט צו דער גרופּע פּאָעטן וואָס האָבן אריינגעבראַכט און פאַרפעסטיקט די אינזיכיסטישע ריכטונג אין דער יידישער פּאָעזיע.

אין זיינע לידער האָט א. לעיעלעס געגעבן דעם עיקר פון אינזיכיזם. די דערגרייכונג איז א רעזולטאַט פון עקשנות, קאַמף און אחריות. אין דעם דאָזיקן קאַמף איז א. לעיעלעס שטענדיק דער פאָראויסגייער.

אין משך פון זיין שאַפן האָט לעיעלעס געגעבן א ריי ווערק וואָס שילדערן העראָאישע געשטאַלטן אין דער יידישער געשיכטע. לעיעלעס באַנוגנט זיך נישט בלויז מיט דעם געפילסלעבן פון די מענטשן וואָס ער שילדערט. געטריי צו זיין קינסטלערישן אני מאמין, זוכט ער שטענדיק ארויסצוברענגען אויך דאָס געדאַנקלעכע און אינטעלעקטועלע.

מיר ווינטשן דעם בעל יובל נאָך פילע געזונטע און שעפערישע יאָרן!

אַן אָפּשאַצונג וועגן א. לעיעלעס האָפן מיר צו קאָנען געבן אין צווייטן נומער „המשך".

משה שטאַרקמאַן

דער יונגער ייִדישער דיכטער אין אַמעריקע

(פּאַראַלעלן)

אויב מ'זאָל אָננעמען, אַז די אַמעריקאַנער ייִדישע ליטעראַטור הייבט זיך אָן מיטן ערשטן ייִדישן ביכל, וואָס איז געדרוקט געוואָרן דאָ אין לאַנד — יעקב צבי סאָבעלס „שיר זהב לכבוד ישראל הזקן", ניו־יאָרק, 1877 — האָט זי שוין הינטער זיך אַ געשיכטע פון בערך 62 יאָר.

די היסטאָרישע אַנטוויקלונג פון אַ באַשטימטן ענין — צי דאָס איז אַ פאָלק אָדער אַן אינסטיטוציע, אַ קונסט־געביט אָדער אַ באַוועגונג, — ווערט געוויינטלעך איינגעטיילט אין באַזונדערע עפּאָכעס. אַמאָל דאַרף דער געשיכטע־שרייבער אַליין זוכן די גרענעצן, וואו איין עפּאָכע ענדיקט זיך, און אַ צווייטע הייבט זיך אָן, און אַמאָל מאַכט ער אַ קינסטלעכע עפּאָכע־איינטיילונג כדי אים אַליין זאָל לייכטער זיין זיך צו אָריענטירן. ווען ס'האַנדלט זיך אָבער וועגן דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג פון אַ ליטעראַטור איז פאַרן היסטאָריקער נישט נייטיק אַליין צו באַשטימען די גרענעץ־ליניעס, וואָס טיילן אָפּ איין תקופה פון דער צווייטער. די תקופה־גרענעצן שאַפן זיך נאַטירלעך, און דאָך געניטע אויג קאָן לייכט דערזען ווען און וואו ס'האָט זיך אָנגעהויבן די עליה אָדער די ירידה פון אַ באַשטימטער ליטעראַרישער שולע אָדער גרופּירונג.

די אָנזאָגער פון יעדער נייער ליטעראַרישער תקופה זיינען יונגע שרייבער און מיט יונגע שרייבער ענדיקט זי זיך: די יורשים, די עפּיגאָנען פון דער תקופה זיינען בלויז איבערזאָגער און נאָכזאָגער, וואָס קענען קיין אייגנס ניט געבן. איז אָדער ס'קומט צו אַ שטילשטאַנד אין דער וואָרט שאַפונג, צו ליטעראַרישער דעגענעראַציע, אָדער ס'שטייט גלייך אויף אַ נייער שרייבער־דור, וואָס הייבט אָן אַ פרישע שעפערישע תקופה.

:: :: ::

מיר וועלן דאָ זיך אָפּשטעלן אויף דעם אָנהייב פון דער ראַזענפעלד־עפּאָכע אין אונזער אַמעריקאַנער ייִדישער דיכטונג.

דאָס ערשטע יידישע לידערבוך אין אַמעריקע איז טאַקע אַרויס אין 1877, אָבער די אַמעריקאַנער יידישע שעפערישע ליטעראַטור הויבט זיך אָן ניין יאָר שפּעטער, אין 1886, הגם אין דער צווישנצייט האָט מען געדרוקט געגוג פּערזן אין די אַמעריקאַנער יידישע צייטונגען פון יענער צייט. מ'האָט געשריבן אין גראַמען, אָבער קיין פּאָעזיע איז דאָס נישט געווען.

מיר ווייסן אַפילו די גענויע דאַטע ווען ס'הויבט זיך אָן די שעפערישע יידישע דיכטונג אין אַמעריקע. געווען איז דאָס דעם 17־טן דעצעמבער, 1886, ווען אין דער „ניו־יאָרקער יודישער פאָלקסצייטונג" אַ ראַדיקאַלע וואָכנשריפט, האָט מאָריס ראָזענפעלד געמאַכט זיין אויפטריט אין דער ליטעראַטור מיט אַ ליד פון דרייצן אַכט־שורהדיקע סטראָפעס וועגן דעם יאָר, וואָס האָט זיך דעמאָלט געהאַלטן אין ענדיקן.

דאָס ערשטע ליד פון דעם 24־יאָריקן דיכטער האָט נישט פאַרמאָגט עפּעס אַזוינס, אַז ס'זאָל זיך אַרויסזען צווישן די אַנדערע „פּאָעטישע שאַפונגען" פון יענער צייט. צווישן די יידישע „דיכטער־שרייבער" אין 1886 זענען געווען אינטעליגענטערע און געשיקטערע פערזןשרייבער פון ראָזענפעלדן. יענע האָבן בלויז מער פון אים געקענט די קונץ פון שרייבן, אָבער דיכטערישן טאַלאַנט האָט קיין איינציקער פון זיי נישט געהאַט. ראָזענפעלדס צייט־חברים זענען געבליבן שטיין ביי זייער פערזן־קענטעניש, אָבער ראָזענפעלד גופא האָט גענומען שטייגן ווי אַ דיכטער. צוויי יאָר נאָך זיין דעביוט, 1888, איז ראָזענפעלד שוין אָנערקענט געוואָרן ווי אַ דיכטער פון דעם לאָנדאָנער „אַרבעטער פריינד" — אָרגאַן פון די יידישע סאָציאַליסטן אין ענגלאַנד און די סאַמע איינפלוסרייכע צייטונג צווישן די יידישע ראַדיקאַלן אין אַמעריקע — און טאַקע אין דעמזעלבן יאָר איז אויך אַרויס אין ניו־יאָרק זיין ערשטע לידער־זאַמלונג „די גלאָקע", אין וועלכער עס ווייזן זיך שוין די סימנים פון דעם שפּעטערדיקן ראָזענפעלד.

ראָזענפעלד האָט געגלויבט אין זיין טאַלאַנט, און דאָס האָט אים געגעבן מוט אַרויסצוגעבן אַ זאַמלונג פון זיינע לידער, — וואָס אַנדערע פערזנשרייבער סוף די אַכציקער יאָרן האָבן נישט געטאָן. ער האָט אָבער געפילט, אַז אין פּרט פון פערזן־טעכניק איז ער זייער הינטערשטעליק. האָט ער צוגעצויגן אַ יונגן אַנאַרכיסטישן אינטעליגענט אים אין דעם פּרט אַרויסצוהעלפן. אויפן שער־בלאַט פון דער „גלאָקע" ווערט טאַקע אָנגעגעבן, אַז דידאַזיקע „פאָלקסלידער אונד רעוואָלוציאָנערע געדיכטע" האָט פאַרפאַסט מ. י. ראָזענפעלד מיט הילפע פון י. מ.", וועלכער האָט צוגעגעבן זיינס אַן איינגן ליד צו ראָזענפעלדס 28

לידער. אונטער די איניציאַלן האָט זיך באַהאַלטן יעקב מעריסאָן, דער איצט־באַקאַנטער יידישער שריפטשטעלער און איבערזעצער פון וויסנ־שאַפטלעכע ווערק דר. י. א. מעריסאָן.

אַ פאַרלאַג וואָס זאָל אַרויסגעבן דעם יונגן דיכטערס שירים איז נישט געווען. „דאָס ביכל „די גלאָקע" — דערציילט מעריסאָן — האָט ראָזענפעלד אַרויסגעגעבן אויף זיין אייגענעם חשבון, ד.ה. אויפן חשבון פון זיינעם אַ קרוב, אַ פאַרמעגלעכן קצב, וואָס האָט גאַראַנטירט דעם דרוקער די הוצאות. די צוזאַמענשטעלונג און די גאַנצע אַרבעט פון צוגרייטן עס צום דרוק האָב איך געטאָן. אַ פּאָר טויזנט עקזעמפּליאַרן זיינען אָפּגעדרוקט געוואָרן, איך בין אָבער מסופק צי עס האָבן זיך פאַרקויפט אַ פּאָר צענדליק. דער קצב האָט עס פאַרנומען אין זיין רשות און געשפּייזט דערמיט די מייז פון זיין קעלער". („פנקס", ניו־יאָרק, באַנד I 1927־1928, ז. 269).

ממש ווי די דערפאַרונגען פון אַ סך יונגע יידישע דיכטער אין אַמעריקע אין 1939!

מאָריס ראָזענפעלד האָט אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע טעטיקייט אין דער אַמעריקאַנער יידישער ראַדיקאַלער פּרעסע, וועמעס רעדאַק־טאָרן זענען אויך געווען אַזוי יונג ווי ער. אַ חוצדעם וואָס זיי, די רע־דאַקטאָרן האָבן געשטרעבט צו ענדערן די ניט־יושרדיקע געזעלשאַפט־לעכע אָרדענונג, האָבן זיי אַליין אויך געהאַט ליטעראַרישע אַמביציעס. האָבן זיי דערפאַר אויף ראָזענפעלדן נישט געקענט קוקן ווי אויף אַ „קרענק", וואָס „באַדערט" זיי מיט „לידלעך", ווי דאָס טוען די הייגטי־קע יידישע צייטונג־רעדאַקטאָרן, בפרט נאָך ווען די דיכטונג איז דע־מאָלט פון זיי באַטראַכט געוואָרן ווי אַ וויכטיק הילפמיטל צו דער־גרייכן דעם סאָציאַליסטישן ענדציל. איז מיט דער פּרעסע קיין שווע־ריקייט נישט געווען. אָבער דער יידישער לייענער? אין 1888 איז ער געווען פּונקט אַזוי ווייט פון פּאָעזיע ווי ער איז עס היינט — מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט שפּעטער.

אַז דער לייענער איז נישט געקומען צו אים, האָט ראָזענפעלד באַ־שלאָסן צו גיין צום לייענער. ער פלעגט אויפטרעטן ביי פאַרזאַמלונגען, פאַרלייענען און פאַרזינגען זיינע לידער, און דערנאָך פאַרקויפן זיינע ביכער צווישן די צוהערער.

און איצט, פופציק יאָר נאָך ראָזענפעלדס ערשטע „בינע אויפ־טריטן", וואו האַלט אין דעם פּרט דער יונגער יידישער דיכטער אין אַמעריקע? ווי ראָזענפעלד דעמאָלט, מוז ער אויך לייענען און „רע־ציטירן" זיינע לידער פאַר אַן עולם מיט דער האָפענונג, אַז ביי עטלעכע

צווישן די צוהערער וועט זיך אויפוועקן אַ חשק צו קויפן זיין בוך!

אין די אָנהויב־יאָרן פון זיין דיכטערישן שאַפן האָט ראָזענפעלד געשטעלט זיין ליד אין דינסט פון דער סאָציאַליסטישער אידייע. אַז די פּאָעזיע, ווי יעדע קונסט, איז אַ ציל פאַר זיך און איז נישט קיין דינסט־מיידל פון אַן אידעאַל, ווי גרויס דער אידעאַל זאָל נישט זיין, דאָס האָט מען בעת יענער בראשית־תקופה פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע נישט פאַרשטאַנען. מיט מער ליטעראַרישער גע־שיקטקייט — ווייל מיט מער וויסן און אַ סך פערזן־איבונג זינט זיין פריסטער יוגנט — האָט דוד עדעלשטאַט, מאָריס ראָזענפעלדס צייט־חבר און כמעט אידייען־חבר (מחמת די ליניע צווישן אַנאַרכיזם און סאָציאַליזם איז דעמאָלט נאָך נישט געווען אַזוי שאַרף געצויגן אויף דער אַמעריקאַנער יידישער אַרבעטער־גאַס) אויך געלאָזט הערן זיין דיכטעריש קול סוף צו די אַכציקער און אָנהויב צו די ניינציקער יאָרן.ביידנס מאָטיוון זענען געווען די זעלבע: רופן דעם שקלאַף אַראָפּצע־וואַרפן דעם יאָך פון דער קאַפּיטאַליסטישער טיראַניי, שאַלן דעם מאַרש פון פּראָגרעס און רעוואָלוציע א.א.וו. עדעלשטאַט איז נישט בלויז גע־ווען אַן אַנאַרכיסטישער פּאָעט. ער איז אויך געווען אַן אַנאַרכיסטי־שער פירער און רעדאַקטאָר. אין תוך איז עדעלשטאַט געווען מער שרייבער ווי פּאָליטיקער — און אפשר בלויז שרייבער — אָבער די אַנאַרכיסטישע אידייע, אַנשטאָט צו ווערן זיין אינספּיראַציע, איז זי געוואָרן זיין האַרנטע און ער — איר קנעכט. בערך פינף יאָר האָט עדעלשטאַט געדינט דעם אַנאַרכיזם מיט יידישע לידער, און געטאָן האָט ער דאָס אינם עלטער פון 21 ביז 26 יאָר, ביז די שווינדזוכט האָט גע־מאַכט אַ סוף צו זיין יונג לעבן (1892).

פונם יונגן עדעלשטאַטן זענען בלויז געבליבן זיינע אַנאַרכיסטישע לידער, און ס'איז אָנגענומען די מיינונג, אַז עדעלשטאַט איז נישט גע־ווען קיין פּאָעט, נאָר אַ פּראָפּאַגאַנדיסט אין גראַמען. דערדאָזיקער האַרבער פּסק דאַרף רעווידירט ווערן. אין עדעלשטאַטס פּראָפּאַגאַנדע־לידער געפינען זיך פערזן פון אמתער דיכטערישער קוואַליטעט. דאַרף מען אָננעמען, אַז מיט דער ליטעראַריש־קינסטלערישער אַנטוויקלונג וואָלט דער פּראָפּאַגאַנדיסט געווען אָפּגעטראָטן דעם וועג פאַרן פּאָעט, פּונקט ווי דאָס האָט פּאַסירט אינם פאַל מאָריס ראָזענפעלד. ווען ראָ־זענפעלד זאָל, חלילה, געווען שטאַרבן אין דערזעלבער צייט און אין דעמזעלבן עלטער ווי עדעלשטאַט, וואָלטן מיר אים איצט אויך באַ־טראַכט ווי אַ פּראָפּאַגאַנדיסט אין גראַמען און וועמעס פערזן מ'געפינט אויך ריין־דיכטערישע שטעלן. באַקענט מען זיך נענטער מיט עדעל־

שטאַטס ליטעראַריש־פּראָפּאַגאַנדיסטישער ירושה, — און מ׳דאַרף דאָס טאָן אַן איינגעוואָרצלטע פּאַראורטיילן — מוז מען קומען צום אויספיר, אַז עדעלשטאַט האָט געהאַט דעם טאַלאַנט צו ווערן איינער פון די גרעסטע שאַפער פון דער יידישער דיכטונג אין אַמעריקע. נאָר דער טויט האָט דיזאַזיקע מעגלעכקייט צעשטערט.

און איצט, 47 יאָר נאָך עדעלשטאַטס טויט, זעען מיר יונגע יידישע דיכטער, וואָס דערשטיקן אין זיך דעם אמתן דיכטערישן דראַנג, ווייל זיי דוכט זיך אויס, אַז זיי דינען זייער אידעאַל מיט דעם. וואָס זיי צווינגען זיך אַליין צו שרייבן אַנדערש ווי דאָס איינענע דיכטערישע געוויסן פאָדערט. אַ סך פון אָט די יונגע דיכטער, וואָס האָבן געמיינט, אַז זיי דינען זייער אידייע, האָבן דער באַטרעפנדיקער אידייע בלויז געגעבן אַ באַלאַסט פון אַן־חיותדיקע פּראָפּאַגאַנדע־פּערזן. דאָס אמתע און ריינע פּאָעטישע געפיל אין זיי איז ביסלעכווייז אָפּגעשטאָרבן, און זיי זענען שוין איצט ליטעראַריש טויט פּונקט ווי עדעלשטאַט איז פיזיש טויט.

דערמאָנען נעמען? ליטעראַרישע מתים, כאָטש מתים, קענען פילן ווייטיק, איז בעסער זיי נישט אויסצערופן און נישט אָנצערופן.

מיר האָבן פריער געמאַכט די געוואַגטע באַהויפּטונג — געוואָגט אין די אויגן פון זיינע געשוואוירענע גרינגשאַצער — אַז ווען עדעלשטאַט זאָל נישט געווען שטאַרבן יונג, וואָלט ער זיכער געווען פאַרנומען אַ גרויס אָרט אין דער אַמעריקאַנער יידישער פּאָעזיע. פּונקט ווי דאָס איז געשען מיט מאָריס ראָזענפעלדן. אַז אַזוינס האָט געקענט טרעפן, קען דינען פאַר אַ באַווייז יוסף באָוושאָווער, אַ וויכטיקער ליטעראַרישער כח אין אָנהויב פון דער ראָזענפעלד־עפּאָכע.

באָוושאָווערן איז צוויי מאָל געשטאָרבן. דאָס ערשטע מאָל — גייסטיק, אין 1899, צו 26 יאָר, ווען מ׳האָט אים אריינגעגעבן אין אַ משוגעים־הויז: דאָס צווייטע מאָל אין 1915, ווען דער טויט האָט אים געבראַכט די דערלייזונג.

באָוושאָווער האָט זיך געהאַלטן פאַר עדעלשטאַטס אַ תלמיד. און אין די אַנאַרכיסטישע קרייזן האָט מען טאַקע אויף אים געקוקט ווי אויף עדעלשטאַטס יורש. אין באָוושאָווערס פאַל האָט דער אַנאַרכיזם בלויז משפיע געווען זיין דיכטונג, אָבער זי נישט באַהערשט, ווי עדעלשטאַט.

באָוושאָווער האָט זיך באַטראַכט פאַר אַ פּאָעט, און נאָר פאַר אַ

פּאָעט, און דער אַנאַרכיזם האָט אים גיכער פאַרכאַפּט מיט דער דאָזי־קער אידייעס טרוימערישע עלעמענטן איידער מיט איר פּראַקטישער „פּראָפּאַגאַנדע דער טאַט". אַנדערע אַנאַרכיסטישע שרייבער האָבן זיך באַמיט מיט זייער וואָרט צו דינען זייער אידעאַל, אָבער באָװשאָװער האָט מיט זיין דיכטונג געדינט זיך אַליין, — דעם פּאָעט. ער האָט דערפאַר געדרוקט זיינע לידער נישט דווקא נאָר אין אַנאַרכיסטישע צייטשריפטן, און בעת אַנדערע האָבן זיך פאַרנומען מיט פּאַרטיי־אַר־בעט, איז ער גאָר אַוועק אין אוניווערסיטעט שטודירן ליטעראַטור. ער האָט אַפילו געשריבן און געדרוקט לידער אין ענגליש.

באָװשאָװער דער אַנאַרכיסט האָט געשריבן אַ סך ריין לירישע לידער, און ער האָט פּרובירט אריינברענגען די אוצרות פון דער וועלט־ליטעראַטור אין דער יידישער, דורך איבערזעצן געטעס „פאוסט", שי־לערס „קאַבאַלע און ליבע", שעקספּירס „סוחר פון ווענעציע" און דורך איבערדיכטן די פיינסטע מוסטערן פון די אייראָפּייאישע ליטעראַ־טורן. באָװשאָװער איז געווען דער ערשטער אַמעריקאַנער יידישער דיכטער צו שרייבן ליטעראַרישע עסייען, וואָס באַווייזן אַז אויך אויף דעם געביט איז ער געווען זייער באַגאַבט. אַנשטאָט צו שרייבן אַרטיק־לען וועגן באַקונינס לערע, האָט באָװשאָװער דעם עניין איבערגעלאָזט צו קאָמפּעטענטערע מענטשן, און אָנגעשריבן מוסטערהאַפטע אָפּהאַנד־לונגען וועגן ראַלף וואַלדאָ עמערסאָן, היינריך היינע, וואָלט וויטמאַן א. אנד., וואָס זיינען אים גייסטיק און קינסטלעריש געווען אַ סך נענ־טער ווי די טעאָרעטיקער פון אַנאַרכיזם. באָװשאָװער האָט אויך גע־האָט טאַלאַנט צום זינגען און אַ טיפע פאַרשטענדניש פאַר מוזיק. בעת אַנדערע אַנאַרכיסטן זענען געווען פאַרנומען מיט פּאַרטיי־אַרבעט, האָט ער, עדעלשטאַטס פּעדער־יורש, „פאַרשווענדט" זיין צייט אויף קאָנצערטן. זיינע אַנאַרכיסטישע חברים האָבן דערפאַר געקוקט אויף אים ווי אויף „אַ צעלאָזן קינד", און אַ סך האָבן געשאָקלט זייערע קעפּ מיט באַדויער, וואָס באָװשאָװער איז נישט קיין צווייטער עדעלשטאַט נאָר — יוסף באָװשאָװער, וואָס האָט מער שותפותדיקעס מיט מאָריס ראָזענפעלדן, דעם בלויז־פּאָעט, ווי מיטן מחבר פון „אַ גוטע פריינט, ווען איך וועל שטאַרבן" און „דר. גראָן".

באָװשאָװער האָט געמוזט אַרויסרופן קעגן זיך די אומצופרידנ־קייט פון פּאַרטיי חברים, ווייל ער איז געווען בעיקר פּאָעט און זיי—רק פּאַרטיי־מענטשן. דער פּאַרטיי־מענטש האָט געשטעלט פּאַרטיי־פאָדע־רונגען. דער דיכטער האָט פּרובירט נאָכגעבן און ניט זעלטן רעוואָל־טירט. זאָל באָװשאָװער געווען דערשטיקן דעם דיכטער אין זיך, וואָלט

ער געהאַט דעמזעלבן גורל, וואָס עדעלשטאַט: אַנשטאַט ווי אַ פּאָעט, וואָלטן מיר אים געקענט בלויז ווי אַ גראַמענדיקן פּראָפּאַגאַנדיסט.

אויך דער הײַנטצײַטיקער יונגער יידישער דיכטער, וואָס איז גע־נייגט צו אַ באַפרייענדיקער אידייע און צו אַ פרייהייטלעכן אידעאַל איז אין דערזעלבער לאַגע, וואָס דער אַנאַרכיסט באַוושאָווער איז אָפט גע־ווען. אויך איצט פּרובירט דער יונגער יידישער דיכטער פאָלגן דעם דיקטאַט פון דער פּאַרטיי, אָבער גאַנץ אָפט רעוואָלטירט ער קעגן איר הערשאַפט איבער זײַן פּאָעזיע. די פּאַרטיי קען באַשטראָפן — און זי טוט עס; זי סטראַשעט ניט זעלטן מיט ליטעראַרישן מאָרד. אָבער דער אמתער פּאָעט, ווי ליב דער פּאָליטישער אידעאַל זאָל אים נישט זײַן, איז אים די דיכטונג נאָך ליבער, און ער איז זיך מוסר נפש פאַר איר, כאָטש דאָס קען אָמאָל מיינען פאַרשטאָפּן זײַן פּרנסה־קוואַל, אויב דער דיכטער איז אַ זשורנאַליסט, אַ לעקטאָר אָדער אַ לערער אין אַ פּאַרטיי־שול.

די וואָס רעוואָלטירן — בלײַבן דיכטער. יענע וואָס גיבן זיך אונ־טער — ווערן זיי ווען די קומענדיקע דורות טראַכטן ווי וועגן פּאַר־טיי־באַראַבאַנשטשיקעס, ווײַל זייערע לידער זענען נישט קיין סאָציאַלע לידער, נאָר פּראָפּאַגאַנדע אין פערזן.

:: :: ::

און דער „פרײַ־גייסט", דער דיכטער אָן פּאַרטיי־פאַרבינדונגען, — וואָס זעען מיר אין זײַן פאַל?

פאַר אַ מוסטער וועלן מיר נעמען אַן אַנדער צײַט־חבר ראָזענ־פעלדס — אברהם מיכל שאַרקאַנסקי.

שאַרקאַנסקי האָט אָפן מיט קיין שום פּאָליטישער פּאַרטיי אויף דער יידישער גאַס זיך ניט אידענטיפיצירט. זײַן פּאַרטיי איז געווען— די ליטעראַטור; זײַן פירער — ש. פרוג, אונטער וועמעס דיכטערישער השפעה ער איז געשטאַנען אין אָנהויב פון זײַן ליטעראַרישער טעטי־קייט.

פּונקט ווי באַוושאָווער איז אויך שאַרקאַנסקי צוויי מאָל געשטאָר־בן: אין 1906, אין עלטער פון 37 יאָר, ווען ער איז אַראָפּ פון זינען איבער אַ טראַגישער ליבע און אַ יאָר נאָכדעם, ווען אַ לונגען־אַנטציג־דונג האָט אים פיזיש געטויט.

אָנגעהויבן האָט שאַרקאַנסקי זײַן ליטעראַרישע טעטיקייט אין 1891, אַ יאָר נאָך זײַן אָנקומען קיין אַמעריקע, און באַלד נאָכדעם האָבן אין די יידישע צײַטונגען, זשורנאַלן פון יענער צײַט זיך גענומען דרוקן זײַנע לידער — אָריגינעלע און איבערדיכטונגען פון דער

וועלט־פּאָעזיע. שאַרקאַנסקי האָט אַזוי שנעל געקראָגן ליטעראַרישע אַנערקענונג, אַז אין 1893, צוויי יאָר נאָך זיין דעביוט אין דער ליטע־ראַטור, האָט אַזאַ שרייבער ווי פיליפּ קראַנץ, דער געוועזענער רעדאַק־טאָר פון לאָנדאָנער „אַרבייטער פריינד" און פון דער ניו־יאָרקער „אַרבייטער צייטונג", אַ מענטש מיט אַ לאַנגן שריפטשטעלערישן עבר, בשותפות מיטן יונגן דיכטער גענומען אַרויסגעבן אַ ליטעראַרישן חודש־זשורנאַל. מאָריס ראָזענפעלד, וועלכער האָט אין 1894 שוין נעהאַט הינטער זיך אַ ליטעראַרישן „סטאַזש" און עטלעכע ביכער ליי־דער, האָט אין יענעם יאָר בשותפות מיט „יונגן" שאַרקאַנסקי אַרויס־געגעבן און רעדאַקטירט אַ ליטעראַריש־הומאָריסטישע וואָכנשריפט. אין 1900 האָבן ביידע אַרויסגעגעבן אַ ליטעראַרישן קוואַרטאַל־בוך „דער פּנקס", נאָכדעם ווי מיט דריי יאָר פריער, אין 1897, האָט שאַר־קאַנסקי מיט די אייגענע כחות אַליין אַרויסגעגעבן אַ ליטעראַרישן חודש־זשורנאַל.

אין יענער צייט האָט מאָריס ראָזענפעלד שוין געוואוסט זיין ליי־טעראַרישע ווערדע, און גענומען אַרויסווייזן צו אַנדערע דיכטער יענעם ביטול מיט וועלכן ער האָט אויף די עלטערע יאָרן אַזוי פּאַראַדירט. פונדעסטוועגן האָט ער שאַרקאַנסקין פּראָטעזשירט און זיך מיט אים געחברט. אַן אַמתער דיכטער מוז פילן אַ שטאַרקע קרובהשאַפט צו אַ צווייטן טאַלענטירטן פּאָעט.

דער יונגער שאַרקאַנסקי, ממש אַן אָנפאַנגער, האָט אין יענער בראשית־צייט פון דער יידישער דיכטונג אין אַמעריקע געהאַט מער שאַנסן אין דער יידישער פּרעסע ווי אַ יונגער דיכטער היינט. דעמאָלט איז געווען אַ נענטערע פאַרבינדונג צווישן דער צייטונג און דער ליי־טעראַטור, — אַ גייסטיקע פאַרבינדונג, און נישט ווי איצט, ווען די „ליטעראַטור" אין דער צייטונג ווערט באַטראַכט בלויז ווי „צוטשע־פּעניש". די אַמאָליקע רעדאַקטאָרן האָבן צו פּאָעזיע, ווי צו ליטעראַ־טור בכלל, געהאַט אַן אינטימע באַציאונג. אחוץ דיכטערישן טאַלאַנט, האָט שאַרקאַנסקי אויך פאַרמאָגט ליטעראַרישע געשיקטקייט, און ער האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן שרייבן פעליעטאָנען, הומאָרעסקעס און הומאָריסטישע לידער, וואָס זיינען אפילו אַרויס אין באַזונדערע ביכ־לעך און שטאַרק אויסגענומען ביי די לייענער.

שאַרקאַנסקי איז אויך געוואָרן אַ שרייבער פון אָפּערעטעס פאַרן יידישן טעאַטער. אין די נײַנציקער יאָרן, ווען די שונד־מייסטערס, מיט „פּראָפעסאָר" משה הורוויטש און יאָזעף לאַטיינער האָבן מיט זייערע „ווערקע" פאַרפלייצט די יידישע בינע אויף דעמזעלבן שטייגער ווי היינט זייערע „אייניקלעך", איז דאָס אויפפירן שאַרקאַנסקיס אָפּע־

רעטעם געווען פון אזא באַדייט, ווי עס וואָלט איצט געווען דאָס אויפ־פירן פון אַן אַפּערעטע געשריבן פון מאַני לייבן. די וויכטיקסטע שוי־שפּילערישע כחות פונם יידישן טעאַטער אין יענער צייט, יעקב אדלער און דוד קעסלער, בערטאַ קאַליש און קעני ליפּצין — צו דערמאָנען בלויז עטלעכע — זענען אויפגעטראָטן אין שאַרקאַנסקים אָפּערעטעס, וואָס זיינען באמת געווען אַ נייעס אויף דער יידישער בינע.

פאַר דעם יונגן יידישן דיכטער פון היינט, איז די יידישע פּרעסע פאַרהאַקט. כמעט יעדע יידישע צייטונג האָט זיך איר „געשוואוירע־נעם" פּאָעט. מחמת דעם מאַנגל אין ליטעראַרישע צייטשריפטן איז דאָך די צייטונג נאָך אַלץ אַ מיטל צו קומען צו דער ליטעראַרישער עפנטלעכקייט. ווען אַ יונגער יידישער דיכטער זאָל היינט אַנשרייבן אַן אָפּערעטע, אפילו די בעסטע, וואָלט מען זי אויך נישט געקויפט ביי אים, ווייל די היינטיקע „שטערן" אויף דער אַמעריקאַנער יידישער בינע האָבן נישט דעם טאַלאַנט און נישט די שוישפּילערישע אַמביציע פון אַ יעקב אדלער אָדער אַ קעני ליפּצין.

אָבער מיט שאַרקאַנסקין האָט אויך געטראָפן דאָס, וואָס ס'איז געשען מיט אַ צאָל (נישט אַלע) פון אונזערע איצטיקע יונגע דיכטער, וואָס האָבן יאָ געהאַט די מעגלעכקייט צו ווערן צייטונג־שרייבער: זייַנע לידער זענען געוואָרן בלאַסער, שוואַכער און די פּאָעטישע שעפע־רישקייט איז כמעט אויסגעטרוקנט געוואָרן.

די אַמאָליקע יידישע פּרעסע איז, וואָס שייך מאַטעריעלע מעגלעכ־קייטן, נאָך נישט געווען אויף אַזאַ מדרגה ווי זי שטייט איצט. און שאַר־קאַנסקי האָט געמוזט זוכן זייטיקע פאַרדינסטן. איז ער געוואָרן אַ „פּרעס־אַגענט", אַ „פּובליסיטי"־שרייבער פאַרן טעאַטער, פאַר באַזונ־דערע שוישפּילער און מסתמא אויך, פאַר אינסטיטוציעס און אָרגאַ־ניזאַציעס.

עטלעכע פון אונזערע איצטיקע עלטערע דיכטער האָבן זיך שוין דערשלאָגן צו „פּובליסיטי־דזשאָבס," ווער ביי אַ יוניאָן, ווער אין אַן אינסטיטוציע. אַ פּאָר יונגע דיכטער האָט שוין דאָס „פּובליסיטי"־מזל אויך צוגעשפּילט, אָבער אַ סך אַנדערע יונגע פּאָעטן זיצן און וואַרטן אַז אויך זיי זאָל טרעפן דאָס דאָזיקע גליק, דורך וועלכן זיי האָפן צו געפינען אַן אויסוועג פון זייער שווערער מאַטעריעלער לאַגע.

נישט דאָס אָפּשאַצן די דיכטערישע קוואַליטעט פון די יונגע אַמע־ריקאַנער יידישע דיכטער מיט פערציק־פופציק יאָר צוריק איז געווען מיין ציל, — און איך האָב דאָס טאַקע נישט פּרובירט צו טאָן—נאָר צו מאַכן אַ פאַרגלייך צווישן דער לאַגע פון דעם יונגן יידישן דיכטער אין אַמעריקע — אַמאָל און איצט. מיין איינדרוק איז, אַז ס'האָט זיך

גאַרנישט ניט געביטן, און אויב יאָ — איז צום ערגערן.

מיט יאָרן און יאָרן צוריק האָט געלעבט אַ מענטש, וועמעס אַ פּראָזע ס'ווערט נאָך גענוצט ביזן היינטיקן טאָג. ביי אַ גרויסער געשעע־ניש אין זיין לעבן האָט יענער מענטש אויסגערופן:

„און עס באַוועגט זיך פאָרט!"

איז עס טאַקע אַזוי?

בנימין טײַטלבוים

איטשע מאיר װײַסנבערג

(שטריכן צו זײַן כאַראַקטער)

1

ער איז געװען דער אײנציקער שריפטשטעלער בײַ אונז, װאָס האָט אַזױ װאונדערלעך אָנגעהױבן און אַזױ טראַגיש פאַרענדיקט! דער אײנציקער, װאָס האָט אַזױפיל בײז בלוט אַרױסגערופן, זיך אַזױפיל שונאים געמאַכט אַפילו צװישן די, װאָס האָבן אים קײן שונאים נישט געקאָנט און נישט געװאָלט זײַן!

איצט, נאָך זײַן טױט, װעלן אַ סך פון אונז רעװידירן אונזער באַציאונג, דעם פּסק דין, װאָס מיר האָבן אױף אים אַרױסגעטראָגן. אַ סך פאַרביטערונג װעט איצט אָפּפאַלן. מען װעט איצט אָנהײבן דערפילן און אײנזען װי אומגערעכט מען איז אָפט געװען צו אים, אָט דעם שטאַמלענדיקן מאַרטירער פון דער ײדישער ליטעראַטור.

2

װײַסנבערגן איז באַשערט געװען צו קומען אין דער ליטעראַטור אין יענער גליקלעכער צײַט, װען יעדער געקומענער איז אױפגענומען געװאָרן מיט פרײד און דערװאַרטונג, װען יעדע נײַע זאַך איז געװען אַ געשעעניש! אװעק אָבער איז ער אין אַ צײַט װען קײן זאַך, אַפילו די סאַמע גרעסטע, איבערראַשט נישט מער, װען סאַי די ליטעראַטור און סאַי דער שרײַבער, זענען אײנזאַם, פאַרלאָזן, װען עס דאַכט זיך אַז קײנער באַדאַרף נישט, נישט דעם שרײַבער און נישט זײַן װערק!

אָט אין דעם צװישן פון די צװײ עקסטרעמען, אין דעם פרילינג פון זײַן קומען, און אין דעם פראָסטיקן װינטער פון זײַן אַװעקגײן, ליגט, דוכט מיר, אײנס פון די שליסעלעך, װאָס פירן צו דער טראַגעדיע: איטשע מאיר װײַסנבערג!

לאָמיר געדענקען! װײַסנבערג איז דאָך געקומען אין דער ליטעראַטור אַרום 1904. דאָס איז דאָך געװען דער סאַמע פרילינג אין

מאָדערנעם יידישן שאַפן. צווישן די יידן אין דער אַמאָליקער רוסי־שער אימפּעריע האָבן געווירקט עטלעכע גרויסע ליטעראַטור צענטערן. אין וואַרשע אויפן ליטעראַרישן טראָן איז געזעסן פּרץ! אין קיעוו — שלום עליכם. אין אָדעס האָט געלעבט מענדעלע, דער זיידע! און אַרום יעדן פון די דריי קלאַסיקער האָבן זיך באַוועגט גרופּן שריפט־שטעלער ווי שטערן אַרום זונען. ליטעראַטור איז דענצמאָל געווען אַ וואָרט פאַר זיך אַליין. מען האָט נאָך דעם דאָזיקן וואָרט נישט גע־מאָסטן מיט דער מאָס פון „סוקסעס", מיט דעם געשמאַק פון דער גאַס. אדרבה, די גאַס און די פירער פון דער גאַס, האָבן דענצמאָל נאָך געקוקט אַרויף! זיי האָבן געזוכט זיך צו דערהייבן צו דעם וואָרט און געשמאַק פון אמת'ן וואָרט־קינסטלער, צו דעם געשמאַק פון וואָרט־באַשאַפער. אָט, אין דער אַטמאָספערע האָט ווייסנבערג געשטעלט זיינע ערשטע טריט און אין דער לופט האָט ער אָנגעהויבן קינסטלע־ריש אָטעמען. איז געקומען די מלחמה! פּונקט ווי אין גאַנצן לעבן איז אין דער ליטעראַטור אויך פאַרגעקומען אַן איבערקערעניש! דעם טראָן פון קינסטלער האָט פאַרנומען דער פלינקער פען־מענטש, דאָס אָרט פון וואָרט־מייסטער, פון ווערטן־שאַפער, האָט פאַרכאַפּט דער וואָרט־פלעכטער, דער פאַרשוין, וואָס איז געקומען אָן אַ גאָט און אָן אַ גלויבן, נאָר בלויז געניסן די סעודה פון קינסטלערישן מזבח.

אין אָט דער דאָזיקער איבערקערעניש איז ווייסנבערג צעטומלט געוואָרן. וואָלט ער געווען זיין אַ ייד פון שטאָט, אַ מענטש, וואָס קאָן זיך גלייך געפינען אין יעדער סיטואַציע, איינער, וואָס איז פּייאיק זיך צוצופּאַסן, ווי אַנדערע קינסטלער אונזערע, וואָלט ער מסתם ווייטער געווען אָנגעגאַנגען מיט זיין אויסהאַמערן פיינע סקולפּטור־פיגורן פון דעם אָרעמען יידישן לעבן אַרויס. איז אָבער ווייסנבערג געווען אַן עכטע נאַטור, אַ פּרימיטיווער פויער, אַ יונג, וואָס האָט אַ גאַנץ לעבן געשטעקט אין די רויע יוכטן. פון וואַנען ער האָט אַרויסגעשטאַמט, האָט ער דעריבער נישט געקאָנט און נישט געוואָלט וויסן פון קיין צו־פּאַסן זיך, פון קיין בייגן זיך. פּונקט ווי אַן אומבאַרירטער געזונטער בוים האָט ער געקאָנט אָדער צעבראָכן ווערן אָדער שטיין בלייבן אומ־באַרירט! געשען איז מיט אים, צו אַלעמענס אומגליק, דאָס ערשטע. ער איז צעבראָכן געוואָרן, קינסטלעריש און פיזיש צעבראָכן געוואָרן.

פאַר אַזאַ קינסטלער ווי ווייסנבערג האָט געקאָנט געמאָלט זיין אַן אַנדער אויסוועג פון דער מלחמה איבערקערעניש, אָט פון דעם אָנגע־לויף פון „קולטור־מאַכער" אָדער, ווי ער האָט זיי פאַר מיר אָנגערופן: „קולטור דאַווערגער". ער, וואָס האָט די אָנגעלאָפענע „קולטור־טוער" אַזוי פיינט געהאַט, האָט באַדאַרפט קאָנען ווערן דער, וואָס זאָל

מיט א גרויסן בעזים פארשארן די געלע, אָנגעפלויגענע בלעטער, צו־ריק אויפבויען דעם צעבראָכענעם צוים און ווידער אוועקשטעלן די לי־טעראַטור אויף יענעם פעדעסטאל, פון וועלכן מען האָט זי אראָפּגע־וואָרפן.

האָט אָבער דער פרימיטיווער וויסנבערג צו דעם קיין כח נישט געהאַט! ווארים צו אַזא ארבעט איז שוין נישט גענוג געווען דער בלויזער טאלענט, אפילו עכטער, קרעפטיקער טאלענט, מיט וואָס ער איז אזוי געבענטשט געווען. צו דעם האָט מען שוין געדאַרפט האָבן דאָס, וואָס ער האָט אזוי ליידנשאַפטלעך פאראייניגט: קולטור, וויסן, און אויך די געבענטשטע פייאיקייט צו קאָנען אָפּקלייבן גרין פון געל... געזונט פון ווערעמדיק, נישט ווי ער, צענויפווארפן אלץ אין איין קופּע און פארהאַסן, ליידנשאַפטלעך פארהאַסן!

ווי געזאָגט, וויסנבערג האָט דעם געבענטשטן כח נישט פאר־מאָגט. דעריבער איז ער אין דער צעטומלעניש אזוי פארווירט גע־וואָרן. און דעריבער טאַקע איז פון דער פארווירעניש געוואָרן כעס, פון כעס — האַס, אַט דער האַס, וואָס האָט סוף כל סוף, אים אליין אומ־געבראַכט!

3

איך האָב פריער געלאָזט פאלן א וואָרט: „שטאַמלענדיקער מאר־טירער״. איך וויל זיך צו דעם דאָזיקן וואָרט אומקערן, ווייל, מיר דוכט זיך, אז דאָ דאַרף מען זוכן נאָך א שליסעלע צו דער וויסנבערג טראַגעדיע.

„שטאַמלענדיקער!״ איך מיין נישט דערמיט צו זאָגן אז איטשע מאיר וויסנבערג האָט געשטאַמלט, דאָס הייסט פיזיש זיך זאַאיקעט. ניין! אויף דעם האָט ער נישט געליטן. כאָטש קיין גרויסער כוואַט אויף דער צונג איז ער קיינמאָל נישט געווען. פארקערט, הערנדיק אים רעדן, האָט זיך שטענדיק געדאַכט אז ער האָט נישט קיין צונג, נאָר עפּעס א ביין שטעקט אים דאָרטן אין מויל, א ביין, וואָס לאָזט זיך נישט קיין בייג טאָן! ווי פאטעטיש, אפילו ווייטיקדיק מען פלעגט זיך פילן, בעת ער, דער פול־בלוטיקער קינסטלער, פלעגט זיך פארהאַקן ביים ארויסברענגען א פשוט'ן געדאַנק. עס פלעגט זיך דאַכטן אז די ווערטער בלייבן אים שטעקן אין קעל און ווילן נישט ארויס.

וואָס איך מיין דאָ יאָ צו זאָגן איז, אז וויסנבערג איז געווען א שטאַמלענדיקער אויפן געדאַנק.

ווי יעדער עכטער קינסטלער האָט ווייכנבערג געטראַכט אין ביל־דער. ער איז אָבער נישט געווען געבענטשט, ווי אַנדערע עכטע קינסטלער,דער געדאַנק זאָל ביי אים אויפקומען צוזאַמען מיטן בילד! ביי ווייסנבערגן האָט דאָס אַרויסטויכענדיקע בילד פיל פלינקער זיך אָפּגע־שפּיגלט אין זיין קינסטלעריש אויג, איידער דער געדאַנק זיינער האָט געקאָנט נאָכקומען און עס דערכאַפּן. און אפילו דער געדאַנק אַליין איז אויך געקומען צו אים פיל פלינקער איידער דאָס וואָרט מיט וועלכן ער האָט געדאַרפט דעם געדאַנק אַרויסברענגען.

בלינדע, אָדער יענע, וואָס האָבן צו ווייסנבערגן געהאַט אַ בטול באַציאונג, האָבן געקאָנט מיינען אַז דאָס פאַרהאַקן זיך קומט פון אי־בערלעבער פּוסטקייט, פון נישט האָבן וואָס צו זאָגן. געווען איז עס אָבער פאַרקערט! דאָס פאַרהאַקן זיך איז גראָד געקומען צוליב דעם, וואָס אין ווייסנבערגן איז פון איין זייט אָנגעגאַנגען אַ טיף, קרעפּטיק און רייך בילדלעך לעבן און פון דער אַנדערער זייט אַ פּאַוואָליעדיק, שווער טראַכטן. פון אָט דער אומבאַלאַנסירטקייט פון געדאַנק און בילד, פון דעם וואָס דער געדאַנק־אַפּאַראַט, און נאָך וויניקער דער שפּראַך־אַפּאַראַט, האָבן נישט געקאָנט אָניאָגן און אַרויסברענגען דאָס געזעענע, נעמט זיך, דוכט מיר, אַ סך פון זיין פאַרביטערטקייט און געוויס זיין אומצוטרוי און אפילו מורא, פאַר יעדן פלינק־צינגלדיקן, פאַר דעם, וואָס קאָן מיט רייד צעגויפּפירן אַ וואַנט מיט אַ וואַנט.

פון ווייסנבערגס אומבאַלאַנסירטקייט פון געדאַנק און בילד נעמט זיך אויך די סיבה, וואָס ער, דער גרויסער סקולפּטאָר פון דער קליינער נאָוועלע, האָט צו קיין ברייטע לייוונטן נישט געקאָנט דערגיין!

עס איז דאָך מערקווירדיק ווי גרויס ווייסנבערג איז געשטיגן אין אַזאַ קליינער סקיצע, ווי „דער קיטל”, אָדער אין אַזאַ דערציילונג ווי „אַ שלעכטע פרוי” און ווי אונטערגעהאַקט עס זענען זיינע קינסטלערי־שע פליגל אין זיין לעצט, ברייט פּערמאַסטן ווערק: „אין דער טיפער אייביקייט”!

די טיפע מחלה זיינע, די פּאַוואָליעדיקייט, די שווערקייט פון טראַכטן, האָט זיך אים געלייגט ווי אַ בלייענע משא און אים נישט גע־לאָזט צענעמען די פליגל. צו אַ קליינער זאַך האָט ווייסנבערגן גע־נוגט דאָס סקולפּטאָרישע העמערל, מיט וועלכן ער האָט אַזוי מייסטע־ריש געאַרבעט. צו ברייט פּערמאַסטענע לייוונטן אָבער דאַרף מען חוץ דעם העמערל אויך פאַרנעם, שוואונג פון געדאַנק, וויזיע און—אידייע! און דאָס, צו אונזער גרויסן שאָדן, האָט ווייסנבערג נישט געהאַט! וואָרים ווען ווייסנבערג וואָלט צו זיין גרויסן סקולפּטאָר טאַלענט אויך געהאַט די געבענטשטע באַגאַבונגען, וואָלט זיין „קריינדעלע” אָן ספק

דערגרייכט די שפּיצן פון דער גרעסטער טראַגישער געשטאַלט אין יע־דער ליטעראַטור, נישט נאָר אין אונדזערע. זי וואָלט דענצמאָל גע־וואָרן די פאַרקערפּערונג פון דער אייביק אונטעריאָכטער, אייביק פאַר־געוואַלדיקטער פרוי! אַזוי אָבער איז קריינדעלע, מיט דער גאַנצער קינסטלערישער דערגרייכונג, וואָס אין איר, געבליבן—אין זשעליכאָוו! און אַפילו זיין שטעטל, וואָס איז אַזוי אָנגעלאָדן מיט קראַפט און בילד, ליידט אויך עפּעס פון אַן אַנעמיע אין געדאַנק און וויזיע. אַט יענע אייגנשאַפטן, וואָס וואָלטן געקאָנט דאָס ווערק ארויסהייבן פון זשעלי־כאָווער גדר און עס מאַכן אוניווערסאַל, וועלט!

4

פון די צוויי אייגנשאַפטן, דאָס נישט קאָנען זיך צופּאַסן און דאָס אומבאַלאַנסירטקייט פון געדאַנק און בילד, שטאַמט די שפּיציקייט, די קרומקייט פון וויסנבערגס האַס. בלויז די שפּיציקייט! דער האַס אליין האָט געהאַט אַנדערע, מער נאַטירלעכע קוואַלן פון וואָס זיך צו נערן.

אַז מען שיילט אַוועק די קרומקייט, וויסנבערגס אומגעלומפּערטע אַנפאַלן, זיין נטיה צו פאַרוואַרפן און פאַרלייקענען יעדן איינעם און מען טראַכט זיך אריין אין תוך פון זיינע טענות, זעט מען אַז ער איז גאַרנישט אַזוי אומגערעכט געווען. די גרונט טענה, וויסנבערגס, איז דאָך געווען, אַז אונזער ליטעראַטור איז דערנידעריקט געוואָרן! אַז א חברה „קולעטוע דרייע” האָבן זי אראָפּגעשלעפּט פון איר גדולה און אַז צוליב די דאָזיקע קולטור דרייער האָבן אמתע שרייבער אויפגע־הערט זיך צו צוהערן צו זייער אינווייניקסטער שטים. נאָר האַלטן שטענדיק ס'אויער געווענדט צו דער גאַס און צו די „קולעטוע־דרייע”, וואָס זענען געוואָרן די הארן פון דער גאַס! אַז צוליב דער דאָזיקער גאַס האָבן שריפטשטעלער אָנגעהויבן מאַכן פשרות. האָבן אָנגעהויבן מישן טומאה מיט יראה! א האַלבן טאָג שטאָפּט מען דעם טרייפענעם האַלז פון דער גאַס מיט כל'ערליי טינוף און דעם אַנדערן האַלבן טאָג, נאָך דעם ווי מען האָט פון דער טינוף־אַרבעט פאַרדינט אויף א לאַבן ברויט, טוט מען צוריק אָן טאַגעס פון כהנים און מען נעמט זיך שאַפן הייליקייטן, קונסט, ליטעראַטור! און וויסנבערג, דער פּרימיטיווער פויער, האָט נישט געקאָנט מסיג זיין אַזאַ שטאָטיש דריידל! ער האָט נישט געקאָנט באַנעמען ווי אַזוי מען קאָן ווערן הייליק און ריין, נאָכדעם ווי מען האָט זיך אָפּגעגעבן מיט שונד, וואָס איז אייגנטלעך

ליטעראַרישער טינוף! און תירוצים האָבן דאָ ביי אים נישט געגילט. אפילו נישט דער פּרנסה תירוץ! פּונקט ווי ער האָט געהאַט דעם כח צו הונגערן, צו גיין אָפּגעריסן און נישט געוואָלט טאָן דאָס, וואָס האָט נישט געשטימט מיט זיין אינערלעך וועזן, אַזוי האָט ער געוואָלט אַז אַלע שרייבער, ווייניקסטנס די אמת'ע שרייבער, זאָלן האָבן די גבורה אָפּצוזאָגן זיך פון אַלץ, וואָס די גאַס קאָן געבן און נישט טאָן דאָס, וואָס דערנידעריקט זיי און די ליטעראַטור צוזאַמען מיט זיי!

קיינער קאָן נישט לייקענען, אַז עס איז דאָ אַ גרויסער אמת אין די טענות! אוודאי, ווען ווייסנבערג וואָלט די דאָזיקע טענות אונטערגעטראָגן ווי אַ „ציוויליזירטער" מענטש, אין זיידענע „האַנטשו", מיט אַ פּאַרציע פאַרשווייגעניש, מיט אַ טעלערל אומדערזאָגעניש, און וואָלט ער נאָך געווען געהאַט דעם „ציוויליזירטן" טאַקט נישט אָנצורופן קיין נעמען, נישט פון קיין מעשים און נישט פון קיין מענטשן, נאָר ער וואָלט געווען גערעדט גלאַט אין דער וועלט אריין, וואָלט יעדער זיכער געהאַט מיט אים „סימפּאַטיע". מען וואָלט מיט אים מיטגעזיפצט. קיינעם וואָלט דענצמאָל נישט איינגעפאַלן אַז דאָס מיינט מען אים. יעדער וואָלט געטראַכט אַז דער „אַנדערער" איז דאָס שולדיק אין די פּרעניות'ן, וואָס זענען באַפאַלן די ליטעראַטור. איז אָבער ווייסנבערג געווען אַן אומגעהובליעוועטער פויער. און אַ פויער טראָגט נישט קיין זיידענע „האַנטשו"! זענען דעריבער זיינע טענות געוואָרן פערזענלעכע אָנפאַלן! דערצו זענען נאָך געווען גענוג מענטשן, וואָס זענען צוליב פאַרשיידענע טעמים אויסן געווען די דאָזיקע תוכ'יקע טענות זאָלן בלייבן אין זייער שטאַמלענדיקער פאָרם, זיי זאָלן נישט קלאָר ווערן און ער, דער שטאַמלענדיקער מאָנער, זאָל פאַרשריגן ווערן פאַר אַ נודניק, אַ משוגענעם, וועמען מען קאָן איבער קיין מענטשלעכער שוועל נישט אריבערלאָזן. מען האָט נישט געוואָלט איינזען אַז צוליב דער ריינקייט פון דער ליטעראַטור, וואָס ער מאָנט אויך אַנדערע זאָלן אָפּהיטן, גייט ער אַליין אויף די גרעסטע קרבנות! מען האָט נישט געוואָלט געדענקען, אַז צוליב דעם כסדר'דיקן מאָנען האָט ער דאָך זיך אַליין פאַרגעסן. מען האָט אים באַהאַנדלט, ווי די בירגערלעכע וועלט באַהאַנדלט יעדן מאָנער, יעדן רו־שטערער, אפילו ווען מען זעט איין אַז צוליב דעם מאָנען, צוליב דעם האַס, ווערט ער אַליין פאַרצערט און אויפגעגעסן! אפילו דעם קרבן האָט מען נישט אָנגענומען פון אים מיט דעם געהעריקן כבוד, נאָר מען האָט אים פאַרלאַכט און אים באַדויערט מיט יענעם זיפצעלע, וואָס איז אַזוי אייגן דעם זאַטן, זעלבסטצופרידענעם קליינבירגער!

5

האַס, פּונקט ווי ליבע, איז אַ פאַרבלענדנדיקער כח. בפרט דער האַס פון אַ רויער נאַטור, אַן עמאָציאָנעלע, אַ נאַטור ביי וועמען דער קלאָרער געדאַנק קריכט אויף קוליעס בעת די עמאָציע שוועבט אין דער לופט. אַזאַ נאַטור, ווען זי ווערט באַהערשט פון האַס, קאָן זי שוין נישט זען, קאָן זי שוין נישט אונטערשיידן רעכט פון אומרעכט! אַזאַ נאַטור קאָן אויך נישט שמייכלען, גוטמוטיק שמייכלען, וואָס מיינט שטענדיק דן זיין לכף זכות. אַזאַ נאַטור וויל נישט וויסן פון קיין רחמים, נאָר פאָדערט שטענדיק הארטן, אומרחמנותדיקן דין!

און אַזאַ נאַטור איז דאָך געווען ווייסנבערג! האָט זיך אים איינמאָל אויסגעוויזן אַז אין דער ליטעראַטור דערהנידערונג זענען שול־דיק ליטוואַקעס, איז ער שוין אויף אייביק פאַרבלענדט געוואָרן פון דעם דאָזיקן האַס און יעדער געמיינקייט צוגעשריבן די ליטוואַקעס.

און געקומען איז די פאַרבלענדעניש פון יענער בהלה, וואָס עס האָבן מיטגעבראַכט די אָנגעפלויגענע קולטור־מאַכער פון דער צעטרי־בענער קולטור ליגע אין קיעוו.

אין דעם רויך, וואָס איז דענצמאָל אָנגעשטאַנען ארום דער „קולעטוע”, האָט ווייסנבערג, מיט זיין געזונטן חוש דערשמעקט, ווען די אמת׳ע קולטור, די ליטעראַטור, דערשטיקט ווערן. ווי יעדער עכ־טער קינסטלער האָט ער געפילט אַז קולטור, אמתע שאַפונג, קאָן נישט געדייען אין קיין באַוועגונג. באַוועגונג, גאַסן־געשריי, קאָן נאָר צור־רויבן ביי דעם פּשוט׳ן פּאָלקס־מענטש זיין שעמעוודיקייט, זיין אומ־שולדיקע נאַאיוויטעט, צוריקגעבן אים פאַר די דאָזיקע וואונדערלעכע אייגנשאַפטן קאָן די באַוועגונג נאָר חוצפּה, זיכערקייט אין זיך און, גאַנץ אָפט, אויך גראָבקייט! און ווייסנבערג האָט גראָד געשעצט די צניעות׳דיקייט און שעמעוודיקייט פון דעם לייענער, יענער לייענער, וואָס טראָגט דעם שרייבער ווי אַ גאָט אין הארצן, נישט דער ניי־אויפ־געקומענער, אין דער „קולעטוע” אויסגעבריטער, וואָס קומט מיט חוצפּה דיקטירן דעם שרייבער!

און ווייל די שרייבער האָבן נישט אונטערגעהאַלטן זיינע שטאַמ־לענדיקע טענות, נאָר זיך צוגעפּאַסט צו די „קולעטוע־דרייע”, האָט ער אויך די שרייבער אָנגעהויבן פאַרהאַסן און זיך אריינגענומען אין קאָפּ אַן אידייע פיקס פון אָפּגרענעצן זיך און אָנהייבן אַלץ פונדאַסניי! שאַ־פן אַ נייע, אַן אייגענע ליטעראַטור! אַנטוויקלען אייגענע, נייע שריי־

בער, מיט אן אייגענעם, ביי אונדז אזוי פארלאכטן, „זשעליכאָווער אויסלייג!”

כאָטש אויך דאָ, ווען מען שיילט אוועק די קרומקייט און מען הייבט ארויס די טענה פון איר שטאמלדיקייט, זעט מען איין אז ער איז אין תוך גערעכט געווען! דער „זשעליכאָווער אויסלייג” איז דאָך געווען זיין אומבאהאָלפענער, זיין שטאמלדיקער פראָטעסט קעגן יענע לייטלעך מיט די „שארפע צינגלעך”, וואָס שפּראַך איז ביי זיי אַ טויטע זאַך, יענע חברה, וואָס האָבן נישט קיין אויער און נישט קיין האַרץ, די לייט, וואָס וואָרצלען אין ערגעץ נישט, וואָס זייער גאנצער אוצר איז אביסל נישט פאַרדייעט וויסן פון די שקאָלעס ארויס! און אָט, מיט דעם דאָזיקן אוצר זייערן, צעלאָזן זיי זיך איבער דעם אָפּגעלאָזטן גאָרטן פון אונזער ליטעראַטור און נעמען שניידן און האַקן און איינפירן שפּראַך פּאַראַנדקעס, וואָס זענען פרעמד דעם סאַמע וועזן פון אונזער פאָלקס-לשון!

איך שטעל מיר פאָר, ווען דער זעלבער ווייסנבערג וואָלט צו זיינע געזונטע חושים, צו זיין וואונדערלעכער אייגנשאַפט פון דערפילן עכט־קייט, אויך געווען באוואָפנט מיט וויסן און מיט דער געבענטשטער פיאיקייט די טענות זיינע קלאָר צו מאַכן, זיי צו באַגרינדן, ווי גרויס וואָלט געווען זיין ווירקונג, און וואָסער אנדער פּנים וואָלט ער ביי אונז געהאַט! איז ער אָבער פאַרשאָלטן געווען מיט אַ געראַנקען־שטאַמ־לעניש, זענען די גרויסע אמת׳ן ארויסגעקומען אומבאהאָלפענע, צע־קריפּלטע און אים, דעם דאָן־קיכאָט פון די אמת׳ן, געמאַכט צו טראַגיש געלעכטער!

6

איך האָב פריער דערמאָנט: „אייגענע שרייבער”. אויך דאָ איז ווייסנבערגן באַשערט געווען אויסגעלאַכט צו ווערן גראָד צוליב אַ פונ־דאַמענטאַלער נויטיקייט אין יעדער ליטעראַטור, בפרט אין אונזערער!

ווייסנבערגס געזונטער דראַנג ארויסצופירן יונגע שרייבער איז ביי טייל פון אונז אויסגעטייטשט געוואָרן ווי אַ פשוט געלט-געשעפטל. ווייסנבערג, וואָס האָט צוליב זיינע מלחמות זיך אָפּגעזאָגט פון אַלץ צו וואָס אַ לעבעדיקער מענטש איז בארעכטיקט, זאָל הייסט עס האָבן אויסן געווען צו כאַפּן געלט! ביי וועמען? ביי די ארימע, אָפּגעריסענע, אָפּט פאַרהונגערטע יונגע־לייט, וואָס זענען געקומען קיין ווארשע בלויז מיט זייער ביסל שרייבערישן טאַלענט אָדער טאַלענטלאָזיקייט!

ווידער ווייסנבערגס גורל! מען האָט דאָ נישט געקאָנט אָדער

נישט געוואָלט איינזען אַז ווייסנבערג וואָרצלט אין דעם פּרץ־פּעריאָד, ווען עלטערע שרייבער, בפרט פּרץ און דינעזאָן, האָבן אַחריותדיק גע־זאָרגט פאַר אַ יונגן שרייבער. מען האָט אויך נישט געוואָלט איינזען ווייסנבערגס אידייע, אמת אַן אידייע־פיקס, אָבער ער האָט דאָך אין איר געגלויבט מיט אַלע זיינע נשמה־פיבערן, די אידייע פון אָנהייבן אַ ליטעראַטור פון דאָס ניי! פון אויסבריען נייע שרייבער, נישט קיין איבערגעפירטע, אַזעלכע, וואָס זאָלן זיך נישט געפינען אונטערן איינ־פלוס פון די „ליטוואַקעס"!

וועגן ווייסנבערגס „געלט־אינטערעס" אין יונגע שרייבער ווען, גלויב איך אַ סך יונגע שרייבער האָבן וואָס צו דערציילן. איך וויל דאָ דערציילן פון מיין באַגעגעניש מיט אים.

איך בין געקומען קיין וואַרשע אָנהויב 1933. אין פּאַריז האָט מיר עוזר וואַרשאַווסקי, איינער פון ווייסנבערגס אַרויסגעפירטע שריי־בער, מיטגעגעבן אַ בריוו צו ווייסנבערגן. וואָכן נאָכאַנאַנד האָב איך אַרומגעטראָגן דעם בריוו און נישט געקאָנט זיך דערפרעגן צו ווייסנ־בערגן. אַז ס'ה האָט דער דאָזיקער טראַגישער קינסטלער אונזערער דענצמאָל גאָרנישט געהאַט קיין אַדרעס. געדאַרפט האָט ער דענצ־מאָל „וואוינען" אין אָטוואָצק. איז דאָס „וואוינונג" אָבער געווען אַזאַ חורבה אַז אפילו ווייסנבערג האָט נישט געוואָלט עמעץ זאָל די דאָ־זיקע „דירה" זען!

איינמאָל קום איך אַריין אין וואַרשעווער ליטעראַטן פּאַראיין, וואָס אויף טלאָמאַצקע 13, קומט מיר אַנטקעגן די באַלעבאָסטעס פון לאָקאַל, אַ שוואַרצע, פאַרביטערטע יידענע, און זאָגט מיר אַן די בשורה אַז ווייסנבערג וואַרט אויף מיר.

איך טו אַ קוק און מיר ווערט פינצטער אין די אויגן! אַזוי אַרום האָב איך זיך ווייסנבערגן קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט!

אַ מענטשל מיט אַ פּאָר ביטערע, קאָלמיקישע איינגעלעך, מיט צוויי שפּיציקע באַקן־קנאָכן, אין אַ רונדיק קאַפּעליושל, אַ פּלאַטשיקס, וואָס וואַרשעווער וואָוילע יונגען פלעגן טראָגן ווען איך בין נאָך געווען אַ קליין ייִנגעלע. ס'פּאָלטנדל זיינס איז אויך עפּעס אַזאַ „זאַלעפּאַטס־קע" מלבוש'ל, מיט אַן אויסגעריבן סאַמעטן קעלנערל און שטאַמט אויך פון יענע ציטן. די נאָגעוויצעס פון זיינע הויזן האָבן מיך גאָר דער־שלאָגן! און די שיך! קיין לעבעדיק, אָפן מויל קאָן נישט אַזוי שרייען געוואָלט ווי ווייסנבערגס דעמאָלסטדיקע שיך האָבן געשריגן מיט זייערע געעפנטע נאָסקעס! און אָט דער דאָזיקער פאַרשוין אין דעם הולך, טראָגט אַ טעקע, עפּעס אַן אַלטער אויסגעריבענער לעדער־

נער בייטל, אונטערן אָרעם, ווי אַ פּאַרצייטיקער בוכהאַלטער אָדער אַן ארויסגעוואָרפענער דעפּוטאַט פון פּוילישן סיים.

איך האָב יענעם מאָמענט איבערגעלעבט אַ טאָפּלט געפיל. פון איין זייט: וויסנבערג! פּאַרט ס'ערשטע מאָל ווי איך יע דעם שעפער פון „קריינדעלע", פון „קיטל", פון „טאַטע מיט די בנים" און די אַלע אַנדערע, קרעפטיקע דערציילונגען. פון דער אַנדערער זייט: וויסנ־בערג אין אַזאַ הולך!

דערפאַר אָבער האָב איך וויסנבערגן לחלוטין נישט אינטערע־סירט! און דאָס האָב איך געפילט מיט יעדן חוש. פאַר אַן אַמערי־קאַנעם, אין פּוילן, איז אַזאַ באַציאונג באמת געווען אויסער געוויינלעך! דאָס האָט מיר גלייך געזאָגט אַז מיין אַמעריקאַנער אַנצוג, מיין וואַרע־מער מאַנטל, אפילו מיין אַמעריקאַנער פּאַספּאָרט, זענען קנאַפּע מיור־חסים אין וויסנבערגס אויגן.

איך האָב גענוג צייט געהאַט דאָס אַלץ איבערצוטראַכטן. וואָרים ווי נאָר איך האָב אים איבערגעגעבן דעם בריוו האָט זיך וויסנבערג גע־טאָן אַ זעץ אויף אַ שטול, מיר אפילו נישט געזאָגט: „היינט, טייוול, אַנטשולדיקט, אָדער אַ דאַנק", נאָר זיך גענומען לייענען און נישט ווי אַ שטאָט מענטש, וואָס טוט אויף גיך אַ פאָר מיט די אויגן, אי צו שטילן דעם אייגענעם נייגיר, אי נישט צו באַליידיקן דעם ברענגער, וואָס שטייט דאָך און וואַרט עפּעס אויף אַ וואָרט, נאָר ווי אַן אמת־ער פּויער, לייענען פּאַוואָליע, מיט אַ טאָלק און דערביי פאַרזיכטיק צעקייען גענוי אַלץ, וואָס דאָרטן שטייט געשריבן!

ענדלעך האָט זיך וויסנבערג אומגעקוקט אויף מיר. און דאָס אויך נישט ווי געוויינלעך אַ מענטש, וואָס באַגעגנט אַ יונגערן שריי־בער און פרעגט אים אויס צי ער שרייבט שוין לאַנג, וואו ער האָט גע־דרוקט. ניין, וויסנבערג האָט נישט געהאַלטן פון אַזעלכע פרעגע־נישן. ער האָט נאָר בלויז מיך אָפּגעמאָסטן עטלעכע מאָל, ווי אַ פּויער מעסט אָפּ אַ שטאָטישן מענטש צו זען צי ער מעג אים שענקען זיין צוטרוי. דערנאָך האָט ער געגעבן אַ זאָג — „מנע" ווי ער וואָלט אַ קרעכץ געטאָן, זיך אויפגעשטעלט פון דער שטול און אַ זאָג געטאָן פּראָסט גלייך:

— ני, קימיץ לאַינען!

מיר האָט דער זאָג געקלונגען ווי: „קומט וועל איך אייך אויפהענ־גען"! וואָרים, ערשטנס האָב איך זיך נית פאַרגעשטעלט איך זאָל אליין דאַרפן פאַר אים פאַרלייענען. איך האָב זיך פאַרגעשטעלט אַז ער וועט נעמען מיינס אַ זאַך, וועט זי איבערלייענען און שפּעטער מיר

זאָגן אַ פּאָר ווערטער. דאָ גאָר וויל ער איך זאָל אַליין לייענען! און וואו? אַט דאָ, אין דעם זאַל, וואו ביי יעדן טיש זיצן שרייבער מיט פאַרשנדע אויגן סאַי אויף מיר דעם פרעמדן, דעם אמעריקאַנעם, וואָס איז אוודאי געקומען מיטן זכות פון דאָלאַרן זיך קויפן אַ שטאַט אין דער ליטעראַטור, סאַי אויף אים, ווייסנבערגן, וואָס ווייכט אַזוי פון פאַראיין און דאָ איז ער פּלוצים דאָ!

מיך האָט שוין פאַרדראָסן וואָס איך האָב זיך געלאָזט צו רעדן פון וואַרשאַווסקין זיך צו זען מיט ווייסנבערגן. וואָס בין איך אַ יונגע־לע, וואָס קום זוכן סמיכה? איך האָב געשטעלט מיינע ערשטע טריט אין אַמעריקע אָן סמיכה, וועל איך אין פּוילן אוודאי אויסקומען אָן דעם!

— ניין! האָב איך אַ זאָג געטאָן, איך וועל נישט לייענען!

ווייסנבערג האָט מיך אָפּגעמאָסטן מיט זיין קאַלט, קאַלמיקיש קוקעלע:

— יונגערמאַן, גיט לאַינען עס ניש העלפן אין שלאַכט לאַינען עס ניש קאַליע מאַכן!

אַלץ וואָס איך האָב געקאָנט פועלן ביי אָט דעם געניאַלן עקשן איז געווען איך זאָל כאָטש נישט דאַרפן לייענען דאָ, אין די אויגן פון אַזויפיל שרייבער. כאָטש ס'אַנדערע אָרט, אַ באַר, אין מיטן געקלונ־געריי פון געשיר, אין מיטן טומל פון ביר טרינקער, איז פאַר מיר אויך נישט געווען אידעאַל. ווייסנבערגן אָבער, וואָס האָט געקאָנט אין מיטן גהינום זיין מיט זיך אַליין, אים האָט דאָס אַלץ נישט אָנגעהויבן אָרן. ער האָט זיך אוועקגעזעצט ביי אַ טיש, אַרויסגענומען אַ פּאַרלאָשן שטיקעלע פּאַפּיראָס, וואָס האָט נאָך געקאָנט אים געבן „צוויי צי“, פאַרדרויכערט און אַ זאָג געטאָן: לאַינץ!

באַלד אין אָנהייב לייענען האָט מיר ווייסנבערג געגעבן צו פילן ווער ער איז!

ווי אַ נאָך נישט געניטער שרייבער האָב איך געפּלעגט אָנהייבן מיינס אַ דערציילונג מיט אַ מין פּראָלאָג. געוויינלעך פּלעג איך דעם דאַזיקן פּראָלאָג אוועקוואַרפן, ווי נאָר די דערציילונג איז געווען אָנגע־געהאַלטן! האָב איך אָנגעהויבן לייענען צום ערשט דעם פּראָלאָג. איי־דער איך לייען אָפּ אַ האַלב זייטל, טוט זיך ווייסנבערג אַ קער אין מיין זייט אַריין:

— אין ווּוס אי דוס? אַ מכה אויפן הויקער? וואַרפטס עס אוועק! לאַינץ די מעשה!

מילא, וואָסער טעם איך האָב דערפילט אין מויל נאָך אַזאַ ברוי־

טאלן זאג, קאן מען זיך פארשטעלן. ס׳גאנצע ביסל געמאכטע מוט מיט וואס איך האב אנגעהויבן לייענען איז אוועק. איך האב, נעבעך, איצט געהאט א קול אז ס׳איז געווען א גאטס רחמנות סאי אויף מיר און סאי אויף דער מעשה, וואס איך דארף מיט אזא קול אפקוילען.

איך האב געלייענט ווי לאמיך געמאך און כסדר געהאלטן אן אויג אויף דעם דארן, קאלמיקישן פנים. אזוי גיך ווי איך האב געזען אז זיינע שמאלע אייגעלעך פארמאכן זיך, האב איך געטאן ווי דאס פוילע פערד, וואס דערפילט אז דער אנטרייבער איז איינגעשלאפן. פונקט ווי דאס פערד האב איך זיך אויך אפגעשטעלט. ווייסנבערג האט גלייך געטאן א דריי אוים ס׳קעפל:

— לאַיינען! אז יעך היים ענק ניש אפהערן זאלט עץ לאַיינען!

נאך א דרייפערטל שעה אזוי אפדרימלען טוט ער זיך א גלייך אוים:

— ני, גנעניג! מארגן עט מ׳לאַיינען וואַטער!

אפגעזאגט די פאר ווערטער, ווערט ער שטום! מ׳זאל דאס הערן פון אים א צייכן: געפעלט אים? געפעלט אים נישט? שטילערהייט נעמט ער די טעקע:

— קימץ!

מילא, גייט מען! ער גייט און איך גיי. מ׳גייט ארויס פון באר. מ׳גייט איבער טלאמאצקע. מ׳גייט אריין אין ביעלאנסקע. אין נאלעווקעס! אין שווענטע יערסקע, אין וואלעווע. דא דארף איך שוין אוועקגיין און נעם זיך מיט אים געזעגענען. איז ערשט דא דערמאנט ער זיך, טוט א קרעכץ ארויס זיין „מנע" און נעמט מיר ענדלעך זאגן א פאר ווערטער סאי וועגן מיין שרייבן און סאי וועגן דער זאך. נאר דאס אלץ האט אויסגעזען ווי אן אריינפיר, וואס אין עצם איז עס נישט וויכטיק, וויכטיק איז אט וואס:

— אין ענק ווארן יעך, נישט אראף צי קימען דארטן אהין!

דערביי האט ער באנוצט זייער א שארף און דרייסט ווארט, סאי וועגן דעם פאראיין און סאי וועגן די שרייבער וואס נעסטלען אין דעם פאראיין!

ווייסנבערג איז דא זיך אליין געטריי געבליבן. פריער האב איך אים לחלוטין נישט אינטערעסירט, נישט מיט מיינע דאלארן און נישט מיט מיינע אמעריקאנישע יחוסן. איצט אבער, נאך דעם ווי ער האט זיך באקאנט מיט מיין שרייבן, האט ער שוין געקראגן צו מיר באַ־ציאונג. ער האט שוין געהאלטן פאר נויטיק מיך צו ווארענען קעגן די איינפלוסן, וואס ער האט געהאלטן פאר שעדלעך! ער האט שוין געזוכט אויסצושפרייטן איבער מיר זיינע פליגל, וועלכע זענען זיכער

געווען ערלעך אין זייער תוך, און מיך שיצן פון געשעדיקט ווערן.

מילא, דעם שמייכל, וואָס זיין וואָרנונג האָט אין מיר ארויסגע־רופן, האָב איך דאַכט זיך ווי געהעריק פאַרבאָרגן פון זיין שאַרף, דורכ־דרינגלעך, קאַלמיקיש כיטרע אויג. ער האָט דאַכט זיך נישט געאַנט אַפילו אַז איך באַטראַכט די האַזיקע וואָרנונג פאַר איבעריק, אַז איך האַלט זיך ווייט נישט פאַר דעם הילפלאָזן יינגעלע, וועמען מען קאָן מיט אַ וויש איבערן נעזל אראָפּפירן פון וועג! אָבער די פּאַטעטיש־קייט פון וויסנבערגס זאָרג, זיין מורא, זיין וועלן מיך שיצן, אָט די פּאַטעטישקייט האָט מיך גערירט און איך וועל זי קיינמאָל נישט פאַר־געסן!

איך האָב שוין דענצמאָל געוואוסט פון דער קלוגער תודה אַז וויסנבערגס ארומפירן זיך מיט יונגע שרייבער איז צוליב זייער קעג־שענע... איז מיר דעריבער קשה געווען וואָס מיין קעשענע איז אים אַזוי פרעמד. און לויט אַלע לאָגישקייטן וואָלט ער דאָך גיכער גע־דאַרפט וועלן ביי מיר נהנה זיין איידער ביי די אָרימע, אָפּגעריסענע, הונגעריקע פּראָווינצער יונגעליים, וואָס קומען ווערן שרייבער. נאָך אַלעמען בין איך דאָך פאַרט געווען אַן אַמעריקאַנער און עס וואָלט גאָרנישט געווען אַזאַ עולה ווען ער רירט מיך מיט עפּעס אָן! בפרט נאָך אַז ער האָט מיך „אָפּגעקויפט" מיט זיין „האַלטן" פון מיר, מיט זיינע וואַרעמע ווערטער, וואָס ער האָט מיר געזאָגט, נאָכדעם ווי איך האָב געלייענט פאַר אים די אַנדערע העלפט פון דער דערציילונג און, דער עיקר, פאַר זיינע אמת מייסטערהאַפטע אָנווייזונגען, וואָס ער האָט מיר, אויף זיין שטאַמלענדיקן אופן, געגעבן וועגן ליטעראַטור בכלל און וועגן דעם אופן פון פאַרשטיין מענטשן און זיי געשטאַלטן אין וואָרט! אָט, פאַר די אַלע גוטע זאַכן, וואָלט דאָך גאָרנישט גע־ווען אַזוי אויסערן וועג ווען ער זאָל געוועז זיך וועלן, אין זיין גרויסער נויט, באַנוצן אַמאָל מיט מיין קעשענע! צום סוף האָט זיך שטענדיק, ווען נאָר מיר האָבן זיך באַגעגנט אין ליטעראַטן פאַראיין, און דאָס איז געווען ווינציקסטנס דריי מאָל אַ וואָך אין לויף פון צען חדשים, אָפּגע־שפּילט די זעלבע סצענע.

וויסנבערג, מיט דער טעקע אונטערן אָרעם, איז אריינגעקומען אין פאַראיין, צוגעקומען צו מיין טישל, וואו איך בין געזעסן און גע־וואַרט אויף אים, אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, דערנאָך האָט ער ארויסגענו־מען פון דער טעקע אַ שטיקל דאַר, ראַזעווע ברויט, אַמאָל, אַמאָל, בלויז אין זעלטענע טעג אויך אַ שפּיצעלע דאַרן וואורשט, זיך געהייסן געבן אַ גלאָז טיי מיט איין שטיקל צוקער און זיך גענומען עסן זיין מיטאָג

מיט אזא וואונדערלעכער מנוחה, גלייך גאנץ ווארשע וואָלט געווען זיין אייגן! קיין איין מאָל האָב איך ווייסנבערגן נישט געקאָנט באוועגן ער זאָל זיין מיין גאסט און עסן מיט מיר מיטאָג! און די צייט פון מיטאָג עסן איז געווען די צייט ווען מיר האָבן זיך ביידע געקאָנט זען און פארברענגען א שעה צוויי צוזאמען!

די ערשטע צייט האָב איך צוליב דעם איבערגעלעבט פיינלעכע מינוטן! אָט זיץ איך ביי א מענטשלעך מאָלצייט, זופּ און עוף און קאָמפּאָט, און לעבן מיר זיצט א פריינט, וואָס איז מיר אזוי נאָנט, סאַי אלס קינסטלער און סאַי אלס עכטער, פּרימיטיווער מענטש, עסט זיין דאַר שטיקל שווארץ ברויט און וויל מיינס נישט אָנרירן! איך האָב אָבער אין גיכן איינגעזען אז איך דאַרף אויף ווייסנבערגן קוקן אנדערש ווי אויף אן אנדער מענטש אין אזא לאַגע. אן אנדערער וואָלט זיכער געלאָזט פילן אז ער ליידט, אז אים איז שלעכט און אז ער פאַרדינט מיטלייד, אויב נישט מיט-הילף! ער אָבער, ווייסנבערג, עס זאָל אים דאָס גאָר געווען אַרן מיין עוף מיט מיין זופּ! און נישט נאָר מיין מאָלצייט האָט אים נישט אינטערעסירט, נאָר אויך די פעטע מאָלצייטן פון די אלע שרייבער, די אלע פען־מענטשן, וואָס ער האָט אזוי פיינט געהאַט, האָבן אויך נישט עקזיסטירט פאַר אים! אויך זיי האָט ער נישט מקנה געווען זייערע טעפּ פלייש. און נישט פאַר דעם האָט ער זיי פאַרהאַסט! די פערטלען גענדזנס האָט ער פאַרגינען מיטן גאנצן האַרץ. ער האָט זיי נאָר פיינט געהאַט און זיי פאַרהאַסט פאַר די קאָמפּראָמיסן און פאַר דער אַרבעט, וואָס זיי טוען כדי צו האָבן די טעפּ מיט פלייש. און דאָס אלץ כאָטש ער האָט אזוי געהונגערט, ווי נאָך קיין שרייבער ביי אונז האָט נישט געהונגערט!

7

די זעלבע שרייבער, וועמען ער האָט נאַרוואַס אזוי פאַטערלעך געהאַלטן אונטער זיין שוץ, זיך געמיט פאַר זייערטוועגן, געזאָרגט זיי זאָלן האָבן א דאַך איבערן קאָפּ, די זעלבע שרייבער האָט ער געקאָנט פאַרטרייבן פון זיך מיט דער גרעסטער אכזריות אזוי גיך ווי זיי האָבן זיך נאָר גענומען אָפּקערן פון זיינע דרכים. און איין גאָט ווייסט אז עס איז שווער געווען מיט אים צו גיין אויף זיינע שפּיציקע, אומנאַטירלעכע וועגן! און נישט נאָר ער אליין האָט נישט געוואָלט האָבן קיין מגא ומשא מיט די אָפּגעקערטע, נאָר ער האָט אויך געפאָדערט פון זיינע פריינט זיך נישט אָנצוגעהערן מיט יענע!

צוליב דער דאָזיקער קרומקייט זיינער בין איך געקומען מיט אים

אין א שארפן צוזאמענשטויס צוליב וועלכן איך האב אונזער גאנץ פריינטשאפט געשטעלט אין קאן!

געווען איז עס אזוי. א לאנגע צייט האב איך געפלאנט צו מאכן פאר אים אן אוונט ביי מיר אין שטוב. יעדערסמאל אבער האט ער מיר אפגעזאגט. און דער אפזאג איז אלעמאל געווען צוליב דעם וואס ער דארף מיך מקרב זיין, ווייל איך בין דער גאסט. ענדלעך האט זיך אים איינגעגעבן צו האבן א צימער, איינגאנצן עפעס אויף צוויי חדשים, און ער האט געקאנט מיך פארבעטן צו זיך און מיט מיר פארברענגען אן אוונט ביי זיין טיש, ביי זיין ברויט און ביי זיין ביסל בראנפן, וואס ער האט צוליב דעם פארגרייט, כאטש איין גאט ווייסט וואו ער האט אויף דעם גענומען.

אויף דעם אוונט, ביי מיר, האב איך געפלאנט צו פארבעטן עטלעכע שרייבער, וואס זענען מיר נאנט געווארן. איך האב גארנישט געטראכט אז איך האב דא צו טאן מיט וויסנבערגן, וואס איז מיט דער גאנצער וועלט צעריסן.

צווישן די שרייבער, וואס איך האב פארבעטן, איז געווען א פאעט, וועמען וויסנבערג האט מקרב געווען און איצט איז ער געווען פון די אפגעקערטע.

די גאנצע צייט פון פלאנעווען דעם אוונט האט וויסנבערג נישט געפרעגט ביי מיר ווער עס גייט דארטן זיין. דעם לעצטן טאג, ווען אלץ איז שוין געווען גרייט, טוט ער מיך פלוצים א פרעג:

— און ווער אלץ גייט דארטן זיין?

רעכן איך אים אויס איין נאמען נאכן אנדערן און ער פאטאקעוועט מיט דעם ווייכן, פויליש־יידישן ‚גיט“. נאר אט רוף איך אן דעם נאמען פון יענעם פאעט. וויסנבערג קוקט מיך אן מיט די קאלמיקישע אייגעלעך, ווי ער וואלט געוואלט דערגיין צי איך האב אים נישט עקסטרע אפגעטאן דאס שפיצל און איינגעלאדן איינעם, וואס ער קאן נישט פארטראגן. נאך דעם אפמעסטן מיך טוט ער א זאג:

— און יעך על ניש קימען אף דעם אוונט.

מיר ווערט ביטער אין מויל. אלץ איז אנגעגרייט. יעדער איז איינגעלאדן און דא זאגט מיר דער סאמע חתן אז ער קומט נישט. איך הייב אן איינצוטענהן מיט אים, ארגומענטירן. עס העלפט נישט. וויסנבערג האלט זיך ביי זיין זאגעלע:

— עץ קאנט דעם דר... זאגן ער זאל זיצן אינדערהיים.

וואס־זשע טוט מען דא? לאזן יענעם קומען, וועט וויסנבערג נישט קומען און יעדער געלאדענער ווייסט אז די שמחה איז לכבוד

ווייסנבערגן. ווידער גיין זאָגן יענעם ער זאָל נישט קומען? ווי קאָן איך דאָס טאָן? ווי קאָן איך אַ מענטש אַזוי מבייש זיין? און חוץ דעם, ווער בין איך עפּעס, וואָס ווייסנבערג זאָל דיקטירן?

—הערט, ווייסנבערג, האָב איך אַ זאָג געטאָן, מיט דער זעלבער אַנטשלאָסנקייט וואָס ער, דעם אָוונט האָב איך געמאַכט פאַר אייך. דאָס מיינט איך וויל איר זאָלט ביי מיר זיין! איך וועל אָבער צוליב אייך נישט מבייש זיין אַ מענטש, אפילו ווען איר וואָלט נישט קומען, וועל איך דאָס אויך נישט טאָן.

נאָכדעם בין איך זיכער געווען וועט ער זיך אויפהייבן און אַוועק ז מיך מער קיינמאָל נישט צו זען. צום סוף האָט ער מיך גוט אָפּגע-מאָסטן, אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט:

— אין יעך האַלט פין אאך! עז זענט נישט ווי די ווייבע דר... יעך על קימען, נאָר עז אַלט מיט דעם גאַניש נישט מאכן קאא צימעס.

8

דעם „יעך האַלט פין אאך" האָב איך נישט גלייך געוואָוינען ביי ווייסנבערגן. די ערשטע צייט פון אונזער קאָנען זיך, שוין אפילו נאָכדעם ווי ער האָט געלייגט אויף מיר זיין שטאַמפּ אַלס שרייבער, האָט ער עפּעס נישט געהאַט צו מיר קיין צוטרוי. ער האָט מיך גע-האַלטן אין איין פאָרשן. עפּעס בין איך געווען פאַר אים אַ צו גלאַטי-קער בעל-דבר, שיעור נישט איינער פון די „גלאַטע צינגלעך" פאַר וועמען ער האָט זיך געהיט ווי פאַר פייער. און ער האָט, אויף זיין נאָ-קעטן, ברוטאַלן שטייגער, מיך געמאַכט פילן אַז ער געטרויט מיר נישט!

איינמאָל, גייענדיק מיט אים אויף לעשנאָ גאַס פּאַרטיפּט אין אַ שמועס — עס רעדט זיך נאָר אַזוי אַ שמועס — אינדערמיטן האָב איך גערעדט און ווייסנבערג האָט געשוויגן, געהערט און בלויז זייער זעלטן ארויסגעקוועטשט אַ וואָרט, אַ שטייגער ווי ער וואָלט אַ קרעכץ געטאָן — פּלוצים טוט ער זיך אַ שטעל אָפּ, מעסט מיך אָפּ ווי גרויס איך בין און טוט מיר אַ זאָג גלייך אין פּנים אריין:

— אין יעך האָב מורא פאַר ענק! עפּעס רעדט עז מיאַ צי שאַין!

דאָס איז אָבער, ווי געזאָגט, געווען בלויז די ערשטע צייט. שפּע-טער איז זיין חשד אַוועק און וואָס מער איך האָב זיך מיט אים געאָמ-פערט, פאַרטיידיקט שרייבער, אָנגענומען זיך פאַר ווערק, איז אַלץ זיין צוטרוי צו מיר געווען גרעסער. אדרבה, ער האָט נאָר אָנגעהויבן צו טראַכטן אויסצונוצן מיין "גלאַט צינגלדיקייט" אין זיין „בעוועגינג", ווי ער האָט אָנגערופן דאָס פאָרען זיך זיינס איבערצומאַכן ס'יידישע לעבן.

און זאָל דאָ געזאָגט ווערן! נישט בלויז אַ ליטעראַטור האָט ער געוואָלט שאַפן אַ נייע, מיט נייע מענטשן אין איר, שרייבער, וואָס זאָלן נישט שטיין אונטערן איינפלוס פון די היינטיקע וואָרט זאָגער, נאָר ס'גאַנצע גייסטיקע לעבן האָט ער געוואָלט איבערמאַכן, פון גרונט אויס, אָנהייבנדיק פון די שולן! אויסוואָרצלען די איצטיקע שולן, די „צישאָ" צוגלייך מיט די „תרבות" און אָנהייבן פונסניי!

אָט, אין דער אַרבעט האָט ער מיך געוואָלט אַריינציען, און נישט בלויז ווי אַ העלפער, נאָר ווי איינער, וואָס נעמט אויף זיך אַמעריקע. דאָס הייסט אַמעריקע זאָל איך נעמען איבערמאַכן, פונקט ווי ער קלייבט זיך איבערצומאַכן פוילן, ס'יידישע פוילן, וואָס די ליטוואַקעס האָבן פאַרכאַפּט און ברענגען עס אום. און ער האָט דאָס געמיינט בלוט ערנסט! ווי און ווינד וואָלט געווען צו מיר ווען איך וואָלט די דאָזיקע דאָן קיכאָט פּלענער אויסגעלאַכט, אָדער אָפּגעפרעגט אפילו!

איינמאָל קומט וויסנבערג צו מיר אויף דער דירה, אויף ביעלאַנס־קע גאַס און פאַרטרויט מיט אַ סוד, אַז אין דעם און דעם אָוונט קומט פאָר זייער אַ וויכטיקע „פּ'זאַמלינג!"אויף דער „פּ'זאַמלינג" דאַרף נישט מער און נישט ווינציקער, געשאַפן ווערן די לאַנג געגאַרטע געזעל־שאַפט, וואָס וועט אָנהייבן איבערצומאַכן ס'גאַנצע יידישע לעבן! און וואָס איז אַמוויכטיקסטן, ער האָט שוין פאַרטיק די „סט'טוטן"!

— ווער, פרעג איך אים, וועט דאָס דאַרפן זיין אויף דער „פּ'זאַמלינג"?

— בלויז "אימפּ'טיאַישע" וועלן דאָרטן זיין!

געדערכט איז ער אפילו געווען, וויסנבערג! אַז מען וויל באַ־פרייען ס'יידישע לעבן פון די פאַרטייען, קאָן מען דאָך עס נישט ווי־דער אָנגעטרויען די פאַרטיי־לייט! דעריבער דאַרפן אויף דער „פּ'זאַמלינג" זיין בלויז „אימפּ'טייאַישע"!

מיר איז אפילו געוואָרן טשיקאַווע צו זען אין וואַרשע „אימפּ'טיי־אישע" יידן. וואָרים, לויט ווי איך האָב דענצמאָל געפונען וואַרשע איז יעדער ייד נישט נאָר געווען עפּעס אַ פאַרטיי־מענטש, נאָר יעדער איינער האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ טוץ פאַרטייען! און דאָ קומט גאָר וויסנבערג און גייט מיך צונויפפירן מיט „הוילע אימפּ'טייאַישע לייט"!

איך האָב זיך קוים דערוואַרט אויף דעם גרויסן אָוונט! ענדלעך טוט זיך וויסנבערג מיט דער טעקע אונטערן אָרעם אַ שטעל אַריין צו מיר אין צימער:

— קימץ!

געפירט האָט ער מיך אַזש אויף מאַרשאַלקאָווסקע גאַס, אין הויז פון דעם גראַווירער, גאָלדבערג. דאָרטן, אַרום אַ רונדן טיש, זענען שוין געזעסן עטלעכע יידן. איך האָב זיי באַטראַכט, די טשיקאַווע „ברואים", וואָס דאַרפן זיין אימפּ'טייאַיש! אָט איז אַ ייד מיט אַ פיינע הערצל־באָרד אַן „אימפּ'טייאַישער" בוגדיסט פּיערווי סאָרט! אָט זענען צוויי אַנדערע יידן, אָן בערד אַפילו, נאָר אַלטע, „אימפּ'טייאַישע" פּאַראַיינאָקטע, יידן נאָך פון די אַמאָליקע עס־עס! איינער — אַ פּויל־בלוטיקער ציוניסט! נאָך צוויי, טאַקע אומפּאַרטייאַיש, זענען זיי אָבער זשעליכאָווער, ווייסנבערגס בני־עיר. וואָס דאָס איז מער נאָך ווי אַ פּאַרטיי. נאָר ווי אין אונטער ריישעכץ, זענען זיי געבעך אַבי־סעלע געכאַפּט געווען, דאַכט זיך אויפן רעכטן פּועלי ציוניזם!

חוץ די עטלעכע גווידערדיקע דאַמען, פיינע, וואָוילע יידישע טעכ־טער, וואָס זענען אויף אַן אמת געווען פּאַרטייאַיש. סאַי אין זייער אויסוואַל פון ציגאַרעטן, סאַי אין זייער בראַקירן מיט אַ גלעזעלע יי"ש, זענען אַלע געווען אמת'ע „אימפּ'טייאַישע"!

דער עולם, וואָס איז דאָ געקומען ראַטעווען דאָס יידישע לעבן, האָט זיך גוט געפילט. מען האָט געטרונקען קאָניאַק. געזופּט טיי, גערויכערט. נאָר איין ווייסנבערג איז געווען זייער פאַרנומען. ער האָט זיך געפּאָרעט אין דער טעקע, דאָרטן. פון וואַנען ער האָט יעדן טאָג אַזוי במנוחה אַרויסגעצויגן זיין דאָר רעפּטעלע ברויט צום מיטאָג זיינעם. איצט האָט ער פון דאָרטן אַרויסגעשלעפּט עטלעכע מאַשין־געשריבענע זייטלעך פּאַפּיר, זיי פאַנאַנדערגעלייגט און אַ זאָג געטאָן מיט באַפעל:

— נו, עמע אָנהייבן! און איידער נאָך מען האָט צייט געהאַט זיך אָנצונעמען מיט שטילקייט, האָט ער שוין גענומען לייענען די „סט'טוטן" זיינע, וואָס האָבן אים זיכער געקאָסט די עטלעכע גראָשן פון נישט איין מיטאָג זיינס!

אין די דאָזיקע „סטאַטוטן" האָט זיך גערעדט פון אַלצדינג! די בענק אין די שולן דאַרפן זיין פון אַזאַ און אַזאַ הויך. די לעקציעס, וואָס די ניינגעריגדעטע געזעלשאַפט וועט איינאָרדענען, דאַרפן גע־דויערן אַזוי און אַזוי לאַנג! די טיי האַלע, וואָס מען וועט באַלד דאַר־פן איינפירן, זאָל זען צו רעכענען אַ גלעזל טיי „וואָלוול", „אַרביטאַ־רער" זאָלן זיך קאָנען פאַרגינען צו טרינקען.

איך בין געזעסן און געקוקט אויף ווייסנבערגן, וואָס, דאַכט זיך, פון אויבן אויף, ווייזט ער אויס, אין בעסטן פאַל, נאַאיוו, אויב טאַקע נישט אַביסעלע געכאַפּט אויפן בוידעם שטיבל! אינדער'אמת'ן

אָבער האָב איך אונטער דער נאַאיוויטעט, אונטער דער זינלאָזיקייט, געזען דעם שטעטלדיקן העלד זייִנעם, יאַנקלען, וואָס נעמט זיך צום הארץ, וואָס די פּני הייבן דעם מקח אויפֿן פּסח׳דיקן מעל און ער כאַפּט זיך צו צום באַלעמער מיט זיין אַרבעטאַרישער פויסט און טוט אַ זעץ אין טיש: „מ׳עט ניש צאָלן״!

אָט, די דאָזיקע „סטאַטוטן״, מיט די „אימפּ׳טייאישע״ „פ׳זאַמ־לינגען״, מיט דעם גאַנצן כאַאָס, זענען געווען זיין אומבאַהאָלפענער פּראָטעסט, זיין זעץ אין טיש, קעגן זאַכן און צושטאַנדן, וואָס זענען אים נישט געווען צום הארצן! צושטאַנדן אויף וועלכע היפּשער שימל האָט זיך אָפּגעזעצט! ער האָט געוואָלט דעם דאָזיקן שימל אָפּ־קראַצן פּשוט, מיט נעגל, בעת דאַרפֿן האָט מען גאָר צו אזא מלאכה אַ דעליקאַט, איידל, דין, צווענגעלע, דאָס צווענגעלע פֿון גרויסן גייסט, פֿון אַ סך וויסן און נישט ווייניק טאַקט, אַלץ אַזוינס, וואָס ווייסנבערג האָט נישט פֿאַרמאָגט! פֿאַרמאָגט האָט ער יאָ אַ טראַגישן ריס! אַ טראַגישע צעשפּאָלטנקייט! פֿון איין זייט אַ געניאַל אויג, פֿון דער אַנדערער זייט אַ קריכענדיקן גייסט! פֿון איין זייט אַ וואונדערלעך באַנעמען, פֿון דער אַנדערער, אַ שטאַמלעניש ביים איבערגעבן דאָס באַנומענע, דאָס געזעענע! פֿון איין זייט די נאַאיוויטעט פֿון אַ קינד, פֿון דער אַנדערער, די האַרטע ביטערקייט פֿון אַ פּויער! פֿון איין זייט די צאַרטסטע, דינסטע, ריטערלעכסטע איידלקייט, פֿון דער אַנ־דערער די ריקזיכטלאָזסטע גראָבקייט! אָט, דער ריס, די טראַגישע געשפּאָלטנקייט, האָט דאָס גורם געווען צו דער טראַגעדיע איטשע מאיר ווייסנבערג.

א. ל. אָוונטאַל

1939 — 1903

פריצייטיק איז געשטאָרבן דער יונגער, באַגאַבטער ייִדי־שער שרייבער, א.ל. אָוונטאַל.

ער איז אוועק פון אונדז אין סאַמע אָנהויב פון זיין ליטעראַרישער אַנטוויקלונג.

אין די עטלעכע דערציילו־גען, און דער עיקר אין די קינדער-מעשות, געדרוקט אין „קינדער-זשורנאַל״, האָט ער באַוויזן, אז ער האָט געהאַט שוואונג, פאַנטאַזיע און הו־מאָר.

ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט גרויסע פּלענער, האָט אָנגעהויבן שרייבן אַ ראָמאַן — ברייט פאַרמאָסטן, מיט א סך אמביציע. ער האָט געהאַלטן אין שרייבן פאַרן „המשך״ א ספּעציעלע דערציילונג פון נעגער־לעבן.

די אַלע חלומות און פּלענער האָט דער אומדערבאַרעמדיקער טויט איבערגעריסן!

א. ל. אונטאל

נאכן יאריד

(פראגמענט)

פארנאכט נאך דעם יאריד זענען די גוים זיך צעפארן צוריק איז די דערפער אריין. דער מארק איז געבליבן ליידיק. דער שניי וואס איז אינדערפרי געווען אויסגעשפרייט, ווי א ווייס טישטוך, איז איצט געלעגן א צעראיעטער, א שמוציקער פון פערדן קויט. די קרעמער האבן נאך געפרואווט אויפבלאזן די אויסגעגאנגענע פייער־טעפ, און זיך אביסל דערווארעמען. די ווייבער האבן גענומען איבערציילן דעם פדיון, וואס מען האט היינטיקן מארק־טאג אריינגענומען. די מאנסבילן זענען אוועק אין בית־המדרש צו מנחה־מעריב.

אין בית־המדרש זענען שוין געשטאנען רעדלעך יידן און ארומגערעדט דעם היינטיקן מארק־טאג און אויך די מלחמה. א ייד א קרעמער, אין א פעלצל, אויסגעווייקט אין טראן, האט זיך געקאכט:

— איך וואלט זיך גיכער גערעכט א טויט אויף זיי! איך זאג אייך פאניע איז ארויס פון די האלאבליעס!

דא האט נאך איינער געוואלט עפעס זאגן, נאר ער האט שוין נישט באוויזן, ווייל אין בית־המדרש האט זיך ווי א ווינט אריינגעיאגט מאיר דעם רבס. ער איז אריין מיט א צעבראסטעטן כאלאט, דער קאשקעט אין א זייט, דאס שווארצע בערדל — גאר צעפאטלט; אין האנט האט ער געהאלטן א שטיקל פאפיר און ער האט אויסגעשריגן:

— איר זעט די טעלעגראמע? דא איז פרישע נייעס! און אנשטאט איבערלייענען האט ער גאר צוגעלייגט די צייטונג און איז אנטשוויגן געווארן.

— אזא גזלן — איז דער עולם געווארן נייגעריק — לאמיר הערן! וואס איז דאס פאר א נייעס?

מאיר האט צוריק גענומען אויסגלייכן די צעקנייטשטע טעלעגראמע און גענומען לייענען:

— ארום די קארפאטן, אונזער ארמיי, וואס באשטייט פון פינף און צוואנציק טויזנט זעלנער האבן זיך געשטעלט אין א קאנטאר אטאקע.

— איז וואָס-זשע דערפון געדרונגען? — האָט אים דער עולם גע־נומען איבערפרעגן.

— אַט דאָס טאַקע וויל איך דאָך אַליין אויך וויסן — האָט מאיר געקוקט אויף דעם עולם און געזוכט, אַז עמיצער זאָל דאָס אים געבן צו פאַרשטיין.

מאיר דעם רבס האָט נאָך אַמאָל גענומען לייענען די טעלעגראַמע, דאָס מאָל שוין אין דער שטיל, פאַר זיך אַליין. דערביי האָט ער פאַר־קוועטשט דעם שטערן, געמאַכט גרימאַסן מיטן פּנים, אַ סימן, אַז עס איז נישט אַזאַ לייכטער ענין. פונדעסטוועגן האָט ער אויסגעשריגן:

— יידן, שוין. איך ווייס שוין! אַט די נייעס איז נישט גוט פאַר „פּאַניען".

מאיר האָט געלייענט די טעלעגראַמע מיט אַ ניגון און מיט פּשט, אַזוי, אַז עס זאָל דווקא אויסקומען גוט פאַר „פּאַניען". ער האָט דאָס געטאָן צוליב צוויי טעמים: ערשטנס, האָט ער זיך געוואָלט קילן דאָס האַרץ פאַר דער הייניטיקער שרעק, וואָס די זעלנער האָבן אַנגעוואָרפן אויף דעם שטעטל. ווארים אַזאַ מעשה ווי די הייניטיקע, וואָלט קיינ־מאָל זיך ניט געקאָנט פאַרלויפן אין אַזאַ מדינה ווי קירע אָדער פּרייסן. מאיר דעם רבס האָט זיך דאָ געוואָלט אָפּרעכענען מיט „פּאַניען". ער האָט געהאַט אַ פּערזענלעכע סיבה דערביי. מאיר האָט זיך אַט באַלד באַדאַרפט שטעלן צום פּריזיוו. ביי דעם פּריזיוו, האָט מען געשמועסט, וועט זיין אַ שחיטה, מען וועט קיינעם נישט בראַקירן. אפילו קורצ־זיכטיקע, מיט ברילן וועט מען אויך אָפּגעבן פאַר סאָלדאַטן. סיידן זיך אָפּהאַקן אַ פוס... איז דעריבער די איינציקע ישועה, וואָס וואָלט גע־קאָנט ראַטעווען כל ישראל און אויך אים מאירן איז, קירע זאָל אַריין אין שטעטל. איז אָבער אַ קשה, ווי אַזוי? אַז ס"ה שפּאַרט שוין פּאַ־ניע אַן אַזש אין גאַליציע! און בדעה האָט ער נישט אַנדערש, ווי זיך אַריינצוכאַפּן מיט די שווערע שטיוואַליעס זיינע אין דער שיינער שטאָט ווין, וואו פראַנץ יאָזעף, וואָס איז ממש אַ אידישער שר, קעניגט!

מאיר דעם רבס איז געוועז צעוואַרעמט. ער האָט געלייענט דאָס בלאַט מיט האַרץ:

— אַ קאַנטאַר אַטאַקע — האָט ער געגעבן צו פאַרשטיין דעם עולם — מיינט, מען איז אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן! ביקסן מיט האַרמאַטן קאָנען שוין העלפן ווי אַ טויטן באַנקעס. איין זאַך איז נאָר פאַרבליבן, דאָס איז: די שפּיז. אַט וואָס אַ קאַנטאַר אַטאַקע מיינט!

אליו מרדכי, וואָס איז נישט לאַנג געקומען פון פראַנט אויף אורלויב, איז געשטאַנען לעבן רעדל. ער האָט געגלאָצט מיט זיינע קאַלטע

גרויע אויגן אויף דעם עולם. ווי תמיד, איז ער איצט אויך געווען קאַרג אויף ווערטער, נאָר אַז מאיר דעם רבס האָט גענומען אויסטייטשן די סטראַטעגיקע, וואָס ער, אַ זעלנער, איז אַזוי בקי דערין, האָט ער זיך אויך אַריינגעמישט:

מיר דאַכט זיך מאיר — האָט ער שטילערהייט אַ זאָג געטאָן — אַז דו ווייסט נישט וועד עס האָט דיך געשלייערט. אַ קאָנטאַר אַטאַקע מיינט נאָך נישט, אַז מען איז אַרומגערינגלט.

— וואָס־זשע פאַרט מיינט דאָס — האָט זיך אַ ייד געשטופּט מיט אַ זייט און זיך אַריינגעשניטן טיפער אין רעדל אַריין און געהאַלטן אָנגעשטעלט דאָס רעכטע אויער — אדרבה! לאָמיר הערן, וואָס „פּאַניעס אַ מענטש" האָט צו זאָגן.

אליו מרדכי האָט אָנגעהויבן צו פאַרטייטשן דעם עולם, וואָס אַזוינס אַ קאָנטאַר אַטאַקע איז. עס האָט אים אָבער אויסגעפעלט פּאַדים. ער האָט זיך נעבעך געפּלאָנטערט מיט דער צונג אהער און אהין און פאַר דעם עולם איז דאָס אַלץ געבליבן אַ רעטעניש. די איינציקע הילף האָט דאָ געקאָנט קומען פון פּנחס סאַצקער. ער קען דאָך עפּעס יסיש. ער לייענט דעם „קיוווסקי מיסעל", וועט ער שוין אויסברייען, וואָס אַ קאָנטאַר אַטאַקע מיינט.

דערווייל, איידער פּנחס סאַצקער איז געקומען, האָט זיך דער עולם צעטיילט אויף צוויי צדדים. איין צד, מיט ליבער מלמד בראש, האָט געהאַלטן מיט מאיר דעם רבס און דער אַנדערער צד, מיט איצע אָפּטייקער אין דער שפּיץ האָט געהאַלטן מיט אליו מרדכין.

— כאָטש איך קאָן טאַקע נישט קיין גויאיש — האָט געטענהט ליבער מלמד — פונדעסטוועגן ווייס איך, אַז מאיר איז גערעכט. ווייל נאָך מיין חשבון נאָך וואָלט „פּאַניע" שוין פון לאַנג באַדאַרפט לויפן פון גאַליציע. אָפּגעזאָגט די פּאָר ווערטער, האָט ער גענומען קוקן אויף דעם עולם, זען צו עמיצער וויל אים עפּעס פרעגן, נאָר אַז אַלע האָבן געשוויגן, האָט ער געמאַכט אַ קולאַק, פון דעם קולאַק האָט ער פריי געלאָזט דעם גראָבן פינגער, אים געפירט פון רעכטס אויף לינקס און זיך אַליין געשטעלט די פראַגע:

— איי, וועט איר פרעגן, פאַרוואָס־זשע איז טאַקע „פּאַניע" נאָך אַלץ אין גאַליציע? וועל איך אייך ענטפערן: דער ווינטער איז נעבעך אַ ביטערער. כּידוע, זענען די עסטרייכער איידעלע מענטשן, זיי קענען נישט פאַרליידן קיין קעלט. דערפאַר שווייגן זיי. לאָז נאָר קומען דער זומער, וועלן זיי שוין ווייזן „פּאַניען", וואָס זיי קענען. איי וועט ער לויפן!

איצע אַפּטייקער איז געשטאַנען אַנטקעגן ליבער מלמד, ווי אויף שפּילקעס. ממש דאָס בלוט האָט אין אים געקאָכט. ער האָט געוואָלט ליבער מלמד אַריינזאָגן עפּעס, נאָר ער האָט זיך געשראָקן. ער האָט מורא געהאַט זיך אָנצוהויבן מיט ליבער מלמד. ווער וויל דאָס אַריינ־פאַלן צו אים אין מויל אַריין? נאָר קוקנדיק אויף ליבערס פּנים, וואָס איז געווען פול מיט נצחון, האָט זיך שוין איצע דער אַפּטייקער נישט געקאָנט איינהאַלטן און ער האָט אַ זאָג געטאָן צו איינעם, וואָס איז געשטאַנען לעבן אים:

— העי, ער זאָגט, „לויט זיין חשבון וואָלט שוין „פּאַניע" באַ־דאַרפט לאַנג לויפן פון גאַליציע". „לויט זיין חשבון!" ווען אַ פּרעמ־דער וואָלט דאָס געהערט, וואָלט ער טאַקע געמיינט, אַז עפּעס אַ גענע־טער מענטש רעדט, נישט ליבער מלמד! —דערביי האָט ער זיך אַראָפּ־געבויגן און יענעם אַריינגערוימט אַ סוד — און איך זאָג, אַז אליו מרדכי ווייסט בעסער ווי מאיר דעם רבס.

אין בית־המדרש איז אַריינגעקומען פּנחס סאַצקער. זיין ווינטער־מאַנטל, מיט דעם קאַטיקאַווע קאָלנער, איז געווען פאַרשפּיליעט אויף אַלע קנעפּלאַך. די קאַרעקאַלענע קוטשמע איז געלעגן אויף זיין קאָפּ גבירישע געגנעדיק. כדי ער זאָל האָבן אַ פריִיע האַנט, האָט ער זיין טשערעטן שטעקל אויפגעהאַנגען אויף דעם עלנבויגן. ער האָט פון קעשענע אַרויסגענומען אַ ווייס טיכעלע און גענומען אויסווישן די פּענסנע זיינע. ווישנדיק די ברילן איז ער געבליבן שטיין פון וויטן און באַטראַכט דעם עולם. ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז דאָס רעדל יידן וועט זיך מטריח זיין און צוקומען צו אים.

און אַזוי איז טאַקע געווען: באַלד האָבן זיך צו אים גענומען צו־שאַרן גרופּקעלעך יידן פון אַלע זייטן. עס איז געוואָרן אַ רעדל אַרום אים.

מאיר דעם רבס איז אויך צוגעגאַנגען. ער האָט אים דערלאַנגט די טעלעגראַמע און אַ פרעג געטאָן:

— פּנחס, אפשר וועסטו קאָנען דערגיין אַ טאָלק אין דער טעלעג־ראַמע? שווער צו וויסן וואָס עס מיינט „קאָנטאַר אַטאַקע".

פּנחס סאַצקער האָט גענומען די טעלעגראַמע, זי אַרומגעקוקט און אָנגעהויבן לייענען אויפן קאָל. ער האָט געלייענט פּאַמעלעך, יעדעס וואָרט אַרויסגעזאָגט שאַרף, ווי ער וואָלט געזאָגט די ברכות פון מפטיר. ווען ער איז צוגעקומען צום וואָרט „קאָנטאַר אַטאַקע" איז ער געבליבן שטיין, ער האָט נעבעך אַליין אויך נישט געוואוסט , וואָס דאָס מיינט.

אַבער זאָגן, אז ער ווייסט נישט, איז דאָך עפּעס נישט שיין. ווי פּאַסט עס פאַר פּנחס סאַצקער? האָט ער דערפאַר די גאַנצע טעלעגראַמע אוועקגעמאַכט מיט דער האַנט:

— ווייס איך וואָס? מענטשן מאַכן א טומל פון גאָרנישט! דאָס הייסט ביי אייך נייעס? איך וועל אייך דערציילן וואָס איך האָב גע־לייענט אין דעם „קיעווסקי מיסעל.“ אָט דאָ איז נייעס!

דאָס רעדל האָט גענומען ווערן גרעסער. יעדער איינער האָט זיך געשטופּט מיט אַן אויער פאַראויס, נישט חלילה צו פאַרפעלן א וואָרט, וואָס פּנחס סאַצקער דערציילט.

ר' פּנחס האָט צוגעוואַרט ביז דער עולם האָט זיך איינגעשטעלט:

— איר ווייסט וואָס דאָס איז פאַר א נייעס? דער — טערק — איז אַרויס אין קריג! און אַנטקעגן וועמען מיינט איר? אַנטקעגן פּאַניען!

— אזוי? האָט דאָס רעדל אויסגעשריגן — דער טערק גייט זיך שלאָגן מיט „פּאַניען!“ או־וואַ! כ'לעבן! טאַקע א נייעם!

— נו — האָט משה הערש שניידער, מיט א ליפּ ווי א הויפּטל קנאָבל, א זאָג געטאָן — איצט מעג זיך שוין פּאַניע רעכטן אויף אַן אמתע מפּלה.

— יאָ, יאָ, א גרויסע מפּלה — האָט דער עולם צוגעשטימט.

ליבער מלמד האָט אפילו די נייעס, וואָס פּנחס סאַצקער האָט דערציילט, אויפגענומען גאַנץ רואיק. אין דער צייט, ווען דער עולם האָט זיך אזוי צעסמאַקעוועט מיט די ליפּן, איז ליבער מלמד געשטאַנען און זיי באַטראַכט אזוי קאַלט, און א זאָג געטאָן פול מיט ביטול:

— וואָס חידושט איר זיך אזוי? ווער עס געדענקט ווייסט, אז איך האָב דאָס נאָך פריער געזאָגט, אז דער טערק וועט נישט בלייבן שטיין פון ווייטן. דער שכל איז מתחיב. „פּאַניע“ וויל סטאַמבול. פאַר פּאַניען איז סטאַמבול אַ גאַנצע מוצא מיט האָניק. א נייעס?

ער האָט געגעבן א מאַך מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט זיך שוין אינגאַנצן מיאש געווען:

— וואָס איז דאָ צו רעדן? די מלחמה פאַר „פּאַניען“ איז א פאַרשפּילטע!

ליבער מלמד מיט איצע אַפּטייקער, כאָטש זיי זענען ביידע געווען פייער מיט וואַסער, ווען איינער האָט געזאָגט יאָ, האָט דער צווייטער געזאָגט ניין, פונדעסטוועגן זענען זיי ביידע געווען צופרידן מיט דעם, וואָס דער טערק האָט דערקלערט מלחמה. מילא, אויף ליבער מלמד

איז פאַרשטענדלעך. ער, ליבער מלמד, איז דאָך עפּעס א פאַרברענטער „דאַטש". ער וואָלט געוואָלט אויסרייסן פּאַניען מיט דעם וואָרצל! אָבער ווי קומט עס, וואָס איצע אַפּטייקער? ער, וואָס איז א פאַרקאַכטער פּאַניע, זאָל זיין צופרידן מיט דער נייעס? עס מיינט דאָך, אז דאָס וואָס דער טערק האָט דערקלערט רוסלאַנד מלחמה וועט דייטשלאַנד ווערן שטאַרקער!

איצע אַפּטייקער האָט אָבער געהאַט זיין חשבון. איצט האָט ער איינגעזען, איז געקומען דער שעת־הכושר נקמה צו נעמען אין זיין אייגענעם שונא, אין ליבער מלמד. עס האָט אים שוין אפילו נישט אָנגעהויבן צו אַרן, וואָס דער דייטש וועט ווערן שטאַרקער, אַבי נאָר ער זאָל קאָנען קריגן איבער ליבער מלמד די אויבער־האַנט. און איצט, נאָך אַט־אָ־די נייעס, וואָס פּנחס סאַצקער האָט דערציילט, איז געווען זייער לייכט צו קריגן די אויבער־האַנט איבער ליבער מלמד. פּונקט אין דער וואָך איז געגאַנגען די סדרה „תולדות„. איצע אַפּטייקער, אַריינקוקנדיק אַזוי אין „תולדות" מיט דעם „בעל עטורים", האָט ער דערזען אַזא מין זאַך: אין „תולדות" איז פאַראַן א פּסוק, „על פּני כל אחיו נופל", האָט דער „בעל עטורים אויף דעם פּסוק אַזא מין דרש"— ווען ישמאל וועט פאַלן וועט קומען משיח".

איצט, ווען ער האָט דערהערט די נייעס, אז טערקיי האָט דערקלערט מלחמה, האָט ער זיך גאָר מחיה געווען. איצט, וועט שוין ליבער מלמד מוזן האַלטן מיט אים. ווייל ישמאל מיינט דאָך דער טערק. הייסט דאָס, ווען דער טערק וועט פאַלן וועט קומען משיח. איז ווי וועט ער, ליבער מלמד, קענען האַלטן מיט דעם דייטש, ווען דער טערק האָט געמאַכט יד־אחת מיט אים. וואָס, וואָס קעגן משיח'ן איז דאָך נישט ליבער מלמד. דערפאַר טאַקע, ווי נאָר איצע דער אַפּטייקער האָט דערהערט די נייעס פון פּנחס סאַצקער, האָבן זיך זיינע קליינע אייגעלעך צעגלאַנצט פאַר שמחה און א שמייכל האָט זיך צעגאָסן אויף זיין פּנים. לאַנג לעבן רעדל איז ער שוין נישט געשטאַנען. פאַר נחת האָט ער זיך געגעבן אַ גלעט די באָרד און איז אַוועקגעגאַנגען זיך אַוועקזעצן לעבן אויוון:

— ער האָט שוין דאָ נישט וואָס צו שטיין. זיינס האָט ער שוין אויסגעפירט. איצט האָט ער גענומען וואַרטן, אז ליבער מלמד זאָל אים פאַרטשעפּען. ער וועט אים שוין מער נישט בלייבן שולדיק, ווי ביז איצט. ער האָט שוין א בייטש קעגן אים!

ליבער מלמד איז עטלעכע מאָל אַדורכגעגאַנגען וואו איצע אַפּטיי-

קער איז געזעסן און זיך אפילו נישט אומגעקוקט אויף אים. נאָך אַזעלכע צוויי נייעכן, וואָס זענען היינט אָנגעקומען, איז שוין איצע דער אַפּטייקער גענוג געשטראָפט. און גלאַט גיין יענעם שיטן זאַלץ אויף די וואונדן דאַרף מען נישט.

אָבער איצען איז ממש אויסגעגאַנגען דאָס האַרץ צו פאַרפירן אַ שמועס מיט אים. נו, מען וועט אים עפּעס דאַרפן אַ פרעג טאָן, האָט ער זיך אליין אַ זאָג געטאָן.

דערווייל, איידער עפּעס וואָס, האָט ער זיך פאַרגרייט דעם „חומש" מיט דעם „בעל עטורים". זאָל זיין גרייט דאָס כלי־זין. און ווען ליבער מלמד איז ווידעראַמאָל פאַרבייגעגאַנגען האָט ער אים כלומרשט אַ זאָג געטאָן:

— דאַכט זיך, אז ער, מאיר דעם רבס, האָט זיך ערשט נישט לאַנג אויסגעלערנט רוסיש, ווי אזוי אזא פאַרשוין גייט זיך שוין שפאַרן מיט אליו מרדכין, וואָס איז אַ סאָלדאַט און איז געווען אויפן פראָנט, ווייס איך נישט!

ליבער מלמד האָט אים אַדורכגעשפּיצט מיט די אויגן, ווייל מאירס כבוד איז זיין כבוד און ער האָט אים אַ פרעג געטאָן מיט אַ שמייכל, וואָס דערגייט ביז דער זיבעטער ריפּ:

— אָבער דאָס וואָס פנחס סאַצקער האָט דערציילט, גלויבסטו שוין יאָ? האַ, וואָס זאָגסטו אויף דעם?

— וואָס האָב איך וואָס צו זאָגן — האָט זיך איצע דער אַפּטייקער געמאַכט פאַר אַ גאַנצן עניו — זע בעסער, וואָס דער „בעל עטורים" זאָגט — און ער האָט אים אונטערגעטראָגן דעם „חומש" גלייך אונטערן נאָז.

ליבער מלמד האָט מיט די אויגן גענומען לויפן איבער די אותיות, געפירט די פינגער פון איין וואָרט צום צווייטן, זיך פאַרטראַכט. ער האָט גענומען מאַכן מיט די ליפּן, פאַרקוועטשט דעם שטערן, ער האָט פאַרמאַכט איין אויג און זיך גענומען קראַצן אונטער דעם בערדל און זיין פּנים איז פּלוצים בלייך געוואָרן.

איצע דער אַפּטייקער האָט געקוקט אויף אים מיט אַ שמייכל און געפילט, אז ער, איצע, האָט גובר געווען!

ליבער מלמד איז אָבער באַלד געקומען צו זיך און אַ זאָג געטאָן:

— מע, אַ פיינער דרש, וואָס־זשע ווילסטו מיט דעם זאָגן? דאָס מיינט, אז נאָך דער מלחמה קאָן קומען אַ נייע מלחמה און טאַקע צווי־

שן דעם דייטש און טערק. אָפּגעזאָגט, איז ער זיך פֿאַמעלעך אוועק־געגאַנגען.

איצע אַפּטייקער איז געבליבן זיצן אַ געקריוודעטער. ער האָט איצט פֿאַרלוירן די לעצטע פֿעסטונג. ער איז אויפֿגעשטאַנען, פּאַוואָליע צו־געדרעפּטשעט צום כּיור, זיך געוואַשן די הענט, צוגעגאַנגען צום עמוד, אַ קלאַפּ געטאָן און אָנגעהויבן מיט אַ זייער דערשלאָגן קול: אשרי יושבי ביתך...

אינהאַלט:

פאַרוואָס „המשך"?
ל. ס—ר —ה. לייוויק 5
מאיר סעגאַל — לידער 20
ש. איזבאַן — בוכאַרישער קוואַרטאַל 28
ב. ו—ן — ליעסין־געשטאַלט 61
יעקב גלאַנץ — לידער 64
ב. דעמבלין — תכלית 70
ב. ד—ן — ברוך וולאַדעק 117
בעריש ווײַנשטיין — גלות און וואָגל 124
ל. טרײַסטער — אויף פּאַרווײַעטע וועגן 134
באַגריסונג צו ברוך גלאַזמאַן און א לעיעלעס 217
משה שטאַרקמאַן — דער יונגער יידישער דיכטער אין אמעריקע 218
בנימין טײַטלבוים — איטשע מאיר ווייסנבערג 228
א. ל. אָזנטאַל 247
א. ל. אָזנטאַל — נאָכן יאריד 248

אדרעס פון רעדאקציע:
"HEMSHECH" 2950 Ocean Ave., Brooklyn, N. Y.

Copyright by "Hemshech"
New York, 1939
Printed in U. S. A.

הויפּט־פּארקויף:
מאקס נ. מייזעל
424 Grand Street, New York City

Linguist Publishing Co.
54 West 21st Street, New York City

142